STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09327

# ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ

## אינהאַלט פון די 18 בענד׳ער


1) פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן אין פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטיב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

# פון פאַרלאַג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז א דאנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" וועט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שאַרית הפליטה וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווייל בעצם האָט פּרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ שריפה, וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פּרץ איז אַריין אין פייער אריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין א באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע מוזן זיין פון י. ל. פּ ר ץ !

## י. ל. פּרץ


# אַלע ווערק

מיט בילדער, פאַקסימילן, געקליבענע פּערזענלעכע בריוו און

ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי


פאַרלאַג „יידיש“

פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג

בוענאָס איירעס 1944

# דריטער באַנד

---

# דראַמען

PRINTED IN ARGENTINE

**I. L. P E R E T Z**

Obras Completas

TOMO III

**D R A M A S**

**Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"**

**Bmé. MITRE 2146 BUENOS AIRES**

1 9 4 4

# אינהאלט:

| | |
|---|---|
| | זייט |
| אמאל איז געווען א מלך | 9 |
| וואס אין פידעלע שטעקט | 27 |
| א קברות־נאכט | 51 |
| שוועסטער | 63 |
| די גאלדענע קייט | 81 |
| אין פאליש אויף דער קייט | 161 |
| ביינאכט אויפן אלטן מארק | 199 |



דער פּאָליש אין זאַמאָשטשער בית־המדרש (אויפגענומען אין יאָר 1927)

# אַמאָל איז געװען אַ מלך

(ק אָ מ ע ד י ע)

# פערזאָנען:

**לייזער** — א געוועזענער באַמיטלטער קאָמיסיאָנער; איצט אַ ווירט פון אַ שוסטער-וואַרשטאַט פון 2 - 3 מאַשינען. ערשט נישט לאַנג געקומען פון דער פּראָווינץ, עטוואָס גרוילעך. תנועות פון אַ מיוחסדיקן בן-תורה.

**טרײַנע** — זיין ווייב, עטוואָס יונגער, וועלטישער, לײַדנד.

**חנה** — זייער טאָכטער. אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן - זיבעצן. עטוואָס פאַרצויגן, לײַכטזיניק.

**יאָסל** — אַן אַרבעטער, פון לייזערס שטאָט.

**גבריאל** — אַ יונגערמאַן פון קלויז. ערשט-וואָס אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. אין ערשטן אַקט נאָך לאַנג געקליידעט.

**אַרבעטער** — אין לייזערס וואַרשטאַט.

**זאָקן - אַרבעטערין** —

**א שפּייז - קרעמערין** —

אָרט און צייט: ביי לייזער אין וואַרשטאַט, וואַרשע, 1905.

## די סצענע:

דער וואַרשטאַט. — טירן: רעכטס — אין ווײַן-צימער אַרײַן; לינקס — צום פּאַרצימער. די טיר פון פעדערהויז איז פאַרזען מיט אַ גלאָק.

אַ הערבסט-טאָג; מיטיקשטונדע.

(פאַרהאַנג. דער וואַרשטאַט — לער. גלאָק פון פּאַרצימער, יאָסל קומט אַרײַן.)

**ליזער:** (באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון ווײַן-צימער. נאָך אַ בליק צום וואַנטזייגער.) דו יאָסל? באַלד, נאָר אָפּבענטשן... גרייט דיך דערווײַל צו. (ציט זיך צוריק).

**יאָסל:** (זעצט זיך צום וואַרשטאַט. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויף די הענט).

**חנה:** (פון צימער האַלב זינגענדיק):

אמאָל איז געווען אַ מלך,

(שטיין אויף דער שוועל)

האָט ער געהאַט אַ מלכה...

(אין צימער צו יאָסלען) וואָס איז (נענטער צוקומענדיק) אַ שיף מיט זויער־מילך איז דיר אונטערגעגאַנגען? (אַוועקנעמענדיק אים די האַנט פון קאָפּ; מיטלײַדיק:) געהאַט אַ שלעכטן בריוו פון דער היים? — די מאַמע דאַרף געלט?

**יאָסל:** (ברוגז'דיק) ניין...

**חנה:** אַ סוד? — — איר קענט מיר נישט זאָגן?

**יאָסל:** „איר"?

**חנה:** אַז — סודות...

**יאָסל:** ווו ווערט מען עס יעדן נאָכמיטיק פאַרפאַלן? — — טאָג אויף טאָג אויף אַ פּאָר שעה...

**חנה:** (מיט אַ טרויעריקן שמייכל:) איך שפּאַציר...

**יאָסל:** (נישט גלויביק.) טאָג אויף טאָג?

**חנה:** (ווענדט זיך האַלב אָפּ) אַז דער דאָקטאָר הייסט...

**יאָסל** (אויפשטייענדיק) ביסט, חלילה, נישט געזונט?

**חנה:** אי.

**יאָסל** (צוגייענדיק) ס'אַ סוד? — — (אין איר פריערדיקן טאָן): איר קענט מיר נישט זאָגן?

**חנה:** (לאָזט אַראָפּ די ברעמען) כ'לערן מיך אַרבעטן אויף אַ זאָקן־

מאשין — — (זייער שטיל) ביי אונדז איז עס נישט גוט... ס'גאנצע צירונג פארזעצט...

יאסל: און דאס איז א סוד? די שוואלבן אויפן דאך זינגען דערפון...

חנה: דער טאטע וויל, ס'זאל זיין בסוד. ס'קען שאטן צום רעשטל קרעדיט... און ער שעמט זיך. ווייסט דאך, ווער ער איז פון דער היים...

יאסל: (זפצט אפ) א שיין ביסל געלט געברענגט און געפטרט. (פויזע)

חנה: (שעלמיש) און ס'סא חיסרון צו'ן א שידוך אויך — — — זאגט דער טאטע...

יאסל: (געדייצט) און „איר" וואס זאגט — ?

חנה: „איר" — — כ'ווייס? — — (גייט צום פארצימער, קערט זיך אום) נאר געדענקט, יאסל, ס'דארף קיינער נישט וויסן, ווי עס זעט אוים ביי אונדז... קנייפ די באק...

לייזער: (קומט אויף דער שוועל, בלייבט פארדוצט.)

חנה: אדיעי!

יאסל: כ'וועל באגלייטן, — (ביידע ראש אפ.)

לייזער: (פון גלאק געוועקט, רופט) טריינע, טריינע!

טריינע: (באווייזט זיך פון שטוב, ווישנדיק די נאסע הענט אן א שירץ) וואס איז דא?

לייזער: ר'איז זי געגאנגען באגלייטן!

טריינע: וועמען? —

לייזער: דיין טעכטערל.

טריינע: ווער?

לייזער: דער שלעפער!

טריינע: (בארואיקט) דיין יאסל? —

לייזער: מיינער? — ביי מיר אין דער היים וואלט ער מיר קיין שטיוול נישט געפוצט...

טריינע: נו, נו, א סך ווערט דיין יחוס — ס'איז ווארשע... געמענט זיך צוגעווינען (מיט א בליק איבערן לערן ווארשטאט) זע נאר בעסער, דיינע שפייזער! וויפל איז שוין דער זייגער?

לייזער: (נאך א בליק צום זייגער) אז מען טאר נישט רעדן א ווארט... באלד ווארפט מען דעם גט פאר די פיס — ביי שכנים שטרייקט מען שוין — — — (גלאק).

טרײַנע: רעד נישט אַזוי הויך — —

ערשטער אַרבעטער: (קומט אַרײַן) גאַט העלף!

לײזער: וואָס אַזוי שפּעט פון מיטיק?

טרײַנע: ר'איז דאָך נאָך הײַנט נישט געווען! ווייסט נישט?

ערשטער אַרבעטער: ס'קינד איז מיר אַוועקגעפאַלן!

טרײַנע: (מיטלײַדיק דערשראָקן) וואָס איז?

לײזער: (נישט גלויביק) ס'קינד — —

ערשטער אַרבעטער: כ'ווייס? דער חברה־דאָקטאָר זאָגט דען עפּעס? פאַלט אַרײַן... וואַרפט זיך... ניט אַ געשריי „צונג"! — כאַפּט דאָס פאַרצאַפּלטע קינד בײַ דער גרגרת — אַ טאַפּ בײַם דיפּק, ס'קינד צע־רײַסט זיך... און וויל שוין שרײַבן... כּלי כּתיבה — זאָגט ער — חזרישע... (ענדערט דעם טאָן) היץ האָט עס, — זיץ איך דערבײַ.

לײזער: און ס'ווײַב?

טרײַנע: ר'איז דאָך לא עליכם, אַן אַלמן... אַזוי — לאָזט ער עס בײַ'ן אַ שכנה...

ערשטער אַרבעטער: כ'בין געקומען בעטן אַ פּאָר גראָשן.

טרײַנע: (זיך אָפּווענדיק צו לײזערן) געטראָפן ס'אָרט... גיי כאַפּ ערגעץ! (צום אַרבעטער) אָבער, חס־ושלום, קיין סכּנה נישט?

(גלאָק)

חנה: (אַרײַנפאַלנדיק) טאַטע, מאַמע, עפּעס אַ פרעמדער יונגער־מאַן שטייט אויפן הויף. סוידעט זיך מיט די אַרבעטער, רעדט זיי עפּעס אָן.

(אומרואיקע באַוועגונג.)

לײזער: און יאָסלען, ווו האָסטו איבערגעלאָזט?

חנה: (פאַרדריסלעך) זיי האָבן אים צוגערופן... (צו דער מוטער) מאַמע, עפּעס אַזוי אַ כאַלאַטל אַזוינע מיאוסע העוויות, אַזוי קאַמיש — אָבער אַ קול האָט ער און — אויגן! — — (גלאָק)

(עס קומען) גבריאל, (אונטער אָרעם) יאָסל און אַנדערע אַרבעטער.

חנה: (צופּט די מוטער בײַ דער שירץ) זעסט — דאָס איז ער!

גבריאל: (טרעט פאָר) גוט מאָרגן!

לײזער: (מיט פאַרמאַסקירטער גלײַכגילטיקייט) גוט מאָרגן גוט יאָר. וואָס וויל אַ ייִד?...

גבריאל: איר זענט עס באַלעבאָס? איר הייסט, דאַכט זיך, רב...

חנה: (אונטערזאָגנדיק) ר' לייזער...

לייזער: איך. איך...

גבריאל: בין איך אייך געקומען מודיע זיין, רב — — —...

לייזער: „רב לייזער"... אז וואָס?

גבריאל: אז מען שטרייקט ביי אייך!...

טריינע: (פאַלט אויפן בענקל) נאָך דאָס האָט געפעלט!

לייזער: און — פאַר — וואָס —?

ערשטער ארבעטער: מיין קינדס מזל!

גבריאל: עס ווענדט זיך אָבער אָן אייך! ווילט איר ארבעט, מוזט איר געבן 12 פּראָצענט הוספה און אָן ארבעטסטאָג פון 9 שעה.

לייזער: איך ארבעט 16, 18, 20 — ווי א מאָל...

טריינע: (גלייכגילטיק) הוספה!

ערשטער ארבעטער: פארפאַלן מיין קינד!

גבריאל: אזוי מוז זיין!

לייזער: (קאַלט מיט געמאַכטער איראָניע) אויף וועמעס באפעל?

גבריאל: צ. ק.!

(פּויזע)

חנה: (צו דער מוטער) הערסט א קול?

לייזער: (דערשלאָגן, נאָכזאָגנדיק) 12 פּראָצענט הוספה... 9 שעה ארבעט א טאָג...

גבריאל: (האַרט) און א שטונדע נאָך אויף מיטיק!

טריינע: (צו די ארבעטער) אָבער איר זייט דאָך יידן... בני רחמנים... און איר האָט דאָך שכל — — (גייט צו צו א טישל, עפנט ביכער) נאָט, זעט! באַקוקט די חשבונות! צי בלייבט אונדז גאָר ברויט צו דער זעט...

לייזער: (צו זיך) איך נעם מיר נישט קיין שעה אויף מיטיק...

גבריאל: (פאַרמאַכט די ביכער) מען דאַרף נישט, (באַפעלעריש) אזוי מוז זיין!

לייזער: (מעכאַניש נאָכזאָגנדיק) אזוי מוז זיין.

ערשטער ארבעטער: 39 גראַד היץ...

טריינע: אָבער מען מוז דאָך אונדז אויך בארעכענען!

לייזער: עס גייט כסדר: פאַגראָמען... באַנקראָטן... שטרייקן...

טריינע: אָבער וויפל דאַרף אונדז בלייבן! ס'איז דאָך אונדזער ריזיקע, אונדזער סחורה.

גבריאל: ווער בעט אייך, אויף אונדזער חשבון ריזי-

קירן? און — אייער סחורה? דאָס האָט איר, א פּנים אָפּגע־שונדן אן אָקס, מיט אייערע הענט...

טריינע: (באַהאַלט ראש די הענט אונטער זיך.)

גבריאל: (שמייכלט) און איר האָט געגארבט... צו־שניטן...

טריינע: אָבער אינסטרומענטן, מאַשינען, אזויפיל בלוט.

גבריאל: (נעמט אַ העמערל פון טיש) האָלץ און אייזן; איר האָט עס אויסגעגראָבן די הרודע און האָט געמאכט אייזן און דאָס אייזן געשמידט? — הע? און א בוים אין וואלד האָט איר אויסגעהאַקט... און צעזעגט, צעשניטן... און דאָס הענטל געמאכט? איר באַהאַלט שוין ווייטער די הענטלעך, מאדאם? (אויפשטייענ־דיק) אָבער, גענוג... דריי טעג צייט אויף א ישוב גיט מען אייך! — (זיך אומקוקנדיק) וואָס איז היינט?

חנה: (וואָס האָט פון אים קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט, כאַפּט זיך אַרויס): דינסטיק.

גבריאל: (שטרייפט זי מיט א קורצן בליק) היינט ווערט נישט גערעכנט; איז: מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרייטיק... נו (ווענדט זיך צו טריינען;) זונטיק אינדערפרי קומט מען צו אייך נאָך תשובה —

ערשטער ארבעטער: (כאַפּט אָן גבריאלן ביי דער האַנט) אָבער מיין קינד...

גבריאל: (זייער ווייך) כ'האָב אויך א ווייב און קינד, חבר! (צו די ארבעטער) קומט!

טריינע (צו זיך געקומען) אָבער ווי האָט מען עס קיין פונק רחמנות נישט!

גבריאל: (זיך אָפּשטעלנדיק הארט) אין רחמים בדין... ס'א מילחמה מאדאם! דער פּראָלעטאריאט מיטן קאַפּיטאַל! קומט חברים!

טריינע: (פאַרשטעלנדיק דעם וועג) אָבער געדענקט אָן גאָט...

צווייטער ארבעטער: (אָן א זייט) כא, כא, כא! פון גאָט רעדט זי גאָר...

טריינע: אָבער וואָס זאָלן מיר טון?

לייזער: קענסט נייען? ניי אונדז אויף טאָרבעס...

טריינע (צו לייזערן) משוגע? (צו גבריאל) אָבער מיר זענען דאָך אויך לעבעדיקע מענטשן... מיר דאַרפן דאָך אויך לעבן?!

ג ב ר י א ל : אויף פרעמדע חשבונות טאָר מען נישט לעבן... אי־בעריקע זייט איר! (צו די ארבעטער) מארש!

(ארבעטער אָפּ; דער ערשטער צעגערנדי יאָסל מיט אן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ)

ל יי ז ע ר : (פאַלט אויפן בענקל; פּויזע; וויינענדיק) געהערט, טריינע? איבעריקע מענטשן זענען מיר!

(פאָרהאַנג.)

די סצענע פון ערשטן אקט. אין גאנצן איין ביי-מאשין. וויניק סחורה. — א ווינטער-טאג.

---

טריינע: (ארבעט אליין ביי דער ניי-מאשין, עס גייט איר שווער צו, זיפּ־צנדיק, אומבאוווסט) אמאָל איז געווען א מלך... (כאפּט זיך) משוגע גע-וואָרן... (זי וואַרעמט זיך די הענט אויגע אין דער צוויטער).

( ג ל אָ ק )

ד י ש פּ יי ז - ק ר ע מ ע ר ן : (אריינקומענדיק, פינצטערלעך) גוט מאָרגן...

ט ר יי נ ע : (אומרואיק) גוט מאָרגן, גוט יאָר — זעצט אייך...

ד י ש פּ יי ז - ק ר ע מ ע ר ן : שטייענדיק קען איך אויך אפּנעמען א חוב!

ט ר יי נ ע : (אָפּגעפּאַלן) כ'האָב נישט... (שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט.)

ד י ש פּ יי ז - ק ר ע מ ע ר ן : די אויערינגלעך באהאַלט איר? —

ט ר יי נ ע: (לאָזט אַראָפּ די הענט) די אויערן האָב איך מיר געוואַרעמט... ס'איז קאַלט...

ד י ש פּ יי ז - ק ר ע מ ע ר ן : איר האָט מיר נישט וואָס פאראיבל צו האָבן...

ט ר יי נ ע : חס-ושלום, פאַרקערט...

ד י ש פּ יי ז - ק ר ע מ ע ר ן : נו, א גוטן טאָג... איר דאַרפט עפּעס? — — כ'וועל אייך שיקן! וואָס מאַכן אייערע פיס?...

ט ר יי נ ע : (פאַרשטעלט זיך ס'פּנים.) נו, נו, גאָט איז א פאָטער.

( ג ל אָ ק )

ט ר יי נ ע : (ווישט זיך ראש די טרערן אויס; נעמט זיך האַסטיק צו דער ארבעט)

ל יי ז ע ר : (קומט אריין זעצט זיך מיד).

ט ר יי נ ע : דעם גלאָק וואָלט מען באַדאַרפט אראָפּנעמען — —

ל יי ז ע ר : חברה-לייט דרייען זיך ארום... היטן, טאָמער קומט עמעץ ארבעטן... און אויגן האָט עס — — —

טרײנע: אויסגעהונגערטע — — זײ איז שױן נישט בעסער —
לײזער: (אויפגערעגט) האָב נאָך רחמנות! אראָפּגעװאָרפן דעם עול פון גאָט, פון מלכות — מאַכן חרוב אַ װעלט —
טרײנע: גבריאל איז דאָ געװען — —
לײזער: (דערשראָקן) װאָס האָט ער געװאָלט? — — —
טרײנע: כ׳װײס נישט... געזעדט... איבערגעבעטן... ר׳האָט רחמנות. נאָר מען מוז זאָגט ער, אַלץ מוז מען אַנדערש מאַכן, אַלע מוזן זײן זאַט —
לײזער: זײ, זײ װעלן איבערמאַכן, — עם־הארצים, שקצים —
טרײנע: געפרעגט אויף חנהן...
לײזער: ער? — — —
טרײנע: ס׳איז אויף איר אַ רחמנות, זאָגט ער...

(נאָכטראַכטנדיק פּויזע.)

לײזער: געװען אויף דער אסיפה — —
טרײנע: (אומרואיק) װעגן לאָקויט?
לײזער: דער ראש וראשון — עוזר׳ל — — —
טרײנע: אונדזער געװעזענער שותף?
לײזער: דער גנב! —
טרײנע: בדלות האָט ער אונדז געשטעלט...
לײזער: נאָך אין טיר, גיט ער מיך אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז פיס... אַ בעטלער צו מיר אין שטוב אַרײנגעקומען, הײנט געפעלט׳ם נישט מײן „הולך"...
טרײנע: (נאָך לאַנג אָפּװאַרטן) נו? —
לײזער: „צי כ׳האָב 100 רובל אײנצולײגן" — אװעקגעגאַנגען...
טרײנע: (נאָך פּויזע). גלײכער — — —

(פּויזע. לײזער באַטראַכט זי פאַרדעכטיקט).

טרײנע: װײסט װאָס, — ס׳אפילו נישט גלײך... נאָר אַז מע׳ מוז...
לײזער: װאָס?
טרײנע: פאַרזעצן חנהס פּאַליסע...
לײזער: שױן צװען חדשים נישט געצאָלט... אָפּגעפאַלן...

(פּויזע)

טרײנע: די שפּײז־קרעמערן איז דאָ געװען...

ל יי ז ע ר: כ'האָב זי געטראָפן אין פעדערהויז... יאָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן... אַ העזה! כ'זאָל מיט איר צוריקגיין אין קרעמל אַריין, וועט זי מיר מיטגעבן אַ זעקעלע מעל — (געריווצט) קראַנק אָפּצוטראָגן!? — ציִטן!

(פויגלעכע פויזע).

ט ר יי נ ע: מען וועט מוזן פאַרדינגען די צווייטע שטוב — — יאָסל וויל זי נעמען —

ל יי ז ע ר: משוגע ביסטו?

(ג ל אָ ק.)

ט ר יי נ ע: חנהס קלונג — געגאַנגען נאָך דער ניי־מאַשין.

(הערן זיך איין. חנה קומט אַריין אָן עפּעס).

ל יי ז ע ר: ווו איז די מאַשין?

ח נ ה: געטראָפן זיך מיט יאָסלען — — (טראָציק) יאָסל וויל נישט, כ'זאָל אַרבעטן... אַ שאָד מיינע פינגער, זאָגט ער... העגטלעך ווי אַ בת־מלכה, זאָגט ער...

ל יי ז ע ר: חנה!

ח נ ה: טאַמער וואָלסטו שוין, טאַטע, אָוועקגעלייגט דיין פּוסטן יחוס? — — (צו דער מוטער) ער וועט, זאָגט ער, אַרבעטן פאַר זיך, פאַר מיר, פאַר אייך — ער קומט באַלד!

(לייזער אָטעמט שווער פאַר אָנקרעכציקן צאָרן).

ט ר יי נ ע: מען וועט'ם דען לאָזן?

ח נ ה: ר'האָט אַ פאָרטעל, זאָגט ער —

ל יי ז ע ר: נישט ביי מיר! נישט ביי מיר!

ח נ ה: ניי איך אַוועק פון דער היים!

ט ר יי נ ע: לייזער!

ל יי ז ע ר: אַ וועלט! אָן אַן עול פון גאָט, פון מלכות — פון טאַטע־מאַמע — האַ! אפשר וועט זיך די וועלט אַליין פירן... כ'ווייס?

(וואַקלט זיך אין צווייטן צימער אריין;

ט ר יי נ ע: (צו חנהן) קינד, נישט מיט אַמאָל!

ח נ ה: אַז די געדולד פּלאַצט — —

(טריינע אַרבעט)

ח נ ה: (גייט איבער דער שטוב, ברומענדיק)

אַמאָל איז געווען...

האָט ער געהאַט אַ מלכה —

האט די מלכה נישט געהאט וואס צו עסן, האט ער איר א ציאסטע געקויפט (געמט ארוים א ציאסטע, וויל איינבייסן) מאמע, ווילסט א שטיקל? . . .

ט ר יי נ ע : ניין, טאכטער... עס געזונטערהייט... מיין מאגן פארדייעט נישט אזוינס — (ארבעט שנעלער)

ח נ ה : (נאכן אויפעסן) ביסט שוין לאנג נישט געווען ביים דאקטאר, מאמע? — — —

(גלאק. לייזער באווייזט זיך אויף דער שוועל, ציט זיך ראש און אומבאמערקט צוריק, דערזעענדיק יאסלען.)

י א ס ל : (אריינקומענדיק) גוט מארגן, טריינע —

ט ר יי נע : גוט יאר...

(חנה ווינקט אים צו מיט מוט)

י א ס ל : איז דאס פאר א יי ך , טריינע? פאר אייער ג ע ז ו נ ט ? —

ט ר יי נ ע : ו א ס זאל מען טון... ל יי ז ע ר ן זעצן צו דער ארבעט?

( פ ו י ז ע )

י א ס ל : חנה זאגט, איר וויל פארדינגען די שטוב'ן —

ט ר יי נ ע : מען וועט מוזן —

י א ס ל : גיט זי מ י ר —

(טריינע ווייזט שטום מיט דער האנט צו דער שטוב ווו דער מאן איז) — —

ח נ ה : זע מאמע, ס'זאל ווערן אן עק... גענוג געהונגערט... אז יאסל זאגט, אז ער וועט קענען ארבעטן... אז ר'האט א פארטעל...

ט ר יי נ ע : (זיפצט אפ). כ'וועל איבעררעדן!

(גייט אין צווייטן צימער אריין).

י א ס ל : חנהלע...

ח נ ה : וואס?

י א ס ל : (זעצט זיך צו צו איר) ס'הארץ זאגט מיר, ס ' ו ו ע ט גוט זיין... ס'מוז גוט זיין... דו וועסט ביי מיר די האנט אין קאלט וואסער אריין נישט טון... ווי אן אייזל וועל איך ארבעטן... וועלן מיר צוזאמען עסן... נאכן עסן לאנג, לאנג צוזאמען זיצן... האלטן זיך ביי די הענט... אזוי — (טוט עס) ווייטער קאלטע הענט?...

ח נ ה : (הויבט אויף צו אים די אויגן) כ'ווייס?... (מיט טרערן) איך האב דאך דיר געזאגט כ'קען נישט...

י א ס ל : נו... נו... ס'וועט גוט זיין! וועסט זען... וועסט מיך שוין

ליב האָבן! ווערסט! איך וועל דיר זיין אזוי געטריי... אינדערפרי... פאַרטאָג נאָך... וועל איך אויפשטיין... שטיל, אויף די נעגל, כ'זאָל מיין חנהלע נישט וועקן... כ'וועל איר אָבפּוצן די שיך, די קליידער, מאכן טיי, ברענגען געבעקס — ציאסטעס... דערנאָך — אז אלץ וועט זיין פארטיק, וועל איך צוגיין אויף די נעגל צום בעט — און... (וויל זי קושן; חנה בייגט זיך אָפּ)

טרײַנע: (באווייזט זיך אויף דער שוועל. גלייך זי האָט גאָרנישט באַמערקט; פינצטער) קענסט'ך אריינציען!

יאָסל: (שטאַמלט דערפרייט) און... און...

טרײַנע: מיט דער צייט... דערווייל זאָגט ער, אז אַן גאָט און אָן אַ מלכות, איז אָן אַ טאַטן — —

חנה: מאַלע וואָס ער רעדט!

(טרײַנע זעצט זיך צו דער מאַשין).

יאָסל: נו, זאָג מיר מזל־טוב, טרײַנע...

טרײַנע: (נאָך פּויזע) זאָל אייך זיין מיט מזל...

יאָסל: און דו חנה? מזל־טוב אונדז, וואָס? — — — — וויי דאָס שמייכלט... וואָס פאר אַ פלעמלעך אין די אויגאָנים! הער! מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב אונדז, קום, כלה, טאַנצן,

(ציט זי אין מיט שטוב אריין — וויל זי דווקא נעמען טאַנצן).

לייזער: (קומט אַריין) טאַנצט, טאַנצט! אויף הפקר וועלט טאַנצט מען; יאָ צייט, נישט צייט — — —

יאָסל: (אָפּלאָזנדיק חנהן) ר' לייזער!

טרײַנע: לייזער!

חנה: דער טאַטע וויל פריער אוודאי תנאים — (לאַכט — דאָס לאַכן בלייבט אָן אָפּקלאַנג)

יאָסל: (ערנסט) נו, נישט קיין צייט צו פארלירן... מחותנתטע אוועק! דאָס איז מיין אָרט!

טרײַנע: (אויפשטייענדיק) מען וועט דיך דען לאָזן?

יאָסל: ווי הייסט, כ'בין דאָך אַן איידעם! כ'אַרבעט דאָך אויף מיר... (אַרבעט אַ ווײַלע.) זאָגט נאָר יאָ ר' לייזער! זאָגט — יאָ — איך וויל אייער ברכה...

לייזער: זאָל זיין יאָ!

(יאָסל אַרבעט דאַשער).

טרײַנע: געבענטשטע הענט!

יאָסל: ר׳ לייזער, שבת בשבת וועל איך גיין מיט אייך אין שי־לעכל, לערנען תורה!

חנה: אָדער — מיט מיר שפּאַצירן.

(גלאָק.)

גבריאל: (קורץ געקליידעט, אריינפאַלנדיק מיט אַ ברוגינג) — שטרייק־ברעכער!

(ראש פאַרהאַנג).

(עס הערט זיך אַ שאָס).

די זעלבע װאַרשטאַט־שטוב. נאָך אַפּגעקומענער. אויפן אָרט פון ניי־מאַשין — אַ זאַקן־מאַשין. אַ קינד אין װיגל.

---

(חנה אַרבעט ביי דער מאַשין; יאָסל ליגט אין בעט מיט אַ באַנדאַזשירטן פוס).

ל יי ז ע ר : (װאָס האָט אָפּגעדאַװנט, לייגט צוזאַמען טלית־תפילין, פרעגנדיק חנהן מיטן בליק, צי זי האָט נישט עפּעס אין מויל אַריין צו נעמען — נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, רעזיגנירט:) כ'וועל גיין צו דער מאַמען אין שפּיטאָל אַריין!

ח נ ה : אדרבא...

ל יי ז ע ר : (נאָך אַ פּויזע) האָסט גאָרנישט איבערצובייסן?

ח נ ה : דעריייל ניש'... כ'וועל ענדיקן... אַזוי קעגן פאַרנאַכט... דאָס צוועלפטע טוץ... וועל'ך אפשר קריגן געלט... ברענגט ד ו עפּעס... פון גאַס...!

ל יי ז ע ר : פון גאַס?

ח נ ה : כ'ווייס? באַרג... בעטל אויס... גנבע... אַז ער ליגט איבער אַנאַנד!...

ל יי ז ע ר : (אָפּ, צוזאַמענגעשרומפּן)

ח נ ה : ע — הע! אמת יאָסל?! „כ'וועל דיך נישט לאָזן אַרבעטן... נישט פאַר דיינע הענטלעך", ציו־ציו־ציו — יעדעם פינגערל... פּריצישע פינגערלעך... פּריצישע הענטלעך... און נישט איינגעבויגן זאָלסטו זיצן... איך וועל אַרבעטן... בת־מלכה... וועסט זיין מיין מלכה... ווי אַן אייזל וועל איך אַרבעטן... פון אַלעם גוטן וועל איך דיר אהיימברענגען. —

י אָ ס ל : (פּינצטער) ס'קינד וויינט...

ח נ ה : אויף דיר וויינט עס... כ'האָב אים דען וואָס צו געבן!

י אָ ס ל : רוק צו ס'וויגל צו מיר!

ח נ ה : (בייגט זיך מיט דער ברוסט איבערן וויגל) צאַפּ, צאַפּ, אַז ס'איז נישטאָ! (לויפט צו צום שראַנק, געפינט אַ שטיקל ברויט, צעקייט עס, לייגט עס אַריין אין אַ שמאַטקעלע, שטופּט דעם קינד אין מויל אַריין) נאָג, נאָג,

בן מלך! א מחיה! א מחיה! — (צו יאָסלען) נא, אז דו ווילסט! (רוקט אים צו די וויג. גייט צוריק צו דער אַרבעט).

יאָסל: (רירנדיק דאָס וויגל, זינגט ער טרויעריק).

אונטער יענקעלס וויגעלע,
שטייט א גילדן ציגעלע; —
ס'ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזינקעס מיט מאנדלען,
ראָזינקעס מיט פייגן...

(זאָקן-ארבעטערינס קומען האסטיק אַריין).

ערשטע: גבריאל האָט אונדז געהייסן אהערגיין... ער וועט קומען מיט עפּעס נייעס...

יאָסל: מיין מלאך המות — צו מיר איז שטוב אריין!!

ערשטע: ער האָט געטון זיין שליחות! צ. ק.!

צווייטע: און ר'האָט אייך גענוג געשאנעוועט; געקאָנט — אין הארץ אריין!

דריטע: אוודאי, ווי דען!

יאָסל: (ביטער) כ'בין דאָך שוין חתן — שותף געוואָרן —

פערטע: געדארפט פריער אָנזאָגן!

ערשטע: נעמען דערלויבעניש...

(ס'קינד צעוויינט זיך; ארבעטערינס לויפן צו צום וויגל):

ערשטע: אוי, אזא שיין קינד!

צווייטע: א גאָלדן קינד — נאָר אזוי בלייך...

דריטע: ווי עס ציט מיט די ליפּעלעך!!...

ערשטע: ווי די בעקעלעך בלאָזן זיך אָן און פאלן אָפּ... (צו חנהן) איר זייגט עס נישט?

חנה: (ארבעטנדיק) כ'האָב נישט...

ערשטע: איר האָט נישט א פלעשעלע?

חנה: נישטאָ קיין מילך —

די ארבעטערינס: (קוקן זיך איבער, ווארפן צוזאמען א פּאָר גראָשן; צו חנהן:) ס'וועט אייך נישט פארדריסן?

חנה: דער טאטע איז ארויסגעגאנגען בעטלען... אפשר גנבהנען...

(ערשטע אָפּ מיטן געלט).

צווייטע: אמאָל אזא עושר געווען...

ד ר י ט ע : און א בעל־צדקה...

פ ע ר ט ע : נו, נו, צדקה, א פלאסטער אויף א הילצערנעם פוס...

( פ ו י ז ע )

צ ו ו י י ט ע : ר'האט אונדז באשטעלט אויף 11, אצינד איז 3 אזייגער... מיר האבן געמיינט, אז מיר האבן זיך פארשפעטיקט — (צו חנהן) נישט געווען דא גבריאל?

ח נ ה : (ארבעטנדיק) ניין...

ג ב ר י א ל : (קומט אריין) גוט מארגן... גוט מארגן, יאסל! — ענטפערסט נישט? איז נישט! איך בין דיר קיין שונא נישט... גוט מארגן, חנה... (צום עולם) זייט נישט בייז, וואס כ'האב מיך פארשפעטיקט (מיט גאלגען־הומאר) דער רב האט מיך פארהאלטן —

א ר ב ע ט ע ר י ן : דער רב?

ג ב ר י א ל : מיט צוויי דיינים.

א ר ב ע ט ע ר י ן : רב — דיינים?

ג ב ר י א ל : און א סופר!

א ל ע : א סופר?

ג ב ר י א ל : כ'האב גע'גט ס'ווייב —

ח נ ה : (שפרינגט אויף) וואס?

א ר ב ע ט ע ר י ן : גע'גט?

ח נ ה : (גייט לאנגזאם נענטער צו.)

ג ב ר י א ל : אייגנטלעך האט זי מ י ך גע'גט. זייט כ'האב מיך איבערגעקליידט האט זי אויף מיר אן אומחן געווארפן... האט זיך אנגעהויבן א לעבן!... אצינד, אדער איך — זאגט זי — אדער צ. ק... וועסט פארפאלן ווערן, זאגט זי, ערגעץ אין א קאזאמאט, אויף קאטארגע. קיין עגונה בלייבן וויל זי נישט!...

ח נ ה : זענט איר פריי?

ע ר ש ט ע : און די קינדער?

ג ב ר י א ל : האב איך געלאזט נעמען נאכן גט. כ'קום אהיים — כ'האב מיך פארשפעטיקט, געמוזט אריינגיין אין צ. ק.—א לידיקע שטוב... ז'האט ארויסגענגבעט די קינדער... אמת, מיט די עטלעכע, אומשטיינס געזאגט„ כלים... (פויזע) גלייכער! — ז'האט עלטערן בורזשויעס... בייטל־מאכערס... זאלן זיי שפייזן!

ע ר ש ט ע : עס טוט דיר גארנישט וויי?... נישט באנג?

(חנה הויבט די אויגן אויף, ווארט אומרואיק אויף ענטפער)

ג ב ר י א ל: כ'ווייס? ווער האט צייט דערצו? — מילחמה (באַ־מערקט חנהס אויגן) דאכט זיך — ניין! — נו, עולם, אצינד צו דער זאך...

(ארבעטערינס רינגלען אים אַרום)

ג ב ר י א ל: איר אַלע — שטרייקט!

(איינדרוק; נישט ווילנדיק טרעטן אַלע עטוואָס צוריק)

א ל ע: ווי הייסט?

ג ב ר י א ל: נישט מער ארבעטן אויפן שטיק! נישט אָפּרעכענען קיין פחת! פרויען־ארבעט ווערט באַלוינט גלייך מיט מענער־ארבעט! —

א ל ע: בראוואָ! בראוואָ! הוראַ!

ג ב ר י א ל: אזוי הייסט צ. ק.!

א ל ע: עס זאָל געשען!

ג ב ר י א ל: און אצינד, שוועסטער, פּראָלעטאריאט־שוועסטער, אין נאָס ארוים! עס וועט זיין א דעמאָנסטראַציע! א גראַנדיעזע דעמאָנסטראַ־ציע... אַלע פּאַרטייען מיט די פענער איבער די גאַסן! זאָלן די בורזשויען זען און ציטערן! די מחנה זאָלן זיי זעען; די מחנה וואָס גייט אויף זיי! אויף זייער וועלט, אויף זייער שענדלעכער, פאַרזינדיקטער, פאַרבלוטיקטער וועלט!

י אָ ס ל: גייט... גייט... גייט... קאַזאַקן וועלן אייך אריינשמייסן שיכל אין די לייבער אריין... מיט די בלייערלעך...

ג ב ר י א ל: שטרייק־ברעכער! (צו די ארבעטערינס) ווער ס'האָט מורא פאַרן טויט — וועמען ס'לעבן איז טייערער פאַרן פּראָלעטארישן זיג, ווער עס וויל לעבן בלייבן אין שמאך, אין אונטערדריקונג, ווער עס וויל לעבן, ווי א וואָרעם אין מיסט, נאָגנדיק ביינער, וואָס בורזשויעס וואַרפן צו.

א ר ב ע ט ע ר י נ ס: מיר גייען! מיר גייען!

י אָ ס ל: (דערמאָנט זיך) יאָ... און א פאָן...

ח נ ה: וואַרט! (כאַפּנדיק דעם מאַנס שטאָק) ער וועט סיי־ווי־סיי וויגן ס'קינד! (רייסט אים אראָפּ די רויטע שאַל פון די פּיס) אויפן וועג צעביגדן...

(אַלע אויסער יאָסלען אָפּ.)

י אָ ס ל: אמאָל איז געווען א מלך,
האָט ער געהאַט א מלכה —
האָבן זיי געהאַט א וויינגאָרטן,
האָט געוואַקסן דאָרט א רויז — —

(צעוויינט זיך. פאָרהאַנג.)

# וואָס אין פּידעלע שטעקט

(טעאטער-שטיק)

# פערזאָנען:

**יואל** — 45—50 יאָר. אַ פּאַרבענקטע, אייביק זוכנדיקע פּערזאָן. טרינקט. פירט אין אַ מיטל-פּוילישע שטאָט אַן אָרקעסטער, אין וועלכער עס שפּילן:

**שמאי**<br>**לוי** | צווילינגס-ברידער
**שמעון** — יואלס זעקס זין, פון אַלע איז חיים דער ענלעכסטער צו אים
**מאיר**<br>**יונה** | צווילינגס-ברידער
**חיים** — דער מוזיניק.

**מירל** — זייער מוטער, יואלס ווייב. געעלטערט, מער פון ליידן אַלס פון יאָרן. צייכן, איבערהויפּט אין די אויגן, פון אַן אַמאָליקער גרויסער שיינקייט.

**בדחן** — אַ פאַטאַליסטיש - מיזאַנטראָפּיש געשטימטע פיגור.

**לאה** — זיין טאָכטער.

**די שוואַרצע פּעשע** — געקומען פון אַ גרעסערע שטאָט אַהער צו גאַסט; גרויסשטעטיש געקליידט. אויסערלעך — שטאָלץ, נישט צולאָזנדיק. אינערלעך שטימונגס-מענטש; עטוואָס סאָמנאַמבול. פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק.

**גרינצווייג** — אַן אַלטער בחור. רייך, אָבער געשמאַקלאָז געקליידט. קייט און זייגער, רינגען, בריליאַנטענע ספּינקעס א. ד. ג.

**דיין, שמש, חזן, משורדים, חתונה-געסט, צווישן זיי, עזריאל, סאַרווער, שכנטע און אַנד.**

---

# ערשטער אַקט

## די סצענע:

**אין הינטער־גרונט** — אַן אַלט־געבויט איינשטאָקיק הויז מיט אַ גרויסען, אָפע־נעם גאַניק אויף טרעפּלעך, וואָס פירט אין אַ קאָרעדאָר מיט טירן: רעכטס — צו דער וווינונג, לינקס — צו דער קיך. דער הויף פאַרן הויז, וואָס פאַר־נעמט די רעשט סצענע איז אַמאָל אַ גערטל געווען, פאַראַן נאָך צעוואָרפענע שטאַמען פון ביימער, וואָס מען האָט אויף האָלץ פאַרנוצט, צייכן פון קלאָמבען; ערטערווייז — נישט אײַנגאַנצן אויסגעטראָטן גראָז. צופעליק זענען גאַנץ געבליבן פון איין זייט הויף — אַן אָפּגעשטאָרבענער הוילער דעמב, מיט צעלייגטע טרוקענע צווייגן. פון דער אַנדערער זייט — עטלעכע צוזאַמענשטייענדיקע צו יונגע ביימלעך אויף האָלץ. אין מיט הויף — אַ פּלומפּ.

לינקס זענען הויז און הויף אָפּגעטיילט דורך אַ שטאַכעטן־צוים פון אַ שמאָל און שטיל הינטער־געסל.

**אויפן גאַניק** — פון געוויינלעך ווייס האָלץ: טיש, שטילן און אַ באַנקבעט. אויף דער וואַנט: רעכטס — אַן אַלטער צעבראָכענער שפּיגל; לינקס, אין ווינקל אַ דעמאָלירטער בוסט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר.

**אין הויף:** אין שאָטן פון די ביימלעך — אַ מוזיק־שטענדער, צוקאָפּנס אַ גראָז־באַנק. אויף די ביימלעך, ווי אויפן אַלטן בוים — אויסגעשניצטע איני־ציאַלן פון נעמען.

---

**דער ערשטער אַקט שפּילט זיך זומער, דער צווייטער — ווינטער, דער דריטער — ענדע הערבסט.**

## (פאַרהאַנג)

א הייסער פאַר-מיטיק. אין געסל גייט ווער זעלטן דורך.

דורך דעם אָפענעם קיך-פענצטער זעט מען, ווי מירל פאַרעט זיך ביים פייער אויפן קוימען, קאָכט מילך, וואַשט גלעזער א. ד. ג. די מענער זענען, קענטיק, זייער שפעט געקומען פון א חתונה: די פענצטער פון דער וווינונג זענען פון אינעווייניק נאָך פאַרלאָדנט. מען שלאָפט נאָך דאָרט. שמאי, שמעון, מאיר, און יונה שלאָפן אין דרויסן. שמאי — אויפן גאַניק אין באַנק-בעט; שמעון אויף דער גראָז-באַנק. מאיר און יונה — אונטערן אַלטן בוים. זיי האָבן זיך אַרויסגעבראַכט קישן און געוואָרפן זיך אויף די ערטער אין די קליידער, קוים אַראָפּגעוואָרפן דאָס שוך-וואַרג און די האַרטע, דורכגעווייקטע וועש, וואָס וואַלגערן זיך, גלייך מיט די מוזיק-אינ-סטרומענטן, ביי די געלעגער.

---

(בדחן קומט אָן פון געסל צום הויף צו)

### מירל.

(האָט אויסגעווישט דאָס לעצטע גלאָז, געשטעלט אויף א טאַץ, גייט צו צום פענצטער; קוקט, צי די זין שלאָפן נאָך).

— נעבעך... אַהיימגעקומען, — גרויסער טאָג געווען... מ'האָט שוין פרישע בייגל געטראָגן...

(וויל זיך צוריקציען; באַמערקט דעם בדחן, וואָס קומט פון געסל. שטעלט זיך אָפּ ביי די שטאַכעטן, נעמט פון טאַש אַרויס א פלאַש און טרינקט אָפּ).

— שלענדערט זיך אַרום... א זופּ און א זיפּץ... א זיפּץ און א זופּ... און רעדט דעם אַלטן נישט א וואָרט... וואָס באַשערט און באַשערט.

### בדחן.

(האָט צוריקבאַהאַלטן די פלאַש, קומענדיק אין מיט הויף אַריין; מיטן טאָן פון שול-קלאַפּן:)

— שטייט אויף, יידעלעך, כשרע, פרומע יידעלעך — לעבודת —

### מירל.

— שטילער, וועסט וועקן דעם אַלטן!

### בדחן.

— ר'אַי'דען געשלאָפן?

(מירל ראַש אָפּ).

שמאי.

(שוין אויפגעזעצט, מיט אַ בליק צום הויז.)

— דאָרט מאַכט מען דען אַן אויג צו? — דער אַלטער וואַרפט זיך, ווי אַ שלאַנג אין בעט... די אַלטע — גראַבט ס׳פּנים אין קישן אַריין און שלאָכצט — — וואָס מאַכט לאה?

בדחן.

(זעצט זיך אויף אַ שטאַם פון אַ בוים, פּינצטער.)

— אַזוי...

מאיר.

— וואַקלט זיך אַרום, ווי אַ שאָטן...

יונה.

— די נשמה, זאָגט זי — איז איר איינגעהילט אין אַ נעפּל.

שמעון.

— זיינע רייד... אַלע רעדן מיט זיין לשון... אַלע יאָר איין אַנדערע...

שמאי.

— אָבער אַ יונג מיט ביינער, דער אַלטער! טרינקט אויס. דאָס קע־לישקל — באַץ!

שמעון.

— און וואָס זאָגט אייער לאה אַצינד?

בדחן.

— הערסט דאָך! אַ קעלישעק... אַ קלונג־געטון, — שטיל געוואָרן...

לוי.

(אַרויסקומענדיק צום שפּיגל זיך גאָלן:)

— דער אַלטער פאַרבט זיך שוין די האָאַר...

שמאי.

— וויל נישט אַלט ווערן.

בדחן.

— מען מוז!

שמאי.

— אַז די אַלטע פאַרשליסט די פלאַש באַפאַלט אים אַ בענקעניש, און ער ווערט — פאַרפאַלן... קומט ער צוריק גרוי, ווי אַ טויב, איינגע־שרומפּן, ווי אַן אַלטע ציטרין.

מאיר.

— אָבער מיט אויגן קלאָרע...

יונה.

— א נשמה א נייע...

לוי.

און א נייע נשמה, — דארף עפּעס נייעס!

מירל.

(ארויסקומענדיק מיט הייסע מילך).

— קינדער, דאָס איז אייערע ברכה, אינדערפרי?

(איבערוועלטיקט זיך, צעגיסט די מילך, צום שדכן, קאַלט.)

— טרינקען א גלאָז מילך?

(אָפּ, נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפער).

בדחן.

(מער צו זיך).

— פּאר גסיסה, אפשר...

לוי.

(אויף דער מוטער)

— וואָס פּאר אן אויערן דאָס האָט!

(הויבט אָן פּייכט א פאַרבענקטן מאָטיוו, אנדערע נעמען מילך, צעגייען זיך אי־בערן הויף מיט די גלעזער)

שמאי.

— דעם אלטנס נעכטיק האַרץ־רייסעניש...

(טאָן ענדערונג).

— כ'בינ'ם אריין מיטן באָס, האָט ער אויפגעשטעלט א פּאָר אויגן!

בדחן.

— ביסט אריין, ווי א שיכור מיט דער פּויקט אין שפּיגל...

שמאי.

(פאַרענטפערט זיך.)

— דער עולם איז נישט צופרידן געווען. — געפרעגט: א חתונה צי א הספד...

בדחן.

וואָרף פערל פאר — חזירים...

חיים.

(פאַלט אַרויס פון שטוב עמפּערט, מיט א פידל אין דער האַנט)

— דאָס איז צום פּייפן, דאָס?

מאיר.

— ער וועט פּייפן „כל־נידרי״ אויך...

יונה.

— ווידוי אויך...

בדחן.

— וואָס עס וועט אים זיין באַשערט...

חיים.

(שפּולט ביי דער גראָז־באַנק דעם זעלבן מאָטיוו. מירל באַווייזט זיך אין פענצטער. דאָס געסל ווערט רירעוודיקער. מאַנכע שטעלן זיך אָפּ ביי די שטאַכעטן.)

בדחן.

— שנייד זיך א טאַטע!

מירל.

— זאָל גאָט היטן!...

(ציט זיך עטוואָס צוריק).

שמעון.

— אָבער, ווי ר'האָט עס געשפּילט דער אַלטער!... לוט־שיכור געוועזן...

שמאי.

— די פידל האָט'ם אין דער האַנט געציטערט...

לוי.

— די צונג אין מויל געדרייט... מיטן פיסל צוגעקלאַפּט — (נאָכמאַכנדיק).

— שבת... שבת...

שמעון.

— און פּלוצלינג, — מיינער איז שוין אויף י ע נ ע ר וועלט.

מאיר.

— פּערל האָבן זיך געשיט...

יונה.

— א זילבערנע שוים געצויגן... א בלומען־קראַנץ געפלאָכטן.

ש מ א י.

— בא, אז זי באַווייזט זיך!

מ י ר ל.

(אַרויספאַלנדיק פון קאָרעדאָר.)

— ווער?

(די זין צעגייען זיך. זי קוקט זיך פאַרשנדיק אום. — אָפּהענדיק).

— שוין ווייטער עפּעס נייעס!

(אומרואיקע פויזע. מען ווינקט זיך איבער).

(אין געסל באַווייזט זיך די שוואַרצע פּעשע. זי גייט פאַרביי שטאָלץ, הערט זיך איין, מיט א קוים אונטערגעדריקטן שמייכל, צו דער מוזיק, וואַרפט אין פאַר־ביגיין פאַרשטוילענע בליקן צו יואלס פענצטער. אומגעהיירער איינדרוק אויף יואלס זין, מירל קען פון איר קיין אויג נישט אָפּרייסן.)

ב ד ח ן.

— אָט, דער נ יי ע ר יצר־הרע!

ל ו י.

— א שטיק מאַרמאָר!

מ א י ר.

— א מלכה!

י ו נ ה.

— א בת מלכה...

ש מ א י.

— א מלכה שבא! זי כישופט!

מ א י ר.

— וואַרפט א בליק, מיט רענדלעך באַשיט...

י ו נ ה.

— א שמייכל — מיט ליכט באַגאָסן...

מ י ר ל.

(וואָס האָט אַליי געהערט מער מיט האַרץ, ווי מיט די אויערן, צו חיים'ן ווי פון בליץ געטראָפן).

— שפּיל נישט!

(חיים הערט אויף. פויזע. פאַרבייגייער אָפּ, די שוואַרצע פּעשע, גייט אַ ציטער. איבערוועלטיקט זיך דאָך ראַש, און גייט לאַנגזאַם פאַרביי, קוקנדיק אויף מירל מיט שטאַלענע אויגן.)

— אַ בעטלערן איז זי! אַן אָרעמע, די אָרעמסטע בעטלערן! פון זיין ליבן נאָמען האָט זי אַ מתנה — שיינקייט באַקומען... אָבער פאַרגעסן האָט ער איר צו געבן — אַ האַרץ... אַ געפרווירענע נשמה האָט ער איר געגעבן... אַ שטיק מאַרמאָר שלענדערט זי זיך אַרום אויף דער וועלט... זוכט ליכט, זוכט וואַרעמקייט... און ווו זי טרעפט אַ מענטש מיט אַ ליכטיקערער נשמה, מיט אַ וואַרעמער האַרץ, שטעלט זי זיך אָפּ, גלאָצט אויס די אויגן, שטעלט אויס די האַנט און בעטלט און סקאָמלעט: אַ פונק! אַ פונק!...

## יואל.

(אַרויסקומענדיק פון שטוב).

— מירל!

## מירל.

(פאַלט קראַמפּהאַפט אויף אַ שטול, פאַרבאַרגנדיק דאָס פּנים אין די הענט)

— ער וועט עס מיר נישט מוחל זיין, קיינמאָל נישט מוחל זיין!

(יואל קעמפט מיט זיך... די שוואַרצע פּעשע פאַרשווינדט. יואל גייט צו צו מירלען, גלעט זי באַרמהאַרציק-מיטלײדיק איבערן קאָפּ. מירל שפּרינגט אָבער ווי עלעקטריזירט פון אונטער זיינע הענט, שטעלט זיך אָפּ ביי'ן אַ וואַנט, ציטערט... דערנאָך צו יואלן, וואָס קוקט אויף איר אַלץ אין איינעם שולדיק און בעטנדיק, שוואַך מיט ראַש-שטייגנדער אויפרעגונג).

— וואָס קוקסטו אויף מיר — וואָס זוכסטו ביי מיר? — וואָס? מיין געזונט? מיין שיינקייט?

(נאָכמאַכנדיק זיינע אַמאָליקע רעד).

— מיינע בעקעלעך — די רויטע? די ליפּעלעך — די קרעלענע? די אויגן די גרויסע, די שטראַלנדיקע? נישטאָ! אוועקגעגעבן —

(שטרייכנדיק מיטן בליק ווידער יואלן און די זין)

— דיר — זיי!

(יואל מאַכט אַוועק מיט דער האַנט. לאָזט זיך אַראָפּ פון גאַניק).

(מיט שרעק)

— ווו אהין גייסטו?

יואל.

(זיך איבערדרייענדיק, אָפּבעטנדיק)

— כ'מוז... מיך שטיקט דאָ, מיך ווארגט דאָ.

מירל.

(קורץ און האַסטיק, באַפעלנדיק)

— ווארט!

(יואל בלייבט שטיין. זי לויפט אריין אין שטוב. קומט ראַש אַרויס מיט אַ פלאַש בראָנפן, שפּילט אים אַ קעגן.)

— נאָ! — טרינק בעסער...

(יואל וואַקלט זיך).

(פאָרהאַנג)

# צווייטער אַקט

## די סצענע:

אַ האָכציית־רוים.

טירן: רעכטס — צום שפייז-זאַל, לינקס: צום פּאָרצימער. אין הינטערגרונט — אַ ברייטע אָפענע אַרקאַדע אין טאַנץ-זאַל אַריין. עס איז ערשט נאָך אַ חופּה. חתן-כּלה זענען אין שפּייז-זאַל ביי

דער גילדענער יויך.

פון טאַנץ-זאַל ווו איינצעלנע געסט זענען נאָך געבליבן, ווערט אַרויסגעטראָגן די חופּה, צעשטעלט די אַלעאַנדרעס, צוזאַמענגעוויקלט און אַוועקגענומען דער דיוואַן מיט די גענג. פון שפּייז־זאַל הערט זיך דאָס גערודער פון ווינטשעווען. אַ געקלינגעריי פון גלעזער. באַלד דערנאָך „מי שבּרכם" פון חזן מיט די משוררים.

גראַמען — פון בדחן.

אין צימער, אויסער דין און שמש, (דער לעצטער עטוואָס פאַרנעפּלט) וואָס דרייען זיך ארום פאַרגעסן, שטייען די קלעזמער — יואלם זין, אָן דעם פאָטער, מיט די אינסטרומענטן אין די הענט, גרייט צו וויוואַטן, סאַרווער דעקן זיי אַטישל מיט טרינקען און פאַרבייסן. לאה שטייט אין דער אָפענער אַרקאַדע, אָפּוועזנד פאַרקוקט אין דער איינגאַנגס-טיר. —

---

**ל ו י.**

— ז'האָט געכאַפּט אַ העכט!

**ש מ ע ו ן.**

— געלויבט איז גאָט, איבערגעקומען! ווען דער אַלטער פאַלט אַריין...

**ש מ א י.**

— געשטאַנען, ווי אַ שטיק מאַרמאָר אונטער דער חופּה ... נאָר די ברעמען האָבן געציטערט. האָט אַלץ פאַרשטוילן אַהער געקוקט: צי קומט ער נישט...

ערשטער סארווער.

— אָבער בריליאַנטן געזעגן? די קאַליע!

צווייטער סארווער.

— דער מוטערס, דעם חתנס. א כשרע יידענע געווען... דרייט זיך דאָרט אין קיבר איבער...

שמש.

(צוקומענדיק).

— און מיין כשרע צנועה — פאַרזיצט...

דיין.

(ציט'ם אַוועק)

— קום שוין, אַלטער שיכור...

(סאַרוועך אָפּ, קלעזמער שטעלן זיך; נישט אָפּליוגנדיק די אינסטרו-מענטן, אַרום טישל. שמש וויל אַלע מאָל צו, דער דיין שלעפּט אים וואָס אַמאָל אוועק).

חיים.

(מיט כיבוד צו לאהן)

— נעם עפּעס, ניפּ אַביסל וויין...

זי הערט נישט, צוויי מיידלעך גייען פון טאַנץ צום שפּייז-זאַל שטעלן זיך אָפּ מיט באַהאַלטענע חן-דלעך פאַר די קלעזמער).

דאָס ערשטע מיידל.

(צו שמאין)

— אז איך וועל טאַנצן, שפּילט מיר עפּעס נייעס...

שמאי.

— פאַר ר' עזריאלס טאָכטער, — דאָס שענסטע און דאָס בעסטע...

דאָס צווייטע מיידל.

— און פאַר מיר?...

(ביידע פאַרשעמט אָפּ. — צוויי מענער קומען אַרויס פון שפּייז-זאַל)

דער ערשטער.

(באַמערקנדיק לאהן)

— זעה נאַר...

דער צווייטער:

— א חולנית...

(ציט אים אָפּ אין טאַנץ-זאַל אריין)

ל א ה.

— איך הער זיינע טריט...

ע ז ר י א ל.

(אַ פאַרשפּעטיקטער חתונה־גאַסט צום סאַרוועך, וואָס נעמט אויף דער שוועל דעם פּעלץ אָפּ).

— עקסטראַ־פּאָסט פון גוּבערניע...

ס א ר וו ע ר.

(אָנווייזנדיק מיט א בליק צום שפּייז־זאַל)

— וועט זיין א ליבער גאַסט...

(אָ פּ).

ר׳ ע ז ר י א ל.

(אין פאַרבייגיין צום שפּייז־זאַל, צום דיין)

— מזל־טוב, מסדר קרושין געווען?

(גייט ווייטער)

ד יי ן.

— דער רב איז נעבעך, לא עליכם — —

(האַקט אָפּ, נישט געהערט)

ש מ ש.

— לא עליכם — — כי — כי — כי —

ר׳ ע ז ר י א ל.

(צו די קלעזמער)

— פאַרפאַלן געוואָרן ס׳טאַטל...

ש מ א י.

(חניפה).

— און ווען מאַכט איר חתונה צו מזל?

(עזריאל אָפּ שוין אין שפּייז־זאַל. ווו עס דערהערט זיך באַלד אַ שטאַרק גערודער, געדופעריען: מזל־טוב. דערנאָך די שטימע פון)

ב ד ח ן.

— און אצינד אַ וואָרט מיט גרוים געפיל
פאַרן פאַרשפּעטיקטן גאַסט ר׳ עזריאל,
פאַר דעם חתנס הכל כאשר לכל...
עזריאל מאַכט, — — —

## ע ז ר י א ל.

(שטימע פון עם-צימער)

### א שהכל

(געלעכטער. גערופעריײען: לחיים. לחיים. קלעזמער: טוש, יואל, אָפּגעריסן, פאַרשנייט. גרוי פאַרוואַקסן, נאָר מיט קלאָרע אויגן, רייסט זיך, שמייכלענדיק, ארײן פון פאַרצימער. זיך אריינגלייטשנדיק פון פּאַלטאָ וואָס דער סאַרוועס, גיסט ווילנדיק אום אריינלאָזן, האַלט ביי דער פּאָלע. לאָה פאַלט צוזאמען. קלעזמער האַקן אָפּ). —

**י ו א ל.**

כ'בין דאָ, קינדער — אָט בין איך דאָ. כ'קום אהיים, גיי דאָ ארום פאַרביי — ליכטיק! וועמעס חתונה — — — ?

**ד יי ן.**

(ציט אים צו זיך ביים אָרבל)

— שלום-עליכם, פון וואנען קומסטו, יואל —

**ש מ א י.**

(פינצטער)

— פון קרעטשמע...

**י ו א ל.**

— עליכם שלום, רבי — פון שניי — — —

**ש מ ש.**

— שניי אין קרעטשמע? כי—כי—כי

**ד יי ן.**

— שניי?

**י ו א ל.**

— רבי... איר זאָלט וויסן וואָס שניי איז!

(צו די זיין)

— וועמעס חתונה?

(צוריק צום דיין)

— א גרויסע זאך שניי — שניי, רבי, איז א ריינקייט... שניי, רבי, איז קלאָר. גאָטס שטיל גענאָד איז שניי —

**ש מ ש.**

— געהערט קלעזמער-לשון?

### יואל.

(וואָס איז שטיל געבליבן, דערזעענדיק לאהן, שוין צו איר געווענדעט, זייער טרויעריק, עטוואָס שולדיק)

— אַ מענטש אין שטאָט זינדיקט... באַשאַפט זינד... יאָגן זיי אים נאָך די זינד... ווי די מייז... ווי די ווערעם... קריכן אים ארום איבערן לייב... אונטערן העמד... קריכן אים ארום אויפן לייב אין בעט... כאַפּט דעם זינדיקן מענטש אָן אַ שרעק, אנטלויפט ער פאַר זיי, פאַר די זינד, פון דער היים, פון שטאָט ארויס... קומט דער זינדיקער מענטש פון שטאָט ארום צום שניי, צום קלאָרן שניי, — טריבע אויגן האָט ער, דער זינדיקער מענטש פון דער זינדיקער שטאָט, אַ פינצטער, אין שרעק איינגעשרומפּן הארץ, אַ נשמה אַ פאַרקלעמטע און אין נעפּל איינגעהילטע — קוקט ער דער זינדיקער מענטש אויפן שניי, זאַפּט ער און זאַפּט דאָס קלאָרקייט, דאָס ווייסע ריינקייט פון שניי, זאַפּט ער גאָטס שטיל-גענאָד איין, גאָטס ליכטיק לייטזעליקייט — — לייטערט זיך אים די נשמה אויס, קלערט זיך אים אויף דאָס הארץ, ווערט דאָרט אזוי שטיל אזוי גוט...

### לאה.

— יואל, שפּיל שניי!

### יואל.

— רבי, קינדער — כ'וועל אייך שפּילן שניי! —

(שטימענדיק די פידל)

— רבי, אז אייער הארץ ווערט איבערגעפילט מיט תורה, איבערגעשטראָלט פון דער ליכטיקער תורה, וואָס טוט איר? — לויפט איר צום בעלעמער...

(צום חזן וואָס באַווייזט זיך, מיט די משוררים הינטער זיך, פון שפּייז-זאַל)

— און דער ייד, אז דאָס הארץ גייט אים איבער פון געפיל, האָט ער די קעל... זינגט ער...

(קושנדיק הארציק די פידל)

— און דאָס איז מיין קעל, מיין בעלעמער — —

(ווענדט זיך צו די קינדער)

— קינדער, כ'וועל אייך שפּילן שניי —

(באַמערקט זייערע אָנגערוקטע פּנימער — אומרואיק)

— אָבער וועמעס חתונה איז היינט, וועמעס חתונה?

(גערודער אין שפּייז-זאַל, גערוקעריי פון שטולן, טריט)

ב ד ח ן.

(פאַלט אַריין פון שפּייז-זאַל קאָאקנדיק מיט די פינגער)

— חתן כלה גייען! חתן-כלה — —

(וויל אַרויפשפּרינגען אויף א שטול׳ דערזעט יואלן, בלייבט פאַר-
שטאַרט מיט איין פוס אויף דעם שטול)

י ו א ל.

(מיט שרעק און צאָרן)

— וועמעס חתונה?

(אין טיר פון שפּייז-זאַל באַווייזן זיך געאַרעמט חתן-כלה—גרינצייג
און די שוואַרצע פעשע. די לעצטע גיט, דערזעענדיק יואלן, אַ ציטער,
וויל צוריק, איבערוועלטיקט זיך באַלד. אויגן-דועל מיט יואל, —
גרינצייג, בלאַס, אַבסערווירט — פון הינטער החתן-כלה קומען אָפּער
געסט, צווישן זיי די שכנטע, שטעלן זיך אָפּ, נישט פאַרשטייענדיק,
רעכטס און לינקס).

ב ד ח ן.

— י ו א ל , שפּיל!

ש מ א י.

— שפּיל, טאַטע!

ש כ נ ט ע.

— מען צאָלט דאָך דערפאַר — שפּיל!

ג ר י נ צ י י ג.

(צו דער שוואַרצער פעשע)

— וואָס איז עס אזוינס! וואָס באַטייט עס? וואָס קוקט ער אויף
דיר? וואָס האָט ער צו דיר? ווי קומט ע ר צו ד י ר ?

ד י ש וו א ר צ ע פ ע ש ע.

(געגנצלעד צו זיך געקומען, שטאָלץ און קאַלט שמייכלענדיק)

— שפּיל קלעזמער שפּיל, אויב א גוטער פריינט! עס איז דאָך מיין
חתונה היינט. א שימחה ביי מיר און מיין מאַן... עפּעס פריילעכס שפּיל!
לעבעדיקס, שוימענדיקס, ווי דער וויין, ווי דאָס גליק, ווי די ליבע!

(יואל וואַרפט איר, אנטזעצטי די פידל צו די פיס. די פידל פּלאַצט)

( פ אָ ר ה אַ נ ג )

# דריטער אַקט

## די סצענע

(ביי יואל אין שטוב)

אן אָרעמער, לאַנג נישט געקאַלכטער צימער. דאָס באַנק־בעט, טיש און בענקלעך פון גאַניק אין שטוב אריינגענומען. עטלעכע מוזיק־שטענדער. אַ ביוסט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר. אַרום די ווענט הענגען אינסטרומענטן. צווישן זיי — אַ צעבראָכענער אַלטער שפּיגל. עטלעכע זייער אַלטע שטיכן, אויסגעשניטן פון אילוסטרירטע בלעטער. קויל־קאַריקאַטורן. דערהויפּט פרויען־קעפּ.

אין הינטערגרונט — דער גאַניק אין גערטל אַריין.

אַ וואַרעמער האַרבסט־טאָג.

די בוימלעך אין הויף פאַרבליען; די זון גייט אונטער.

---

מאיר און יונה שרייבן איבער נאָטן ביים טיש. מירל און די שכינה רעדן ביים פענצטער. שמעון, אומצופרידן פון גאַסט, גייט האַסטיק אַרום איבער דער שטוב).

### די שכינה.

(פאַרשנדיק)

— ... מ'זאָגט, אַ טייערע פידל געווען,

### מירל.

(פאַרטראַכט)

— אַ ירושה... איבער הונדערט יאָר אַלט...

(מער צו זיך)

— און — באַלד אוועק...

### די שכינה.

— ווו איז ער געווען איבער דער צייט?

מירל.

— ער רעדט דען? —
מ׳גיט אים עסן, ציט ער עפּעס אָפּ, ווי א פויגעלע... צו טרינקען — גיפט ער... רעדט נישט, דערמאָנט נישט...
מען זאָל אָנ׳ם פארגעסן, וואָלט ער, חס־ושלום — —
(עס שטיקן זי די טרערן)

שמעון.
(פאַרבייגייענדיק פאַר די ברידער)
— געפונען, פאר ווען זיך אויסצורעדן דאָס הארץ...

מאיר.
— פאר ווען?

יונה.
— ווען האָט זי?

מירל.
— קיין פידל נעמט ער שוין נישט אין דער האנט אריין...

שכינה.
(נישט גלויביק)
— קיינמאָל נישט?...

מירל.
(אומרואיק)
— טיילמאָל... אז א לבנה־נאכט... שטייט אמאָל אויף... נעמט א בלי... שפּילט —
(טאָן־ענדערונג)
— אָבער קיין פידל נישט...

שכינה.
— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

מירל.
פארשרייבט אייזן, — פארדייעט ער נישט...

שמעון.
(אומגעדולדיק)
— וואָס זיי זוימען זיך אזוי לאנג...

מאיר.

— דינגען זיך אוודאי...

יונה.

(סארקאסטיש)

— ר' עזריאליכל!

שכינה.

(שטיל, שמעון זאָל נישט הערן).

— מען זאָגט: א דיבוק...

(זי האַקט אָפּ: עס קומען אריין שמאי, לווי, בדחן)

שמעון.

(צו די אריינגעקומענע)

— ברענגט קלעזמער פון גובערניע?

שמאי.

— ניין... נאָר —

(באַמערקט די שכינה, האַקט אָפּ)

שכינה.

(שטויט אויף, געזעגנט זיך, ארויסגייענדיק)

—נו, וויינען, מירל, איז נישט... דאנק און לויב זיין ליבן נאָמען... אן אנדערער — שלאָגט, הרגט, צעברעכט אַלץ אין שטוב...

(אָפּ פון העסיקע בליקן געטריבן)

שמאי.

(ענדיקט דעם זאַץ)

— פינף רובל שלאָגט ער אָפּ.

מירל.

(פאַרברעכט די הענט)

— פאַרוואָס?

שמאי.

— ווייל דער אַלטער שפּילט נישט...

לווי.

— קומט אריין דאָס כלה־מיידל מיט די צעפּעלעך. מיט די פּאַפּי־רעלעך אין די צעפּעלעך — —

(נאָכמאַכנדיק א פאַרצויגענע מיידל-שטימע)

— „אז ער שפּילט קעגן דער לבנה, מעג ער שפּילן אויף מיין חתונה אויך״...

ש מ א י.

— אויף דער צווייטער וועט ער שפּילן.

מ י ר ל.

— שעלט נישט, שמאי...

ב ד ח ן.

— געוואַלט קויפן לאהן אַ שאַל אויף ווינטער; נישט באַשערט.

(צו מירלען)

מעג אַריינקומען, מירל?...

מ י ר ל.

(נאָך אַ קאַמף מיט זיך)

— זי מעג...

(בדחן אָפּ)

ש מ א י.

— אָבער פירן די קאַפּעלע וועל איך!

ש י מ ע ו ן.

— אויב דו וועסט זיין ניכטערן...

ש מ א י.

— האַלט ס'מויל!

י ו א ל.

(זייער קראַנק, געפירט פון חיים, באַווייזט זיך אויף דער שוועל)

— קינדער...

(געזעצט דורך מירלען און חיים אויפן באַנק-בעט)

— איר וועט נאָך צייט האָבן, זיך צו קריגן, קינדער...

מ י ר ל.

(נישט וויסנדיק פרייען זיך, צי שרעקן)

— ער רעדט דאָך, ער רעדט דאָך...

י ו א ל.

(שטרייכט מיט אַ פאַרבענקטן בליק איבער די ווענט)

— כ'וויל נאָך אַמאָל שפּילן...

מירל.

— געלויבט איז גאָט, געלויבט זיין ליבער נאָמען.

(וויל אַראָפּכאַפּן אַ פידל)

יואל.

(שרעק)

— ניין... ניין... אַ פידל האָב איך אַ בשר ודם צו די פיס גע־וואָרפן... אַ פידל איז זיך נוקם... אַלץ איז זיך נוקם...

מירל.

— גאָטס רחמנות איז גרויס, יואל...

יואל.

— און פאַר גרויס רחמנות צעברעכט ער מיך, ווי איך די פידל... ער ווייסט, ער וועט שוין אויף מיר נישט שפּילן...

חיים.

(צעפירנדיק אַ וויאָלאָנטשעל)

— איך וועל דיר האַלטן, טאַטע.

(דערלאַנגט אים דעם בויגן)

יואל.

(פאַרטראַכט אין פענצטער קוקנדיק)

— די זון גייט אונטער... די ביימלעך לעשן זיך אויס... די בלעטלעך פאַלן, פאַלן... קיינס שטעלט זיך נישט אַקעגן... קיינס זאָגט זיך: כ'וויל נישט...

(מיט אַן אונטערטעניקן בליק צום הימל)

— זאָל דיין ווילן געשען, כ'וויל שטאַרבן...

מירל.

(שטרענג)

— מיינער פּטור ווילסטו ווערן.

יואל.

— ניין, מירל...

מירל.

(שלאָכצנדיק)

— די שוואַרצע פּעשע, אַלץ די שוואַרצע פּעשע!...

יואל.

— געוועזן שווארצע...

(באַמערקט לאהן, וואָס באַווייזט זיך אויף דער שוועל)

— געוועזן ווייסע אויך...

(מירל דערלויבט מיט א קאָפּ באַוועגונג לאהן אריינצוקומען; זי זעצט זיך אין אַ ווינקל)

— א ווייב איז א ווייב...

— יענץ איז עפּעס אזוינס... אין דער פידל שטעקט עס, קלעזמער לשון איז עס...

(מיט אַ בלאסן שמייכל צו מירלען, אויף די זין, וואָס האָבן זיך צעשטעלט ביי די ווענט)

— זע נאָר, מירל — קענען קיין צוויי נישט ציילן... אריינגעשטעקט די אויגן אין די פאַדלאָגע אריין, ווי טריפה מעסער...

(צו די זין)

— וואָס? א שיכור דער טאטע? הא?

(טאָן־ענדערונג)

— אלץ קלעזמער־לשון, — אויך א טאטן געהאט! — אין פידעלע שטעקט עס...

(זייער שוואַך ווערנדיק)

— שפּילט מיר, קינדער ווידוי...

מירל.

— א מנין! רופט אריין א מנין!

יואל.

— א קאַפּעלע איז מער, ווי א מנין!

— שפּילט... פאָלגט אמאָל א טאטן... נו, לאָמיך אמאָל הערן, ווי איר שפּילט אָן מיר... שמאי, בכור!

(די אינסטרומענטן ווערן אראָפּגענומען)

— שפּילט...

(יואל זאָגט ווידוי, די קאַפּעלע שפּילט מיט. לאה זינגט אונטער)

מירל.

(פאַרברעכט די הענט)

— און איך, איך?...

יואל.

— האַלט מיר אונטער דעם קאָפּ!

(זי טוט עס. יואלס שטימע ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, די קאַפּעלע דעריבער — וואָס אַמאָל שטילער. יואל גייט לאַנגזאַם איבער אין אַ רעציטאַטיוו פון אייגענע ווערטער)

איך האָב געזעגנט זיך מיט דיר... האָסט עס אַליין דערלאָזט... האָסט מיר אַ פאַרבענקטע נשמה געגעבן. אַן אומרואיקע, וואָס האָט, גלייך מיט נוחס טויב, אין ערגעץ קיין רו נישט געפונען. פאַר בענקשאַפט געזינדיקט. — — שטענדיק געזוכט, קיינמאָל נישט געפונען. און ווייסטו, וועמען זי האָט געזוכט, מיין אָרעמע נשמה? — — דיך! נאָר דיך! — — אָן דיר איז איר קאַלט און פינצטער געווען. און דו האָסט דיך באַהאַלטן פאַר איר... באַהאַלטן פאַרן זינדיקן מענטש... האָט זי דיך געזוכט אין וואַלד און פעלד... געבלאָנדזשעט נאָך דיר איבער בערג און טאָל. האָט זי דיך אין יעדן וואַסערל געזוכט, צווישן נעפּל און וואָלקן געזוכט... און אין יעדער שטראַל, אין יעדער פאַרב, אין יעדן טאָן, אין יעדן קלאַנג, אין יעדן טיפערן אויג...

אַצינד ערשט האָב איך עס פאַרשטאַנען... אַזוי שפּעט און אַזוי קלאָר. דורך די געהירן האָט עס מיר פּלוצלינג דורכגעבליצט, דעמאָלט, ווען איך גיי צו דיר, צו דיין שטראָף אָדער צו דיין גנאָד... פריער — אין דער פינצטער געטאַפּט...

אַזוי האָסטו געוואָלט...

זיי אויף מיין אָרעמער נשמה נישט בייז. נעם זי אויף, ווי אַ באַרעמהאַרציקער פאָטער זיין פאַרבלאָנדזשעט קינד...

און וועמען גייסטו שטראָפן, אַ וואָרעם?

זע, שטאָלץ בין איך אַמאָל געווען — אַצינד? אין שטויב ליג איך פאַר דיר, אין שטויב... אין שטויב...

(דערזעט פּלוצלינג די שוואַרצע פּעשע וואָס איז געגאַנגען איבערן הויף אין קאַמף מיט זיך, אַריינצוגיין אָדער נישט, און שפּרינגט פּלוצלינג אויף מיט ווילד-אויסגעלאַסענער פרייד):

— פּע—שע!

(פאָרהאַנג)

# אַ קבֿרות־נאַכט

(נעראָוו־שפּיל)

# ס צ ע נ ע :

(אַ בית-עלמין ווינקל.

לינקס און אין הינטערגרונט — דער פּלויט. ביים פּלויט — צעוואָרפענע ביימלעך. אויפן פּלאַץ זענען זיי צעוואָרפענער, שיטערער. עטלעכע אָרעמע מציבות. די רעשט פ ר י ש ע קברים, מיט דערוויילִיקע ברעטלעך. —

רעכטס — דעם קרבנס שטוב. דערביי — דאָס טויטן שטיבל. רעכ-טער — אַ לאָפּאַטע ביין אַן אָפן קיבר.

אין ווייטערן הינטערגרונט —, אַ שלאָפנדיק שטעטל.

אַ וואָלקן, וואָס ציט זיך איבער דער לבנה, פאַרדעקט איר לעצטע שמאָלע זוים. דער הינטערגרונט זינקט איין אין נעפּל, גלייכצייטיק לעשט זיך דאָס איינציקע פלעמל אין פענצטער פון קברנס שטיבל).

---

## א ו י י ב ל .

(מיט פאַרטריקנט בלוט אויף אַ באַק פאַלט אַרויס פון אונטער ביימ-לעך ביים פּלויט, קוקט זיך שרעקיג אום, הערט זיך איין אויף אַלע זייטן, דערשפּירט זיך אַליין, אָטעמט אָפּ, לויפט צו צו׳ן אַ מציבה, פאַלט פאַר איר אויף דער ערד, פאַרשטיקט רופנדיק:)

נעשלאָגן!

דאָס בין איך, מאַמע... קוים אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט! ס׳האָט מיך געשטיקט, געוואָרפן... געמיינט, עס וועט נישט אַרויס — כ׳וועל שטאַרבן און נישט זאָגן... אַצינד איז גרינגער...

מאַמע, כ׳בין דאָ שוין עטלעכע שעה... פאַר לייטן אונטער די ביימ-לעך באַהאַלטן, אַצינד איז פינצטער און שטיל, און אַרויסגעזאָגט האָב איך שוין...

נעשלאָגן, מאַמע, נעשלאָגן!

וועמען?

דיין בת-יחידה, מאַמע, דיין איינאיינציקע, אויף וועלכער דו האָסט אַזוי געהויכט, אַזוי געבלאָזן! אַזוי פיל און אַלץ איניינעם עין הרעס אָפּ-

געשפּראָכן; און אזוי זיך געשראָקן פאַר דער פּטירה, עס זאָל מיר אָן דיר קיין בייז, חלילה, נישט געשען...

ווער עס האָט מיך — — גע—שלאָ—גן?

ווער?

— ער!

ער, וואָס דו האָסט מיין האַנט פאַר דער פּטירה אין זיינער אריינגעליינט און געזאָגט: נעם זי... היט זי... ער, וואָס האָט דיר תקיעת כף געגעבן, געשווירן...

פאַרוואָס? מיינס, חלילה, ער האָט מיך נישט ליב? מיינסט, חלילה, איך פאַרקלאָג אים פאַר דיר? — איך וויל, חס־ושלום, זאָלסט ערגעץ דאָרט, חלילה, דערציילן — —

פאַר הונגער, מאַמע! און ווייל איך האָב נישט געוואָלט וויינען.

אָבער איך האָב געוואָלט! גאָט איז מיין עדות, איך האָב געוואָלט... איך האָב נישט געקענט... כ'בין אזוי פאַרשטיינערט געוואָרן, פאַרגליווערט! און ער זאָגט: א ווייבל, וואָס דער מאַן שפּייזט נישט, שרייט, שעלט! — און א שוואַרץ פייער צינדט זיך אים אין די אויגן אָן: „דו וועסט שרייען! מוזט וויינען!" — איך קאָן נישט; ער מיינט — להכעיס! איך וויל נישט, מיינט ער! — כאַפּט ער מיך אָן ביי די הענט און דריקט, די פינגער מיינע קנאַקן, עס כאַפּט מיך ביים האַרץ... איך קאָן נישט...

איך וויל שטאַרק וויינען; כ'וויס, כ'מוז! אַז ווען ער דערזעט א טרער, גייט אים אָפּ דאָס פאַרביטערטע האַרץ, דאָס פאַרשטיינערטע — און קאָן נישט. די אויגן ברענען אזוי טרוקן, און איך קאָן זיי פון זיין צאָרניג־ברוין פּנים, פון זיינע פאַרגלאָצטע אויגן נישט אָפּרייסן, און ער שרייט: „וויין"! „דו מוזט!" און „דו וועסט"! הימל און ערד זאָל אונטערגיין — דו מוזט וויינען! און לאָזט מיך נישט אָפּ. איך וויל צופאַלן צו זיין האַרץ, לאָזט ער נישט. שטויסט מיך אָפּ און — דערלאַנגט מיר אין באַק.

— „וויין — שרייט ער, נישט מיט זיין קול; מיט א קול פון א חיה א ווילדער! וויין, איך צערייס דיך! און דערלאַנגט, און דערלאַנגט — ביז בלוט...

און ווי ער האָט מיין בלוט דערזען, מאַמע, איז ער אויסער זיך געוואָרן, א ווילדן אויסגעשריי געטון, ביים קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט און אַנטלאָפן...

ר'איז אַנטלאָפן, מאַמע... ער וועט זיך א מעשה אָנטון, מאַמע! ער וועט עס נישט אויסהאַלטן... שוין צוויי טעג, אַז איך זוך אים אַרום...

מאמע, איך גיי פון דיין קיבר נישט אוועק! — קום איך אהיים, און די שטוב איז ליידיק, הענג איך מיך, — הערסט, מאַמע?
איך וועל דאָ ליגן, ביי דיינע פיס...
מיר איז אזוי קאַלט, איך בין אזוי מיד... איך וועל דאָ איינשלאָפן. און דו, מאמע, צו חלום קום! זאָג־אָן, ווו ער איז... א נישט גיי איך פון דער וועלט... אַט, מאמע, שלאָף איך איין, לאָז מיך לאַנג נישט וואַרטן... ס'איז קאַלט, אזוי קאַלט...

(נעמט ארום די מציבה, צוט זיך אוים — שלאָפט איין)

(אַ יונג שפּרינגט אַריבער די צוים, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שטיוול, לויפט באָרוועס צו צום קברנס פענצטערל, קלאַפּט שטיל אָן, און א ווייל קומט אַרוים פאַר דער טיר דעם קברנס טאָכטער)

דער יונג.

נו?

דעם קברנ'ס טאָכטער.

שוין...

דער יונג.

שטאַרק וויי־געטון?

דעם קברנ'ס טאָכטער.

(פינצטער)

נישט דיין זאך!

דער יונג.

ס'טאָל נישט געהערט — — ?

דעם קברנ'ס טאָכטער.

א מת־מיצווה געברענגט; נושאים ערגעץ אויפן וועג געפונען — א קיבר געגראָבן, געשיכורט — — ס'מת אין שטיבל געלאָזט — אליין אין בעט אריין — נישט געהערט — איך האָב די צונג געביסן, צוהאַקט די גאַנצע צונג. — ערשט אַצינד אָפּגעשניטן...

דער יונג.

לעבט?...

דעם קברנ'ס טאָכטער.

או—הום...

דער יונג.

ברענג ארוים! —

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אָ כ ט ע ר.

נאָכוואָס?

ד ע ר י ו נ ג.

ווילסט, ער זאָל דיר דערהרגענען?

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אָ כ ט ע ר.

מאַך אַן עק מיט דיין ווייב, — האָב חתונה! — —

ד ע ר י ו נ ג.

איך שלאָג; זי וויל נישט — ליגט איבעראַנאַנד — זי וויל נישט —

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אָ כ ט ע ר.

טו מיט איר, וואָס דו ווילסט טון מיט מיין קינד —

ד ע ר י ו נ ג.

ברענג אַרויס! אַ נפל איז קיין מענטש נישט... אַ מענטש קאָן מען נישט מיטאַמאָל... ברענג!

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אָ כ ט ע ר.

(גייט אַריין; ברענגט אַרויס דאָס קינד איינגעהילט)

באַקוק כאָטש...

ד ע ר י ו נ ג.

(דרייט זיך אויס)

מ׳דאַרף נישט... איך וועל שפּעטער אַ נ ד ע ר ע זעען... נאָך צייט... אַ לאָפּאַטע?

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אָ כ ט ע ר.

(שרעק).

לעבעדיקערהייט?

ד ע ר י ו נ ג.

(פינצטער)

נישט דיין זאַך —

(דערזעט די לאָפּאַטע אין אָפענעם קבר, כאַפּט זי אַרויס)

גיי פאַרויס — גיי!

(שטופּט זי, זי גייט, ער דערשטיקט ס׳קינד, נאָכגייענדיק)

כ׳הער טריט:

ד ע ם ק ב ר נ ׳ ס ט אָ כ ט ע ר.

איך אויך!

(קוקן זיך אום, דערזעען: דריי גנבים שפּרינגען איבערן פּלויט — זיי אַנטלויפן טיפער פאַר שרעק. ער פאַרלירט, לויפנדיק, דאָס פּעקל. די גנבים שפּרינגען פון פּלויט אַראָפּ).

ערשטער גנב.

(געפינט דעם יונגס שטיוול, הייבט אויף)

א פּאָר שטיוול? — דעם שיכורן קברנס אוודאי — — צו־גוט־קומען!

צווייטער גנב.

שטילער, עפּעס וויכטיקערס צו טון!

(קוקט זיך אום)

צו וועלכן קיבר צוגיין? פּעטס אויפן חלב און אַן אַדערל אויף אַ קנויט מוז מען נעמען פון א זינדיקן...

דריטער גנב.

ווער איז נישט זינדיק?

ערשטער גנב.

קיינער!

איך וואָלט אַן אַטעם גענאַנגען... לייכטע טריט!

צווייטער גנב.

אלטע לייט... שלאָפן נישט.. הערן באַלד...

ערשטער גנב.

איז כיק! דערנאָך — „בורא מאורי האש" — א זאַך!

דריטער גנב.

בעסער מיט א ליכט... געשמאַקער, דו זעסט — יענער נישט! — כ'קוק און לאַך...

צווייטער גנב.

געפּרוווט?

דריטער גנב.

אליין נאָך נישט!... מענטשן זאָגן... כוועדקאָ זאָגט... מ'קוקט און מ'לאַכט, מ'נעמט און יענער שלאָפט...

ערשטער גנב.

(געפינט דאָס פּעקל, וואָס דער יונג האָט פאַרלוירן)

אַט נאָך א כשרע מציאה — א געבענטשטע נאַכט.

(וויקלט אויף)

אַ קינד!

צווייטער גנב.

גוט! אוודאי א ממזרל...

דריטער גנב.

און א בן הנידה... וואָס קאָן זיין זינדיקער?

ערשטער גנב.

(באַטראַכט דאָס קינד, באַטאַפּט עס)

אָבער וועניק פעטס...

צווייטער גנב.

גענוג זיין! כ'וויים, ווו עפּעס ליגט... א מינוט צייט!

דריטער.

(דערהערט עפּעס)

טס... טריט.

צווייטער.

(דערזעט עפּעס)

מתים נייען...

ערשטער.

נאָך האַלבער נאכט!

(גייען, מיטן טויטן קינד אין האַנט, טיפער· פאַרשווינדן אין טונקלקייט· פון גערעפּל קומען ארויס דריי מתים; קוקן זיך אומרואיק אום)

ערשטער מת.

אויסער אונדז, קיינער נישט אויפגעשטאנען?!

צווייטער מת.

מ'האָט מורא!

דריטער מת.

א שיכורער קברן... האָט בייזע חלומות, שפּרינגט ארויס מיטן גראָבן שטעקן...

ערשטער מת.

מיר אַמאָל א ביין איבערגעבראָכן; כ'הינק דאָך נאָך!

ערשטער מת.

(פאַרקוקט פון בית-עולם אַרויס)

עמעץ קריכט פון דרויסן אויפן פּלויט ארויף.

צווייטער מת.

ביינאַכט אויף קיבר אבות?...

דריטער מת.

מוז דאָרט זייער נישט גוט זיין —

ערשטער מת.

לאָמיר זען!

צווייטער מת.

לאָמיר הערן —

(ציען זיך צוריק אין נעפּל אַריין)

דער יונגערמאַן.

(זיצט שוין אויפן פּלויט, אין איין האַנט — אַ שטריק, אין דער צווייטער — א ברויט. ער וואַרפט עס אַוועק)

אַז זי איז אַוועק, דאַרף מען נישט קיין ברויט... נישט געוואָלט וויי־נען? וועסט אַן אַלמנה ווערן, וועסטו שוין וויינען —

(שפּרינגט אַראָפּ פון פּלויט, לאָזט זיך צו צו אַ ביימל)

דאָס ווייבל.

(פון אומרואיקן דרימל ארויס)

מאמע! פאַרוואָס קומסטו מיר צו חלום נישט, מאַמע? מיר איז אַזוי קאַלט... און איך שרעק זיך... גערוישן וועקן מיך — מאַמע — —

דער יונגערמאַן.

(שאָקלט מיט א שטאַם פון א ביימל)

גוט... וועט אויסהאַלטן... שווער, נאָך אזוי פיל הונגער־טעג, מוז איך נישט זיין... זיכער אויסהאַלטן.

דאָס ווייבל.

מאַמע... עמעץ רעדט... מתים אוודאי...

דער יונגערמאַן.

(פאַרוואַרפנדיק דעם שטריק אַרום א צווייג)

ווידוי זאָגן? נאָכוואָס? סיי־ווי־סיי ביידע וועלטן פאַרלוירן... תקיעת־כף — און נישט געהאַלטן... געשווירן מיט כל השבועות און פאָרט געש־לאָגן... און אַצינד הענג איך מיך... אז ר'אי' נישטאָ, דאַרף מען נישט... וואָס פאַר אַ לעבן? וואָס פאַר ווידוי?

דאס ווייבל.

מאמע... זיין קול, דאכט זיך, מאמע... ער זוכט מיך! ער!

(שפרינגט אויף, זעט, ווי דער יונגערמאַן פארלייגט דעם שטריק אַרום האַלדז שרייט אויס ווילד:)

מענדעלע!...

(און פאַלט; דאָס בילד פון יונגערמאַן, וואָס הענגט זיך, ווערט צעריבעז)

קברן.

(שיכור, מיט א גראָבן שטעקן, ארויסקומענדיק פון שטוב)

א געשריי געהערט! לאָזן נישט רוען די מתים! ניין, ביי מיר גייט עס נישט! איך לאָז נישט! אין מיין מלוכה מוז זיין שטיל?

(רופט אין חשך אריין)

ווער האָט געשריגן?

(נאָך א פויזע)

דער מת־מיצווה?

(האָרכט צום טויטן־שטיבל)

שטיל?!

(גייט אריין, קוקט נאָך א ווייַלע ארוים)

ווי א מויז! אויפגעדעקט. — אונטערן לייַלעך האָט אים אן עכבר א פינגער פון פוס אָפּגעביסן — ער שווייגט... שיכורערהייט, אפנים, געשטאָרבן און נאָך נישט אויסגעניכטערט!

(קוט זיך אום)

ווער פאָרט?

אַקראָ.

(שטעלט זיך אויפן דעכל פון קברות-שטיבל)

קרא! קרא!

קברן.

(דערצאָרנט)

וועסט זיין שטיל, ממזר?! נאָך דו האָסט מיר געפעלט...

(וואַרפט דעם דראָנג צו דער קראָ, זי פליט אַוועק. דער דראָנג ברעכט איין דאָס דעכל)

קברן.

א שיינע כפרה! אבי פטור... ווער פאָרט האָט געשריגן? באהאַלטן זיך אוודאי!

(גייט צוריק, דערזעט פון ווייטנס דאָס ווייבל)

אהא! מיין טעכטערל אוודאי... באַשטעלט זיך מיט עמעצן און איינגעשלאָפן... אַ שאָד, וואָס כ'האָב נישט דעם דראַנג... אָדער פויסטן.

(כּעַנטער קומענדיק)

ניין — צו דין!... אַנדערע טליקען זיך אויך...

(רירט זי, צוגעקומען, מיטן פוס)

ע, דו, — שטיי אויף! —

טויט?

פּאַרטריקנט בלוט אויף דער באַק?

געהרגעט? מ י ר אונטערגעוואָרפן? אי... מיך פּאַקט מען נישט! מיר מאַכט מען קיין בילבול נישט — פאַראַן אַן אָפן קיבר — דער מת־מיצווה קען וואַרטן —

(וויל זי שלעפּן צום קיבר צו)

## ד אָ ס   ו ו י י ב ל .

מאַמע, עמעץ שלעפּט מיך!

## ק ב ר ן .

שוויַיג! דו, מיט מיר מאַכט מען קיין קונצן נישט! טויט איז טויט! און קענסטו שרייען, קענסטו גייען! שטיי, מחילה, אויף און — אליין צום קיבר! — מאַרש!

(ס'ווייבל שפּרינגט אויף — די לבנה שווימט ארויס פון אונטערן וואָלקן און באַלייכט דאָס גאַנצע פעלד, — דאָס ווייבל מיטן קברן, דעם קברנס טאָכטער מיטן יונג, טיפער — די גנבים, ווי זיי קריכן ארויף אויפן פּלויט פון הינטערגרונט. און מיט בית עלמין שטייט אַ קאָזע, אויף אַ שטריק צו אַ מציבה צוגעבונדן און קייט גראָז גאַנץ גלייכגילטיק. — )

# ש ו ע ס ט ע ר

(א י נ א ק ט ע ר)

## פערזאָנען:

**מירל** — אן אלמנה מיט קינדער נאָך אַ שוחט.

**אברהמ׳ל** — איר זון — אַ חדר-יינגל.

**לאה** | אירע שוועסטער; דינסטמיידלעך.
**נחמה** | פון זיי נחמה די יינגערע.

**זרח** — אַ שניידער - געזעל.

**משה׳ל** — אַ פעלדשער-יונג.

**לאָמפּן - צינדער.**

## די סצענע:

אן אפגעלעגן ווינקל אין שטאטישן סקווער. רעכטס — א לאמטערן; לינקס — צווישן ביימלעך — א גארטן-באנק.

---

(א הערבסט־אוונט. גערויש פון שפאצירער פון טיפן סקווער. ווערנד דער אקציע קומען מאנכע, דאס מערסט פארנוויז פון טיפערן און באלאכטן סקווער צום טונקעלערן ווינקל צו; זעען אים פארנומען און ציען זיך, באדויערנד, צוריק. דער לאמפן-צינדער קומט פון טי־פערן סקווער, וואו די לאמטערן ברענען שוין, מיט א לייטער, צום לאמטערן אין ווינקל צו, קריכט ארויף צינדט אים אן. פון לינקס קומט אן מ י ר ל, פארפרומט און פארזארגט ווי עמעצן אויס־קוקנדיק; אונטער איר צעגערנד, מיט גרויס חשק צו אנטלויפן, די מוטער זאל נאר לאזן — אברהמ׳ל).

### לאמפנצינדער.

(גיט אראפ פון לייטער, לייגט זי צוזאמען, באמערקט פון דער־ווייטנס מירלען, ברומט ארויסגייענדיק):

— קומען זיך שוין צוזאמען די — שוועסטער... שלעפט נאך ס׳יינגל מיט... מיט דער צייט וועט זי מיט די מיידלעך קומען... טפוי...

(אפ מיט דער לייטער)

### מירל.

(וואס האט זיך מער געשטויסן, ווי געהערט)

— ס׳מויל זאל׳ם הינטן שטיין, ריבונו־דעלמא כוליה!

### אברהמ׳ל.

(נישט פארשטייענדיק, פארוואס די מוטער שעלט)

מאמע?!

(איינגעהאלטן צוליב „כיבוד אם”)

— דער טאטע, זיכרונו לברכה, האט פיינט געהאט, אז מען שעלט...

(שטעלט זיך אָפּ בײ'ן אַ בײמל, צופּט פּאַר אומגעדולד, מיטן נאָגל די קאָרע, צו דער מוטער, וואָס האָט אים נישט געענטפערט און געזעצט זיך אויף דער באַנק, — שמאָלנדיק)

— מאמע, לאָמיך אהיים, מאמע!

מירל.

(אַלץ אינײנעם אויסקוקנדיק)

— ז'וועלן באַלד קומען, — די מומעס... אותו הרגע קומען... און ז'וועלן עפּעס ברענגען... וועסט דיר די נשמה דערכאַפּן, נחת מײנס...

אברהמ'ל.

— כ'בין גאָרנישט אזוי הונגעריק, מאמע... באמת — נײן...

מירל.

— א סך הײנט אין מויל געהאַט! כ'האָב דאָך קײן גראָשן נישט פאַרדינט...

אברהמ'ל.

— וועסט אהײמנעמען פּאַר פּערלען...

מירל.

— און רבי־געלט אביסל...

אברהמ'ל.

— פּערל גײט באָרוועס... פון ברכהן פאַלט דאָס קלײדל אראָפּ...

מירל.

— ס'גײט צו ווינטער... סײ־ווי־סײ — זיצן אין בעט... שכר־לימוד איז בילעכער...

אברהמ'ל.

(ביטער, מער פאַר זיך)

— פון אזא געלט...

מירל.

— וואָס אזוינס? וואָס האָסטו געזאָגט?

(אז אברהמל פאַרשווײגט)

— מײנסט, חס־ושלום זײ גנבנען בײ די באַלעבאָסטעס? פאַרדינען בײם אײנקויפן? חלילה — זײ קריגן מתנות: קומען סוחרים — לעק־געלט... און — שכירות... אַ הוין!... און יאָ! די מומע נחמה האָט גע־הערט, דו הוסט; וויל זי מיט דיר אַרײנגײן צום רופא...

אברהמ׳ל.

—כ׳וויל נישט!

מירל.

— נאַרעלע, צו דער הייליקער תורה הקדושה דאַרף מען האָבן כוח, מוז מען געזונט זיין...

אברהמ׳ל.

— אז נאָט וועט וועלן, כ׳זאָל געזונט זיין, האָט ער בעסערע שלוחים...

מירל.

— נאַרעלע, דער רופא אליין — איז אַ גאַנץ כשרער ייד...

אברהמ׳ל.

— נישט אים מיין איך...

מירל.

— דער יונג זיינער? — וואָס גייט ער דיך אָן, — דער יונג?

אברהמ׳ל.

(פאַרשווייגנדיק, צעהוסט זיך)

מירל.

(צואיילנדיק)

— פינצטער איז מיר, דו הוסט דאָך טאַקע רעכט... נאַ, נאַ דיר, נאַ, מיין שאַלעכל —

אברהמ׳ל.

— כ׳וויל נישט... דיר איז אויך קאַלט.

מירל.

(צוגייענדיק צו אברהמלען)

— ניין, ניין! אנגסטן שלאָגן אויף מיר...

(וויקלט אים ארום; לאה, באַווייזט זיך פון געסל)

— אָט גייט שוין די מומע לאה, מען וועט זיך נאָר אָפּשמועסן אויף מאָרגן... ווייסט, וואָס מאָרגן איז, תכשיט מיינער?

אברהמ׳ל.

— כ׳ווייס, דעם טאַטן זיכרונו לברכהס יאָרצייט...

מירל.

— וועל׳מיר גיין... אויפן קיבר וועל מיר גיין...

א ב ר ה מ ' ל.

(ארויספּלאַצנדיק)

— זיי אויך?

מ י ר ל.

(מיט האַרץ)

— גיי, גיי מיר פון ד'אויגן אוועק... מיין בייז האַרץ וועל איך צו דיר אויסלאָזן... שוין געהערט לשון הרע...

(רופט נאָך אברהמלען, וואָס טראָגט זיך אָפּ)

— זאָל פּערל אָנלייגן א פייער... צושטעלן וואַסער אויף קאַרטאָפלעס.

א ב ר ה מ ' ל.

(זיך אָפּשטעלנדיק)

— האָסט דאָך נישט פאַרדינט, מאַמע!

מ י ר ל.

— נישט ד יי ן זאַך!

א ב ר ה מ ' ל.

— און איך וועל נישט עסן!!!

(פאַרשווינדט)

ל א ה.

(וואָס האָט דאָס לעצטע געהערט און געזען, האָט, באַאומרואיקט איינגעהאַלטן די טריט; איז לאַנגזאַם צוגעקומען, און אָפּגעשטעלט זיך ביי דער באַנק. אז מירל דרייט זיך צו איר אום). —

— וואָס איז ער עס אַנטלאָפן, — אברהמ'ל?

מ י ר ל.

(איינגעהאַלטן)

— קאַלט געוואָרן... הוסט...

(ארויספּלאַצנדיק)

— און שיינע זאַכן ג ע ה ע ר ט ... פון איך ב יי ד ע.

ל א ה.

(פינצטער און שטרענג)

— פון דיין מ ו י ל, מירל?

מ י ר ל.

— פון ח ב ר י ם! אין ח ד ר! — חברים — פון די מ א־מ ע ס... דער בוימל קומט אויפן וואַסער ארויס...

ל א ה.

(גאַלגען-הומאָר)

— ס'געפעלט זיי דער שידוך נישט?

מ י ר ל.

(גיפטיק)

— שוין געווען ראשי־פּרקים?!

(זיי מעסטן זיך מיט די אויגן)

ל א ה.

(האַלט נישט אויס, הויבט אָן אַרויסצונעמען זאַכן פון קעשענע)

— נא האָסטו וואקס...

מ י ר ל.

(עטוואָס גערירט)

— געדענקסט צו קויפן?

ל א ה.

(ציט מיט די אַקסלען)

— אויסגעלאָזט ה אָ נ י ק, געבליבן ו ו א ק ס!...

מ י ר ל.

(זעצט זיך)

— כ'נעם נישט קיין וואקס!

ל א ה.

(מיט הארץ)

— משוגעת! האָסט א נ ש מ ה ־ ליכט?

מ י ר ל.

— בעסער נישט, איידער — געגנבעטס!

ל א ה.

— איז נישט...

(לייגט אַרויס, אַז מירל שטעלט נישט אויס די האנט׳ צום נעמען, די אנדערע זאַכן פון טאַש אויף דער באנק אַרויף האַסטיק אויס־ רעבעגענדיק)

— אביסל טיי און צוקער.. פּאַר אברהמלען א לעקעכל... אביסל געלט פארן מלמד...

(שטעלט אויס די האנט מיט זילבער-געלט; אַז מירל צוילט פאַר־ דעכטיק דאָס געלט אויף איר האַנט, פאַרענטפערט זיך)

— דער חתן... פארן אוועקפאָרן א דיזנע געלאָזט... געקומען באַ־קוקן די געשוואָלענע מויד מיט די קעלבעריקע אויגן...

מ י ר ל.

(איבערהאקנדיק)

— לאה!

ל א ה.

— וואָס איז? ווייניק געהאָרעוועט?

מ י ר ל.

— אזוי פיל?

ל א ה.

— שלאנג

מ י ר ל.

(נעמענדיק דאָס געלט)

און ווען נישט אברהמל!

ל א ה.

— טרעט... טרעט מיט די פיס... אויפן הארץ... אויף דער נשמה... אז אלע טרעטן.

מ י ר ל.

— חבר דיך נישט מיט פעלדשער־ייִנגען!

ל א ה.

— דיינע פרומאקעס זענען בעסער! — — ווילסט וויסן? ווילסט! הער, — צאַפּ דיין שוועסטערס בלוט!...

(מיט שטייגנדער אויפרעגונג און היציקן אָטעם)

— געהאָרעוועט ביז שפּעט ביינאַכט... מיט אמאָל אן אָפּן הויז געוואָרן... א חתן געקומען... געסט... כיבוד... מ'פּאַלט פון די פיס... טיי און קאווע, און פארבייסן, און דאָס און יענץ... „ס'שאט נישט", זאָגט זי, ד'אלטע מכשיפה, „ס'וועט זיין תנאים, וועסטו פארדינען"... לויף, כאַפּ, טראָג... טראָגן זאָל מען זי אויף דער מיטה, ריבונו של עולם, נאָר אן עק! די רשעים אין גיהנום האבן אויך אמאָל רו... געלויבט איז גאָט... דריי אזייגער... כ'קויקל מיך קוים אין קיך אריין... פאַל אויפן בעט... נישט אויסגעלאָשן ס'לעמפּל אפילו... מיין כפרה, זאָל זי מיר אָפּשלאָגן ס'ביסל נאפט... ז'האָט מיר ג ע ז אָ ג ט די מכשיפה... באלד אינדער־פרי.. ס'מויל זאָל איר הינטן שטיין, ריבונו דעלמא כוליה... נאָר גאָר־

נישט... כ׳פאַל אויפן בעט, אין אַנטון, קוים די בלאָזקע אראָפּגעוואָרפן און די שיך... כ׳ליג ווי א גולם מיט אָפענע אויגן ליג איך... כ׳הער — פון שטוב אַרויס שלאָגט: האַלב־פיר, פיר, האַלב־פינף... קוים כ׳דרימל איין — ר׳איז דאָ!

מירל.

— דער חתן?

לאה.

— נאָך אַזויפיל העזה זאָל ער האָבן? געגנוג ר׳האָט מיר גאַנצע טעג... פון אונטער דער געשוואָלענער כלהס פּלייצע אַפּער... פון אונטער די ברעמען די געקראָכענע... אין בוזעם אַריין... די הייסע שלוחים געשיקט... ביים לעצגעלט די האַנט געדרוקט... דרוקן זאָל עס אים אין האַרץ, ריבונו של עולם... ער אַליין איז נעקומען — ר׳ יאָ־קע־לע!

מירל.

— וואָס האָט ער געוואָלט!

לאה.

כאַ—כאַ—כאַ! וואָס וויל אַ מאַנספּאַרשוין? כ׳כאַפּ מיך אויף... קאַצינע אויגן... אַ ברענענדיקער אָטעם... די פּיאות קריכן מיר אויפן האַרץ אַרום ווי די ווערעם...

(פּויזע)

— נאָר אָן אים האָב איך מיר ס׳האַרץ געקילט! אָן איינפּאַרהויז מיינט ער! אַלע פינף פינגער!

(נחמה און זרח קומען אָן געאָרעמט פון טיפערן סקווער)

מירל.

(אָנכאַפּנדיק לאהן ביי דער האַנט)

— שוויי ג, נחמה גייט! — — און זע, זע מיט וועמען... זע ווי אַזוי...

נחמה.

(אַפּלאָזנדיק זרחס אָרעם)

— מאַך אַ „ויברח"...

זרח.

— אַ! די צנועה...

נחמה.

— ס'איז מיין שוועסטער, זרח! — ווינט און נעפּל זאָלסטו ווערן!

(אַז זרח וויל זי׳ פאַרן אַוועקגיין׳ קושן)

— ווערסט צייט האָבן, נאַשער! — כ'וועל דיך רופן...

(אַז זרח פאַרשווינדט׳ צוקומענדיק צו די שוועסטער)

— וואָס איז אברהמל?

לאה.

(אָן פּארב)

— געוועזן... אוועקגעגאַנגען...

נחמה.

(מיט א זייטן-בליק אויף מירלען)

— און איר פּאַסט נישט צו ענטפערן!

(באַמערקט דעם בלויזן האַלדז; געריירט)

— און וווּ ס'שאַליכל מירל?! פאַרזעצט?!

לאה.

— איינגעהילט אברהמלען...

נחמה.

(מיכלומרשט צו לאהן, נאָר מירל זאָל הערן)

— זאָלסט הערן, ווי מיין באַלעבאָס לויבט אברהמלען... אין טאָג אַריין! — ביים װאַרעמעס... כ'זיץ אין קיך.. אין פּוטער שמעלץ איך מיך!

„אברהמל איז אַן עילוי״... „זאפּט די הייליקע תורה, ווי א שוואָם״. עס א שאָד, אַלע ביינדלעך וואָלט איך אים אויסגעקושט...

מירל.

— האָסט ווענען צו קושן... ער ברוך השם, וויל נישט...

נחמה.

ר'וועט עלטער ווערן, וועט ער בעסער ווערן!

מירל.

— א האַלצענע צונג זאָלסטו באַקומען, ריבונו של עולם! —

לאה.

— ס'הייבט זיך שוין אָן! —

נחמה.

— שווייג בעסער, נבאימטע!

מירל.

און אז איך וועל שווייגן, וועט די וועלט אויך שווייגן?

לאה.

(מער צו זיך)

— מיין כפרה די וועלט...

מירל.

— און גאָט, — גאָט, ברוך הוא, וועט אויך שווייגן?

נחמה.

כ'האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, מירל: שטעל דיך נישט צווישן מיר און גאָט... כ'וועל מיר אליין מיין שטעטל באַשטיין...

לאה.

— נחמה!

מירל.

— ריבונו־של־עולם, וואָס פאַר א לשון!

נחמה.

— און האָט גאָט צו מיר טענות, האָב איך צו אים אויך טענות... און אויף איין טענה טויזנט תירוצים...

מירל.

— הער, ווי זי רעדט! הער, ווי זי רעדט!

נחמה.

(אַרויסלייגנדיק געברענטע זאַכן פון טאַש)

— עט! — נאַ, נעם בעסער...

מירל.

— זע, זע, ווי די האַנט ציטערט איר... כ'שטער דאָך איר די שימחה מיטן שוסטער־יונג...

נחמה.

— אָבער גאָר „לא"! און מיט א ספּאָדעק! כ'פרעג נאָך דיר א סך! — — עי, זרח! — — אויף די פליגל פון ווינט!

(זרח קומט צו)

— כ'בין א שיינע מויד, — זרח?

זרח.

— ווי דער טאָג!

נ ח מ ה.

— פארליבט?

ז ר ח.

— איבער די אויערן!

נ ח מ ה.

— שטארק? — היים?

ז ר ח.

— ווי ס׳גיהנום!

נ ח מ ה.

— און — — ווען שטעלט מען א חופה?

ז ר ח.

— כאָטש מאָרגן! — — זאָל נאָר זיין ארבעט...

נ ח מ ה.

— כאַפּט דיך דער וואַטנמאַכער מיטן מסדר קדושין צוזאַמען... קום, זרח!

(גייען צום טיפערן סקווער)

מ י ר ל.

(שרייט איר נאָך)

— חצופה!

נ ח מ ה.

(זיך אָפּשטעלנדיק)

— ווייסטו, וואָס, מירל! פאָלג מיך, מאַך מיך חתונה... עסן ס׳קניפּל: נדן, חתונה־הוצאות... מלבושים — — — האָסט? קענסט ניין? — — — שווייגט מען!

(ראש אָפּ. מירל נעמט געשווינט צוזאַמען דאָס ארויסגעלייגטע אויף דער באַנק, וויל גיין)

ל א ה.

— לאָז מיך נישט איבער אליין...

מ י ר ל.

(ש ט ר ע נ ג)

— אהיימגיי!

ל א ה.

— אהיים וואָלט איך געגאַנגען...

מירל.

— אַ מענטש גייט נישט גראָד אַהיים... נאָר ווו ס'איז באַשערט...

לאה.

(כאַפּט זי אָן ביי דער האַנט)

— ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ! — — געפאָרן באַלייטן דעם חתן צו דער באַן... און דאָס קיך־לעמפּל רייכערט... שאָטן טאַנצן אַרום אויף די אָפּגעשיילטע ווענט.. און די שטריק פון בוידעם קוקן אַפער פון אונטערן בעט... כ'האָב אַזוי מורא...

מירל.

— האָב בעסער מורא פאַר גאָט! פאַרכט דיך פאַר די זינד!

לאה.

— מירל... ווי האָט עס אַ מענטש קיין פונק רחמנות נישט...

מירל.

(ווייכער)

— און דו, אויף דיר אַליין, האָסט רחמנות? און אויף נחמה'ן — האָסטו? דו טרענקסט, שלעפּסטו זי מיט...

לאה.

— כ'צי נישט קיינעם... איטלעכער האָט זיין ווילן, זיין שיכל... און זיין אייגענעם חשבון מיט גאָט... און איך טרענק נאָך נישט!

מירל.

— אוודאי, אַ שפּאָס! מען איז זיך דאָך מקנא אָן דיר... מען בענטשט זיך דאָך מיט דיר! — — — שדכנים קלאַפּן דאָך דיר אָפּ די שוועל! — — און וואָס וועט זיין דיין סוף, לאה?

לאה.

— צום סוף איז נאָך ווייט... כ'ווייס? און אפשר נישט... און וואָס זאָל זיין דער סוף?

מירל.

— און וואָס ביסט'עס אַזוי ווייס ווי די וואַנט? און וואָס פאַר אַ רויטע פלעקן האָסט'עס אויפן פּנים? און וואָס באַטייטן די געשוואָלענע ברעמען? און די בלאָנע־בלויע רענדער אַרום די אויגן! און דאָס פיבער אין זיי? און וואָס זענען עס דיר אַזוי איינגעפאַלן די באַקן? —

ל א ה.

— וואָס? כ׳דאַרף נאָך שײנען ווי די זון... כ׳אַרבעט וויניק, כ׳האָרעווע נישט?!

מ י ר ל.

— פאַרעד נישט די צײן! — — האָרעווען האָרעוועסטו שוין לאַנג און פריער האָסטו דאָך געבליט ווי א רויז... געשפּילט ווי א פויגל...

ל א ה.

— ווען פ ר י ע ר?

מ י ר ל.

— אײדער דער פעלדשער־יונג האָט דיך פאַרלאָזט!

ל א ה.

— דאָס ווייסטו אויך. און אין דעם בין איך אויך שולדיק?

מ י ר ל.

— ווער דען? איך!

ל א ה.

— מירל!... אַזוי קען נישט זײן... אַזוי טאָר נישט זײן... א תלין זײן פאַר אַן א יי ג ע נ ע שוועסטער, הייסט גאָט א ל יי ן נישט... זעסט, מען האָט אָן מיר ג ע פ ע ל ש ט , א גזלן אין פעלד איז מיך באַפאַלן, אַרײנגעשטעקט א מ ע ס ע ר אין האַרץ; בלוט רינט... ביסט דאָך א שוועסטער...

(אַז מירל, וואָס האָט מורא זי זאָל נישט ווייך ווערן, דרייט זיך פון איר אָפּ, זיך אויפהויבנדיק)

— עט! אַז עס איז אַזוי, זאָל זײן אַזוי!

(גייט אין דער ריכטונג צום לאַמטער)

(מירל דרייט זיך אום באַוועגט׳ וויל זי שוין צוריקרופן, לאה קומט דערווייל אין ליכט־שטרייף אַריין אונטערן לאַמטער)

מ י ר ל.

(פון פלוצלינגער שרעק באַפאַלן)

— ל—אה!

ל א ה.

(שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך אום)

— וואָס!

מירל.

— אהער, קום! אהער!

לאה.

— שריי נישט אזוי, מען הערט דאָך...

מירל.

— ווי מיר, ווי מיינע יאָר! צו דעם איז עס געקומען! —

(אז לאה שלעפּט זיך צו איר צו, ווי א געשלאָגענער הונט)

— שטיי! קום נישט אין מיינע דלת אמות אריין... און מאָרגן צום קיבר — נישט דו, נישט זי...

(וואַרפט אַלץ ארויס פון שירץ)

— נאַ! נאַ! נאַ!

(לויפט אָפּ רעכטס, לאה פאַלט אויף דער באַנק, ציט זיך צוזאמען)

משה.

(קומט אָן פייפנדיק אַ לידל, קוקט זיך אום)

— א... עפּעס א סחורה אויף דער באַנק...

(גייט נענטער צו, דערקענט ווער עס איז, וויל זיך צוריקציען אויף די נעגל)

לאה.

— אנטלויף נישט!

משה.

— כ'איל מיך... ארויסגעלאָפן קויפן פּאַפּיראָסן...

לאה.

— פּאַפּיראָסן קוקן זיך פון מארינארקע ארויס...

משה.

— זעסט, ווי דער קאָפּ איז פארדרייט...

לאה.

— קום נאָר צו נענטער...

משה.

(טוט עס נישט גערן)

— איבערגעלאָזט אָנגעזייפטע געסט...

לאה.

— כ'וועל דיך לאַנג נישט האַלטן...

מ ש ה.

— נאַר, כ'בעט דיך, נישט געזידלט... זע'מירביידע נישט אזוינע פרומע נשמות...

ל א ה.

— ניין... נאַר א בשורה וויל איך דיר אָנזאָגן!

מ ש ה.

(גאַלגען-הומאָר)

— ווערסט א כלה? מזל־טוב דיר!

ל א ה.

— דיר אויך... גאָט האָט מיך געבענטשט...

מ ש ה.

— דאָס איז גראָד מיין ברכה... אויב כ'האָב קיין טעות נישט...

ל א ה.

— ניין... האָסט קיין טעות נישט... וואָס זאָגסטו דערצו?

מ ש ה.

(זעצט זיך, פאַרזאָרגט)

— ווייסטו וואָס, לאה? — כ'האָב א באַקאַנטן דאָקטאָר!

ל א ה.

— און נאַר!

מ ש ה.

— כ'וועל דיר ברענגען פּראָשקעס!

ל א ה.

— און — שוין?!

מ ש ה.

— וואָס דען, לאה?! צוויי מתים גייען נישט טאַנצן...

ל א ה.

— נו, גיי אַז דו ווייסט שוין... גיי! — — —

(מיט שטייגנדן עקל)

— און דאָס האָב איך ליב געהאַט, דאָס!

(באַמערקט אז ער שטייט נאָך, אויסשרייענדיק)

— גיי!

(משה פאַרשווינדט; עס קומען אַן נחמה און זרח)

נ ח מ ה.

— וואָס האָסט, עס געשריגן, לאה?

(באַטראַכט זי)

— דער פעלדשער יונג איז דאָ געווען! — געוועזן — ער האָט דיר עפּעס געזאָגט?

ל א ה.

— איך האָב אים געזאָגט!

נ ח מ ה.

(שלעכט פאַרשטייענדיק)

— רעכט אזוי! — כ'גיי איינקויפן, אינדערפרי, שטייט ער דאָרט מיט דער געלער מויד... קוועטשט איר די יד, ז'האָט דאָך צ לאַפּע, ווי אַ בער.

ל א ה.

— מיין דאגה.

נ ח מ ה.

— אזוי?!

ז ר ח.

— אַ גאָלד פון אַ מויד!

נ ח מ ה.

— וואָס ברומסטו דאָרט, זרח!

ז ר ח.

— כ'זאָג, אַ שאַרלאַטאַן איז ער, דער פעלדשער־יונג...

ל א ה.

— און דו, זרח

ז ר ח.

— איך? וואָס איך?

ל א ה.

— ווען שטעלסטו אַ חופּה?

ז ר ח.

— זאָל נאָר זיין ארבעט...

ל א ה.

— און איידער ס'וועט זיין...

**זרח.**

— ווי נחמה וויל...

**נחמה.**

— כאַפּט דיך דער וואַטנמאַכער מיטן מסדר קדושין צוזאַמען...

**לאה.**

— און דערנאָך... וואָס וועט זיין דערנאָך?

**נחמה.**

— איך זאָג, ברוך השם יום־יום — אויפֿן מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן...

**לאה.**

— גאָט וויל, יעדער זאָל פֿאַר זיך זאָרגן!

**נחמה.**

— וואָס פֿאַר אַ לשון, לאה?! באַהאַלט די תחינות אויף מאָרגן...

**לאה.**

— וואָס מאָרגן?

**נחמה.**

— אויף שוחטלס קיבר...

**לאה.**

— מ'גייט נישט מאָרגן!

**נחמה.**

— וואָס איז טייער? און פֿאַרוואָס וויל זי נישט?

**לאה.**

— זי זאָגט, מיר פֿאַרשווען דעם קיבר...

**נחמה.**

(אָפּשפּרינגענדיק)

איך האָב נאָך קיין שלעכטס נישט געטון, לאה!

**לאה.**

— וועסטו טון... אונדזער וועג גייט משופּע אַראָפּ... משופּע אַראָפּ...

(דער לאָמפּנצינדער וואָס האָט שוין געלאָשן איבעראַל אין סקווער לעשט דאָ אויס דעם לעצטן לאָמפּ, עס ווערט פינצטער)

(לאַנגזאַם פֿאָרהאַנג)

# די נאָלדענע קייט

## א חסידישע פאַמיליען - דראַמע

(אין ווייסן פערז)

### אין 3 אַקטן.

## פּערזאָנען:

שלומה.

פּינחס — זיין זון.

משה — פּינחסעס זון, שלומהס אייניקל.

יונתן — שלומהס זון, משהס אוראייניקל.

דבורה — פּינחסעס ווייב; משה מוטער.

מרים — משהס ווייב.

לאה — משהס און מרימס טאָכטער; יונתנס שוועסטער.

ישראל — גבאי ראשון.

צווייטער און דריטער גבאי

עולם

חסידים צווישן זיי.

אברהם.

למך

ביניש — ישישים — די עלטסטע חסידים.

אַלטע חסידים

אַן אַלטער חסיד און א

יונגער רייכער חסיד

יונגע רייכע חסידים

א היימישער

אַן אָרעמער חסיד

אַ ישובניק

בערגמאַן — אַ דאָקטאָר.

# ערשטער אַקט

דעם רבינס צימער; אַלט־פרענקיש־פריציש מעבלירט. אַ גע־שניצטער באַלקען, פון וועלכן עס הענגט אַראָפּ אַ קריסטאָלענער הענג־לייכטער, וואָס קלינגט ביי שטאַרקערע טריט אין צימער. אונטער אים — אַ צעפּלאַצטער מאָזאַיק טיש, רויט־סאַמעטן־געבעטע קאַנאַפּע, אַ פּאָטער־שטול, שטילן. ביי די ווענט — בענק, לאַנגע, אָן אָנלענען. גלעזערנע שענקלעך: מיט ספרים און מיט זילבערנע און גאָלדענע כלים. אויסער אַ חנוכה־לאָמפּ, בשמים־פּושקעס, אתרוג־פּושקעס א. ד. ג. וואַרפט זיך, מיט זיין גרייס, אין די אויגן אַריין — אַ זילבערנער, אַלט־פריצישער בעכער. טירן רעכטס און לינקס: רעכטס — צוויי שמאָלע, פאַרן היימישן געברויך; איין טיר אין בית־המדרש אַריין, די צווייטע צו עזרת נשים, לינקס — אַ גע־ווינלעכע טיר אין ווייטערע צימערן אַריין, אין הינטערגרונט — אַ טיר און א גרויס ווענעציאַניש פענצטער צו'ן אַ הויף־גערטל, זילבערנע העסן אַרום די ווענט.

מוצאי שבת; שפּעט אין אָוונט. נאָך גאָרנישט אָנגעצונדן אין שטוב. איבער דער דיל שפּילט אַ שוואַכע ליכט־נעץ פון לבנה־שיין אין שניי־אָפּגלאַנצן, וואָס פאַרשווינדט, באַלד נאָכן אויפגיין פון דער פאָרהאַנג. אין דרויסן ווערט אַלץ טריבער און טריבער, און ברעכט אויס ענדע אקט, אין אַ שניי־שטורעם.

אין צימער הערשט אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַן אומאָרדענונג. אין דעם הויז האָט געמוזט עפּעס אַן אומגליק געשען. פון רעכטס און לינקס, ווען עס עפנט זיך אַ טיר, הערט זיך אַן אומעטיק גע־רויש, אויסגעשרייען א. ד. ג.

---

(פון הויף־טיר קומען אריין דער עלטערער און דער יונגערער רייכע חסידים. אונטער זיי — דער אָרעמער חסיד און דער היימישער, וואָס „רייבן" זיך ארום יענע.)

דער עלטערער רייכער חסיד.

הייסט עס — פארלוירן א שבת!
אזוי פיל געשעפטן פארלאָזט, —
און מען גיט קיין שלום נישט...

דער יונגערער.

אז, לא עליכם...

היימישער חסיד.

חס ושלום...
ס'איז נאָר באתכסיא...
צרת הרבים...

אָרעמער חסיד.

טוט זיינס ביחידות...
שטאָרעמט די עולמות עליונים...

דער יונגערער.

(הינטערליסטיק)

עפּעס צו אייך דאָ געקומען
א דאָקטאָר א יונגער?

היימישער חסיד.

(כאַפּט אָן אין דער ענדערונג פון געשפּרעך)

ימח שמו...

אָרעמער חסיד.

א מכשף...
מאכט עפּעס רעגן אין שטוב
און שניי...

היימישער חסיד.

(ווײמוטיק)

ער, זאָל לעבן, אָפּגעשלאָסן,

וועגן כּלל. גזירות גייען...
פון ערגעץ, זאָגט מען, שיקט מען
גאַנצע פורן מעסערס,
קהילות גאַנצע צו באַפאַלן...
אַרבעט דער מין דערווייל,
פּאָר בחורים דרשנט ער...
וועגן טבע...

דער יונגערער רייכער חסיד

און קומט צום רבין?...

הײמעשער חסיד.

דער רבי האָט קיין פּחד נישט!

אָרעמער חסיד.

אויף אים האָט ער קיין שליטה נישט...

(די רייכע חסידים הערן זיי שוין נישט, גייען איבערן צימער, באַטראַכטן)

דער עלטערער רייכער חסיד.

שווערע פּאָרהענג.

(באַטאַפּט זיי)

זיידענע...

היימישער חסיד.

אַזוי ביים פּריץ געקויפט,
מיטן הויז צוזאַמען...

יונגער רייכער חסיד.

באַלקען — געשניצטע, מעבל — געשניצט,
העסען, אַלמערס — מיט פיגורן...

אָרעמער חסיד.

האָט מען אָפּגעקלאַפּט די נעז...

יונגער רייכער חסיד.

הענגער פון הערנער אין ווינקל...

הײמישער חסיד.

דערמיט שטויסט ער דער שטן...
דאָ פלעגט ער זיצן ביידערנאַכט...
אין פינצטערע נעכט,
אין היתבודדות אַליין.
מילחמה האַלטן מיט כל־דאָס בייז...

אָרעמער חסיד.

מיט מסירת נפש...

יונגער רייכער חסיד.

(דעם יינגערן, אין דער זייט)
קראַנק איז ער...

יונגערער רייכער חסיד.

מען זאָגט: פון זינען אַראָפּ...

דער עלטערער רייכער חסיד.

קען זיין...
ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ כישוף
אין די אַלע זאַכן שטעקט...

יונגער רייכער חסיד.

שאַדט עס אַ רבין אויך
און — אַזאַ אַלטן?

דער עלטערער רייכער חסיד.

קום אין אכסניא אַריין...
(ווילן גיין דורך דער בית-המדרש-טיר)

הײמישער חסיד.

זיך נישט דורכצושטופּן!
קיין עין הרע — איין עולם...

אָרעמער חסיד.

איך וועל אייך פירן דורכן הויף —
(פירט זיי אַרויס; הײמישער חסיד גייט אָפּ אין בית-המדרש אַריין.
פון לינקס, איינער נאָכן צווייטן קומען די ישישים)

א ב ר ה ם.

(קנאקנדיק די פינגער׳ שטאַרקט זיך קעגן אומעט, וואָס איבערוועל-
טיקט אים, ברומט אויף זיך)

שבת! שבת!
עס איז פאָרט נאָך שבת!
נישט געמאַכט נאָך קיין הבדלה.

(צו די נאָכקומענדיקע)

העי?

ל מ ד.

וועט עס זיין א וואָך...

ב י י נ י ש.

א וואָך...
השם ישמרנו — א וואָך!

(צעגייען זיך איבער דער שטוב)

ל מ ד.

(זיך אָפּשטעלנדיק)

ס׳האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט,
געריסן זיך אהער...

ב י י נ י ש.

מיך — געצויגן, ווי א מאַגנעט...

ל מ ד.

פאַלט פונקט מיין איידעם איין
זיך גטן...

ב י י נ י ש.

כ׳קען דאָס וואַסער נישט אריבער,
קיין פּראָם און קיין שיפל נישט;
קריהע גייט און קריהע!

א ב ר ה ם.

(שטעלט זיך אָפּ, אָנגעלענט אין טיש; ביטער:)

זענט איר, הייסט עס, מיך מקנא?

(למד און ביינ׳יש צעגייען זיך איבערן צימער)

ל מ ך.

(זיך אָפּשטעלנדיק פאַר אברהם)

אָבער וואָס איז דאָס געשען אזוינס?

ב י י נ י ש.

(נאָכקומענדיק)

וואָס האָט זיך דאָ געטון אזוינס?
וואָס?

ל מ ך.

רעד א וואָרט!

ב י י נ י ש.

ציסט דאָך די נשמה ארויס!

א ב ר ה ם.

וואָס? גאָרנישט!
ממש גאָרנישט...
זעענישן געזעו...
פון זעענישן כסידר גערעדט...

ל מ ך.

האָט מען עפּעס פארשטאַנען?

א ב ר ה ם.

מרים׳ל...

ל מ ך א ו ן ב יי נ י ש:

(מיט ליבשאַפט)

מרים׳ל... מרים׳ל...

ל מ ך.

זי האָט פארשטאַנען...

ב י י נ י ש.

נעווים...

א ב ר ה ם.

ס'האַרץ, זאָגט זי, פּילט...

(עס זענען אריין אַלטע חסידים; שטיל, איינער נאָכן צווייטן. שטעלן זיך אָפּ, דערזעענדיק די ישושים, מיט דרך־ארץ און עטוואָס פּחד. נישט ווייט פון טיר; מאַנכע זעצן זיך צעגערנדיק און פאַרנעמען נישט דאָס גאַנצע געזעס)

ע ר ש ט ע ר  א ל ט ע ר  ח ס י ד.

(ראַפּאָרטירנדיק)

סוחרים ווילן אהיים,
פאַרכטן זיך...

(זעצט זיך, פון די ישושים נישט געמערקט)

צ ו וי י ט ע ר  א ל ט ע ר  ח ס י ד.

אַן אישה אין עזרת נשים
חלשט...

ד ר י ט ע ר.

מען קען זי נישט דערמונטערן...
און ס'בית־מדרש אין חושך מורמלט...

צ ו וי י ט ע ר.

גלייך א וואסער רוישט...

ע ר ש ט ע ר.

גלייך א וואלד...

(בלייבן שטיל; דער ישיש הויבט אָן רעדן)

א ב ר ה ם.

(ווי פון אַ חלום אַרויס)

דרעמלט איין...
פון חלשות דרעמלט ער איין,

און ציטערט אויף...
עפנט די אויגן גרויס...
פול שרעק — די אויגן.
„א רויטע וועלט“, זאָגט ער
„א רויטע וועלט“
און ציטערט...
מרימל שטייט דערביי...

מקורבים און זקינים.

מרימל...
מרימלס נאָמען דערמאָנט...

אברהם.

זאָגט זי אונדז:
בלוט וועט זיך גיסן,
יידיש בלוט, ווי וואסער...
(אריינקומענדיק)
רעדלעך שטייען זיי אין מארק...
מ'שרעקט זיך, מען סוידעט זיך...
אין ארום — א חושך;
מ'עפנט נישט קיין קלייט,
מען צינדט נישט אָן קיין ליכט...
(האַקט אָפּ, באַמערקנדיק ישישים)

אברהם.

און דרעמלט איין...
און ציטערט ווידער אויף...
עס ציטערט די ווייסע באָרד,
עס ציטערט דער קאָפּ...
„פלעמלעך“, זאָגט ער,
„פלעמלעך פליען אין אויער ארום“.
(אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף די פלאכע הענט)

אברהם.

זאָגט מרימל...

שטימען פון צימער.

מרימל און מרימל...

אברהם.

מיטן רויך
וועלן שטעט און שטעטלעך גיין...

אַ רעמער חסיד.

(צוריקגעקומען פון הויז)

שלאָגט זיך אַ געוויין אין מארק...
אַ יולדת...
ווייען שוין דעם דריטן טאָג...
אוועקגעפאלן אויף אסכרה
אַ ילד...
רחמנא ליצלן!

(אָפּ אין בית-המדרש אַריין)

שטימען אין צימער.

וואָס וועט זיין?
וואָס וועט זיין דער סוף!

אברהם.

און אַ וואַלד געזען...
איין אין-סוף אַ וואַלד...
בוים ביי בוים שטייען זיי,
מיט קרוינען זיך פאַרפלאָנטערט;
צוזאמענגעפלאָכטענע צווייגן...
און שטעקן די נאַקעטע וואָרצל קאַפּויר;
ענג איז זיי...
קומט אמאָל אויף אַ בוים די צייט:
חייב מיתה ווערט אַ בוים...
פון דער ערד אַרויסגעריסן ווערט ער,
אָבער פאַלן קען ער נישט...

ר׳האָט נישט ווו, דער בוים;
ה ע נ נ ע ן בלייבט דעם בר־מינן...

### ל מ ד.

מויל און אויערן...

### ב י י נ י ש.

האָר און נעגל...

### ה יי מ י ש ע ר ח ס י ד.

(פון הויז-טיר קומענדיק)

דער הויף איז פול...
א געמורמל, א געווימל...
און — א פחד — — —

### א ב ר ה ם.

און אונטן; ארום די שטאמען
לויפן סודות נוראים ארום...
ווי די חיות,
ווי די חיות רעות...
ברענענדיקע הונגער־אויגן...
לויפן, רייסן,
יאָגן זיך פון וואלד ארוים...

(פ ו י ז ע)

זאָגט מרימל דערויף:
גזירות רעות...
קרענק און אונטערגענג...

### ש ט י מ ע ן א י ן צ י מ ע ר.

וואָס די יידן רעדן...
וואָס פון מויל זיי ברענגען...
אל תפתח...
אל תפתח פה לשטן...

ל מ ד.

קרענק און אונטערגענג —

ב י י נ י ש.

און גזירות רעות...

מ ק ו ר ב.

האַלטן פּריצים דאָך א סיים...

א ז ק ן.

טראכטן זיי פון אונדז...

א צ ו ו י י ט ע ר.

דעגן ווי אונטערגענג...
ריבונו של עולם...

א ד ר י ט ע ר.

און ער לאָזט נישט צו,
שיקט צום דאָקטאָר אָפּ.

א צ ו ו י י ט ע ר ז ק ן.

צום יונגן דאָקטאָר אָפּ.

ה יי מ י ש ע ר ח ס י ד.

און דער דאָקטאָר...

א מ ק ו ר ב.

מיר ווייסן... מיר ווייסן...
ברענגנ נישט פאַרן מויל...

ה יי מ י ש ע ר ח ס י ד.

ער פירט דאָך איבער!

א ז ק ן.

ימח שמו...

(האַקט אָפּ)

## אברהם.

און אויבן, אין דער הייך
צווישן די פאַרוויקלטע צווייגן,
ווו טויט און לעבן אויסגעמישט...
נעסטן פייגל שווערע...
שווערע — זאָגט ער — פייגל...
גרויסע... און זיי היפּען,
און — שפּרינגען איבער
פון צווייג צו צווייג,
פון צווייג צו צווייג,
פון בוים צו בוים
און לאַכן...
און שפּעטן...

## אַ מקורב.

יאָ... אַ חברה געמאַכט.
דער דאָקטאָר...
לערנט זיי לאַכן,
לערנט זיי שפּעטן...

## היימישער חסיד

קיין ניסים...
קיין תפילות העלפן...
אַלע טבע און טבע...
און דער רבי שווייגט...

## צווייטער חסיד.

(פון בית-המדרש, מיטן צאָרן און שרעק)

ביים ארון הקודש
אין פרוכת אַריין,
מיטן קאָפּ אריינגערוקט,
מיטן שוואַרצן,
שטייט פּינחסל...

ד ר י ט ע ר.

(נאָכגעקומען, פול חשד)

און ישראל
שטייט ביי׳ן אים...
רוימט אין אויער,
רעדט אים אָן... צו עפּעס בייז...
ענטפערט פינחס אין דער שטיל,
כאַפּט ער אויף,
לויפט און רוימט
מאַנכע לייט סודות איין...
לויפט ווייטער און שנאַפּט
דאָ א וואָרט, דאָרט א וואָרט,
לויפט צו פינחסן, פאַרציילט...

א ב ר ה ם.

יע... יע... ז׳לאַכן...
און מרימל הערט און פאַרטייטשט:
ללעג ולקלס, —
זאָגט זי, — וועט מען זיין....

מ ש ה.

(פון הויז-טיר, קרענקלעך צעשראָקן, מיט א ספרל אין האַנט)

זאָגט ר׳ בבא...

ע ר ש ט ע ר מ ק ו ר ב.

(מיט רוגזא, אין בית-המדרש אַנוויי זנדיק)

וואָס טוט זיך דאָרט?
וואָס האָט דיין טאַטע פינחסל
מיט ישראלן
פאַר א סודות?

מ ש ה.

(רעטעריונדיק צום פענצטער)

כ׳ווייס נישט...
פון וואנען זאָל איך ווייסן?
בנאמנות, איך הייב נישט אָן צו ווייסן...

אברהם.

אזוי... אזוי...
ללעג ולקלס וועט מען זיין...

משה.

(צו די ישישים)

לאָזט געמאך...
אַלטע יידן, לאָזט געמאך!
וויניק מרה שחורה נאָך?
מען זינקט דאָך אין מרה־שחורה איין...
אין עצבות ווייקט מען דאָך...

א זקן.

א מע גייט ארום ווי בלינדע שאָף...

א צווייטער.

אז דער פאסטעך וויזט זיך נישט...

א חסיד.

(קומט אריין, פאַרמאַכט אונטער זיך נישט די טיר)

זיצט אונטערן ארון קודש
און שווייגט...
עס ציטערט די ווייסע באָרד...
עס ציטערט דער קאָפּ אינגאנצן...

(פון בית-המדרש דערהערט זיך, עמעץ וויינט הויך)

א זקן.

דער ישובניק וויינט...
שרייט...

א צווייטער.

אז מען לאָזט אים נישט צו!

א דריטער.

די מיל —
א שכן אויסגעדונגען...

וואלגערט זיך מיט ווייב און קינד
ארום אין שניי...

(עמעץ פאַרמאַכט די בית-המדרש - טיר, אין דער מינוט דערהערט זיך אַ געוויין פון דער ווייבערישער שיל)

**שטימען אין צימער.**

(פאַרווונדערט, צעשראָקן)

— נשים רייסן איין די שיל...
— פארן ילד...
— פאַר דער יולדת...
— נישט געקענט דערוואַרטן זיך...

**אברהם.**

(האָט דערהערט, שטעלט זיך ראַש אויף מיט אַן אויס-געשטרעקטער האַנט)

חילול שבת!
פאַר הבדלה!

(היימישער חסיד לויפט אַרויס אין עזרת-נשים אַריין, ווו עס ווערט שטיל און שטילער. אברהם בלייבט שוין אַזוי שטיין ביזן ענדע אַקט, ווי פאַרגליווערט)

**מרימ'ל.**

(העל-בלוי געקליידעט, נאַכטוואַנדלערישע טריט, קומט פון הויז-טיר, צום פענצטער גייענדיק, מיט אַ באַנג-שוואַכער שטים)

פאַרוואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(דער עולם שווייגט. ישישים לאָזן אַראָפּ די קעפּ. עלטערע חסידים און מקורבים רוקן זיך אָפּ מיט שרעקיגן דרך-ארץ. חסידים ווילן אַרויסגיין פאַר דער „אישה", אויגער ליגט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע, בלייבט דאָך שטיין)

**משה.**

וואָס מאַכן, די קינדערלעך, מרימל?...

מרים.

(זעצט זיך צום פענצטער צו)

איינגעשלאָפן...
קינדער ווייסן נישט...
קינדער פילן נישט...
שפּילנדיק אויף דער דיל
איינגעשלאָפן...
די הענטלעך צוזאמענגעפלאָכטן...
כ'האָב אונטער די קעפּלעך
זיי קישעלעך געלייגט,
שמייכלען זיי אין דרימל
און רויטלען זיך...
שרעקלעך שמייכלען קינדער...

(פויזע. פאַרקוקט אין פענצטער אַריין)

עס טריבט זיך דער שניי...
ווינטיק...ביימלעך וויגן זיך,
צווייגעלעך פאַרשנייטע ציטערן.
ווי פון שרעק געטרייסלט...
און טריב און טריבער ווערט דער הימל...
פון מערב־זייט אַ וואָלקן ציט...
אומגעלומפּערט ציט ער זיך, שלעפּט זיך...
און גייט... גייט אויף אונדזער הויז...
קינדער ווייסן נישט,
קינדער פילן נישט...

אין צימער אַריין, עטוואָס העכער ווי פריער)
פאַרוואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(די בית-המדרש - טיר עפנט זיך; אַ ניי און שטאַרקער גערויש)

משה.

(אויפגעשטאַנען)

אַ פּחד באַפאַלט...
ווי דער עולם רוישט...

מרים.

דער עולם...
די אויסגעדארטע פנימער
די אויגן, די אויסגעהונגערטע —

שטימען אין צימער.

דער רבי!
דער רבי זאָל לעבן!
דער רבי!

שלומה.

(אַ זייער הויכער, גרויער, בלאַסער ייד; אויסער דער שוואַרצער, שפּיציקער יאַרמולקע אויפן קאָפּ — פּרעס-ווייס געקליידעט; אַן אומגעווייגלעד הויכער שטערן, אומגעווויינלעד גרויס-געעפנטע אויגן; מיט אַ קינדיש-נאַיוון שמייכל איבערן איינגעשרומפּע-נעם, פון צער פאַרגליווערטן פּנים, וועלכן ישראל האָט די טיר געעפנט, קומט אַריין; בשעת ישראל, פּינחס און הינטער זיי דער עולם האַלט זיך אָפּ ביי דער טיר; גייענדיק אין מיט צימער אַריין, ווען אַלע שטעלן זיך אויף, קוקט זיך אום, — זיך אומווענדנדיק צו דער בית-המדרש טיר)

אומזיסט אַלע רייד,
אַלע געבעטן אומזיסט...

(פּעסט)

איך מאַך קיין הבדלה נישט!

ישראל.

(עטוואָס נאָך דער טיר)

רבי, דער עולם פאַרלאַנגט...

אנדערע.

(פון בית-המדרש און אין צימער)

— דער עולם בעט!
— דער עולם פאַלט אויפן פּנים פאַר שרעק...
— האָט רחמנות!
— האָט רחמנות, רבי, אויפן עולם...

## שלומה.

(וועלכן מרים רוקט אונטער א פאטער-שטול, און אנלען מיט איין האנט אנשפארנדיק)

עולם...
דער עולם...
צוויי... דריי... פיר...
פינף מנינים קליינע...
קליינע, קליינע יידעלעך...
אויסגעמאגערטע
איינגעשרומפענע
יידעלעך...
איינגעהויקערטע קומען,
קלאפן ביים צדיק אן...

(טאן ענדערונג: צער)

געפרווירענע נשמהלעך...
הערצלעך...
צום נר תמיד קומען זיי,
שטעלן אוים די הענטלעך;
א פונק! א פונק!
א נדבהלע,
א מופתל...
א נס, א ווונק פון יענער זייט;
און יעדעס וויל פאר זיך,
פאר זיך,
פאר אייגן ווייב און קינד,
פאר אייגן הויז-געזונד...

( פויזע )

און דא — צווישן טויט און לעבן
וואקלט זיך א וועלט!
א וועלט זינקט אין מרה-שחורה אריין,
א וועלט!

(א פויזע)

מרים.

(אין דער שטילקייט; צום פענצטער פארקוקט)

עס ציט זיך, ציט דער וואָלקן שווארץ...
גלייך א שווארצער פויגל שפרייט
זיינע שווארצע פליגל אויס.

שלומה.

אין שווארצן אָנגעטון,
אין שווארצן איינגעהילט,
די נשמה פון דער וועלט —
די שכינה ברומט.
און וויינט, טרויערט,
און ס'צאַפּלט,
אין איינענעם בלוט פארטרונקען,
ס'הארץ פון דער וועלט!
(זיך אויסגלייכנדיק מיט אויסגעשטרעקטער האנט)
אויסגעלייזט פון פיין און שרעק
מוז ווערן — —
די וועלט!

(טאָן-ענדערונג)

איך מאך קיין הבדלה נישט!

מרים.

צאָרניק ברוינט דער וואָלקן זיך...
א צאָרניק-ברוינער הימל קוקט אראָפּ,
און זיי שמייכלען דאָרט, —
קינדער זעען נישט!

שלומה.

(ביטערער)

ברוגזט זיך דער הימל!
פארוואָס מאכט ער, שלומהלע,
קיין הבדלה נישט!

אנגעפלויגן זענען זיך
נשמהלעך,
צוריקגערופענע פקדונותלעך...
צי האבן זיך די טייבלעך
אין דער נידער נישט באפלעקט?
צי פעלט נישט וועם א פליגעלע?
נישט אויסגעפוצט א פעדערל? —
באקוקן מוז מען זיי!
און צו מישפטן גרייט
שטייט דאס בית־דין של־מעלה...
אין עטרות גאלדענע,
קרוינען ריין־בריליאנטענע,
און זיי ווילן זעצן זיך
מישפטן און פסקענען...

(בארמהארציק)

און די נשמהלעך — —
פלאטערן...
ס'ציטערן די פקדונותלעך...
מאימת יום־הדין!
מאימת יום־הדין!

(טאן - ענדערונג)

ציטערט נישט,
פלאטערט נישט!
שלומה מאכט קיין הבדלה נישט...
מען וועט נישט — מישפטן!

(דערשראקענע פויזע)

(עס דערהערט זיך ווינט)

מ ר י ם.

ווינטן בלאזן,
יאגן זיך, טרייבן...
ארום הויז, ארום הויז...
ווי זיי פייפן, ווי זיי וואיען...

## שלומה.

כעס'ט זיך, הייסט עס, ס'גיהנום,
שיקט זיינע שליחים ארויס!
שווארצע פייגל פלאטערן ארום און ווינט
דער שווארצער הונט אויף דער קייט
ווארפט זיך דארט!
שבת קודש איז אריבער,
דער סימבטיון שלאגט,
און שלומה האט זיך איינגעשפארט,
הבדלה מאכן — וויל ער נישט.
קעסלען — אונטערגעהייצט;
קאכן זיי,
זידן זיי...
רויטיקע פלאמען הייבן זיך, וויקלען זיך,
פעטע, ברענענדיקע כמארעס...
„קומט צוריק, רשעים!
„אויף שרעק און פיין,
„אויף יסורים רעים,
אויף עינויים קשים...
„פארוואס קומט איר נישט צוריק?"
און די ארעמע נשמהלעך,
די פארפלעקטע, די פארזינדיקטע, —
אז שבת־קודש לעשט זיך אויס
וויסן זיי
און ציטערן
און ציעפען זיך,
און כאפן זיך
מיט די שווארצע פליגעלעך,
מיט אויסגעפוצטע פעדערלעך
צו די נעפאלעך,
און קלאמערן, קלאמערן זיך
מיט די צאפלדיקע הערצעלעך
צו די וואלקנדלעך,
און ציטערן...

ציטערן!

(טאָן - ענדערונג)

ציטערט נישט!
צאַפּלט נישט...
פליט אייך, פראַנק און פריי אַרום —
ווו איר ווילט,
ווו אַ ווינטל טראָגט —
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

אַרומיקע.

(אין שרעק)

— און וואָס וועט זיין?
— רבי, וואָס וועט זיין?

שלומה.

שבת זאָל זיין, — שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!
נישט געפּסקנט, נישט געשטראָפט!

(פּויזע)

עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג,
פאַרן כסא הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּלט, צאַפּלט...
אַ מיצווהלע טוט אַ ייד
און — אַן עבירהלע...
שטעלן קען זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי —
צאַפּלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט;
העלפן קען ער נישט...

(פּויזע)

און זיצט ער, משיח,
אין די טויערן פון רוים

און ווארט.
גיין קען ער נישט...
די ווונדן היילן זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און גיין, לייזן אוים די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כוח צו ווארטן איז נישטא...
אין מרה שחורה זינקט אריין די וועלט!
(אויפשטייענדיק, מיט קראפט)
אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!

(פון וווינונג קומען אריין לאה און יונתן, זיך האלטנדיק ביי די הענט; קיינער באמערקט זיי נישט. פארוווּנדערט און עטוואס צע־שראקן בלייבן זיי שטייען אין טיר)

שטילע שטימען אין צימער.

ווי אזוי, ווי אזוי?

שלמה.

(נאך פעסטער)

שבת זאל זיין!
שבת!
נישט געאקערט,
נישט געזייעט,
נישט געבויט און נישט פאריכט...
נישט געהאנדלט, נישט געוואנדלט...

היימישער חסיד.

חרוב זאל ווערן די וועלט?

שלמה.

חרוב זאל ווערן די וועלט!
און מיר —
מיר שבתדיקע,

מיר יום־טובדיקע,
מיר נשמה־יתירהדיקע יידן,
ווען איבער אירע חורבות גיין...

מ ר י ם.

ווו אהין?
רבי, ווו אהין?...

ש ל ו מ ה.

צו א י ם, צו א י ם!
זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין
צו אים!

(פויזע. עקסטאַז)

זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

(עס ווערט זייער שטיל. שלומה הייבט אָן טאַנצן אַרום זיך. אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס קלינגען פון הענגל-לאָמפּ, ישישים ווילן מאכן אַרום רבין אַ ראָד, ווינקען צו די זקנים — יענע וויגערן זיך. ישישים טאַנצן נישט-געשלאָסן, יונתן און לאה — מיטגעריסן רוקן אָפּ דעם טיש און די שטולן פון הינטער די פענצטער, נעמען אָן די מוטער ביי די הענט און טאַנצן קעגנאיבער די ישישים צוויי האַלבע רעדער-טיילן. משה קוקט אויף אַלעם אָפּוויכנדיק — חסידים שלייכן זיך שטיל פון צימער אַרוים אין בית-המדרש אַריין. — מרים לאָזט אָפּ די קינדערס הענט, כאַפּט אויף איין עק פון שלומהס גאַרטל, טאַנצט אַרום אים פאַרחלומט, עטוואָס גליקלעך פאַרשעמט, צנועהדיק און פריילעך, ווי א כלה-טאַנץ, די קינדער נעמען זיך קעגנזייטיק אָן ביי די הענט, טאַנצן באַזונדער, דער הענגל-לייכטער קלינגט וואָס אַמאָל שטאַרקער)

ל א ה.

זע, זע — די מאמע שטראַלט,
גלייך די שכינה רוט אויף איר.

י ו נ ת ן.

אויפן עלטער־זיידן קוק,

ווי א מלאך —
אין דער קדושה איינגעהילט — — —

שלומה.

(מערקט עס נישט, שטעלט זיך זעלבסטשטענדיק אָפּ)

און אזוי!
אזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק...
מיר גרויסע, גרויסע יידן,
שבת־יום־טובדיקע יידן,
די נשמות פלאַקערן!
פאַר אונדז וואָלקן — שפּאַלטן זיך!
הימלען — פראַלן ד'טויערן אויף!
אין ענן הכבוד שווימען מיר אריין.
צום כיסא הכבוד צו,
צום כיסא הכבוד!
אויפן אבן שיש טהור
שטייען מיר!
און מיר בעטן נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע שטאָלצע יידן זענען מיר —
זרע אברהם... יצחק, ויעקב!
לענגער וואַרטן נישט געקאָנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר!

מרים.

(לאָזט אָפּ דעם גאַרטל, לייגט זיך די הענט אונטערן קאָפּ, בויגט אים צוואָס ארונטער; מיט שטראַלנדיקע אויגן, קלאָרנעט־קלאָר, מיטן טראָפּ)

ישקני מנשיקות פיהו...
כי טובים — — דודיך — — מיין!
(פויזע. שטילער אומבאַוועגלעכער עקסטאַז)

ישראל.

(עפנט ראש פון יענער זייט די בית-מדרש-טיר. אַ פּאַס ליכט פליסט אַריין. אָפּשניידנדיק:)

גוט־וואָך, יידן!

שלומה.

(פאַלט צוריק אויף דער שטול)

נישט דערלאָזט!

אברהם.

ווער האָט מורד במלכות געווען?

ישראל.

פינחס האָט הבדלה געמאַכט,

(אַקצענטירנדיק)

ר׳ פינחס!

שלומה.

(זיך אויפהייבנדיק)

מיין זון, מיין שוואַרצער זון...

(אין בית-המדרש-טיר באַווייזט זיך פינחס, הינטער אים עולם)

ישראל.

(אָפּטרעטנדיק אַן אַ זייט, שלומה זאָל זען דעם עולם)

דער עולם האָט געבעטן!
דער עולם האָט פאַרלאַנגט,
געהייסן האָט דער עולם —

(פויזע, שלומה גייט זייער לאַנגזאַם אָפּ צו זיך, פינחס קומט אין דער זעלבער מאָס אין שטוב אַריין)

ישישים און עלטערע חסידים.

(מורמלען)

רב פינחס, רב פינחס...

(מרים פירט אָפּ שלומהן אין זיין צימער אַריין. ישישים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ גייען, פינצטער שוויַיגנדיק, נאָך. לאַת און

יונתן גייען, זיך ביי די הענט האלטנדיק, הינטער די ישישים. יונתן קוקט זיך אינעם גייען אום, דערזעט פינחסן, רייסט פלוצלינג אוים די האנט פון לאהן, גייט צוריק אין צימער אריין. עלטערע חסידים שטעלן זיך אן ביידע זייטן טיר און קערן זיך אום מיט די פנימער אין צימער אריין. פינחס גייט צום פאטער-שטול, הינטער אים ישראל און די אנדערע גבאים. דער עולם הייבט זיך אן צו באוועגן, מיט האפנונג און שרעק, אין צימער אריין).

ישראל.

(צו פינחסן, וואס וויגערט דעם פאטערשוטל צו פארנעמען)

זעצט אייך, רבי...

(אלע ציטערן אויף, פינחס זעצט זיך זייער לאנגזאם)

דבורה.

(פון הויז-טיר, ראש אריינגעפאלן)

דער יונגער דאקטאר וויל צום שווער!

(אלגעמיינע קאנסטערנאציע, פארהאנג).

# צווייטער אַקט

דאָס זעלבע צימער; נאָך אָפּגעלאָזטער.

צוגענומען — אַ שוואַרץ-צעראַטענע סאָפע; דער קריס-טאָלענער הענג-לײַכטער — אַראָפּגענומען; אויפן צו דעם צוועק אריינגעבראַכטן קיך-טיש וואַלגערן זיך עטלעכע אַראָפּגעפאַלענע קריסטאָלן. אַראָפּגענומען אויך די פאָרהאַנגען פון די טירן. מען נעמט אַראָפּ די לעצטע פאָרהאַנג פון וועניציִשן פענצטער. פון דרויסן שלאָגט אַריין ליכט פון אַ שיינעם פרילינג-טאָג, — מען זעט די צעבליטע ביימלעך אין גערטל. —

משה ליגט אויף דער סאָפע. מרים, קרענקלעך און אָפּגע־צערט, גייט אין צימער אַרום, קוקט מיט האַרץ־ווייטיק און דער־שלאָגענער אונטערגעבנקייט אויף די אראָפּגענומענע זאַכן, וואָס ווערן אַרויסגעטראָגן לינקס דורך גבאים, מיט דער הילף פון היי־מישן אָרעמען חסיד, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון ישראלן. דבורה וואַרפט אויף משהן און מרימען באַרמהאַרציקע מוטער־בליקן מיטן אויסדרוק: „וואָס קאָן איך אייך העלפן, קינדער?” די גבאים מיטן אָרעמען חסיד טראָגן אַלץ אַרויס דורך דער טיר לינקס, דער היימישער חסיד גייט זיי נאָך).

ד ב ו ר ה .

(אים אָפּשטעלנדיק)

משהל וויל אוודאי שלאָפן,
דאָס פענצטער פאַרהענג!

(נעמט אַראָפּ פון זיך אַ שאַל, וואַרפט זי מיט ציטערדיקע הענט אויפן טיש ארויף; דער היימישער חסיד נעמט די שאַל, רוקט צו דעם קיך־טיש צום פענצטער. עס פאַלן דערביי, מיט אַ קלאַנג, די קריס־טאָלן פון טיש אַראָפּ)

מ ר י ם .

(שטעלט זיך ווײַמיטיק אָפּ)

די לעצטע קלאַנגען...

(קוקט זיך אום אין שטוב)

אַלץ וואָס קלאַנג איז געווען און פאַרב —
פאַרשוואונדן!

ד ב ו ר ה .

רעד נישט, מרימל...

מ ש ה.

(זיך בעטנדיק)

שווייג בעסער, מרימל, שווייג...

(צו ישראל)

ווו איז יונתן?

י ש ר א ל.

(וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין און נאָר אָפּגעוואָרט דעם היימישן חסיד)

יונתן געזיכערט איז...
יונתן איז אונדזוערער...

ד ב ו ר ה.

(מיט שטילן שטאָלץ)

זיצט גאַנצע טעג און נעכט און לערנט!

י ש ר א ל.

(צו דער טיר פון בית-המדרש מיטן בליק אָנווייזנדיק)

אצינד — ביים רבינס רעכטער האַנט,
ביי דעם זיידנס רעכטער האַנט...
אונטער זיין השפעה זיצט ער...
פרעג בעסער, משהל, ווו לאה איז?

(אַנגסטיק)

(אָפּ מיטן היימישן חסיד)

מ ש ה.

(אַנגסטיק)

נישטאָ לאה?

י ו נ ת ן.

(פאַלט אריין מיט שטאָלץ און פרייד פון בית המדרש)

מאַמע, טאַטע, באָבע!
א נייער ניצחון, א נייער
שליחים פון קהילות צום זיידן געקומען!
שלום בעטן זיי!

און ער, — ווי ער קוקט אויף זיי,
מיטן בליק ווארפט ער זיי אָפּ, —
ער וויל קיין שלום נישט...
און דאָס זענען יידן — אַלטע
גרייז־גרויע און חשובע,
מען זעט עס אין די פּנימער...

(נישט געפינענדיק קיין אָפּקלאַנג ביי קיינעם, זעצט זיך אָן אַ זייט. דאָס געזיבט פאַרענדערט זיך אים. פאַרטראַכט זיך, פרעגט נאָך אַ ווײַלע, מיט פאַרזאָרגטער ליבשאַפט)

מאמע, וווּ איז לאה?

מרים.

(זעצט זיך צום פאַרהאַנגענעם פענצטער צו)

אָרעם קינד...
צוויי נשמות ראַנגלען זיך,
אומגליקלעך קינד, אין דיר.

דבורה.

וואָס פאַר אַ רייד?

משה.

וואָס פאַר אַ נשמות, מרימל?

יונתן.

וועמעס נשמות, מאמע?

מרים.

דעם זיידנס און עלטער־זיידעס...

משה.

און איך וווּ בין, מרימל?
האָב איך גאָרנישט אין מיין קינד?

מרים.

פון דיר? זיין אייגענע,
וואָס ווערט באַשטענדיק איבערוועלטיקט

פון זיידן און פון עלטערזיידן...
דאָס וואַרפט דאָס קינד און שליידערט...
און עס שלאָגט זיך, ווי אַן אומרו,
צווישן ליכט און פינצטערניש...

יונתן.

(ווידערשפּענסטיק)

רעד נישט פון פינצטערניש, מאַמע
ליכט איז דער זיידע, הייליק ליכט!
און גרויס און דערהויבן ווי אַ מלך!
ניי, מאַמע, זע,
ווי זיי שטייען פאַר אים,
זיי, די שליחים פון די קהילות.
דו זעסט זיי שטייען אויף די פיס,
און דו פילסט זיי ליגן אויסגעצויגן,
זיינע קנעכל קושנדיק...
און הייבט ער אויף די ברעם, דער זיידע,
ציטערן זיי,
ווי אין שטורעם-ווינט די בלעטער...
און ער שטעלט זיך אויף
און דעם שטערן רונצלט ער,
בליצן אין אויגן,
דונערן אין דער שטים:
„פאַרטיליקן וועל איך אַלע...
די אפּיקורסים און די מינים"...

דבורה.

(ראנגלט די הענט)

אַזוי איז ער, אַזוי רעדט ער...

יונתן.

„און אַלע, וואָס אונטערגאַרטלען זיך,
און נעמען נישט מיין שררות אָן!
די רביים, נישט פון שטאַם,

די משיחן די פאַלשע,
און די רבנים, וואָס שטיצן זיי,
די דיינים און די שוחטים —
די פאַרשעלט איך!"

מרים.

שוויג, קינד, שוויג,
רעד נישט נאָך קיין בייז!
שרעקלעך ווערסטו, קינד!
פינצטער ווערן די ליכטיקע,
די בלויע אויגן דיינע,
דעם עלטער־זיידנס זיסע, שטילע אויגן!
און דיין פנים ענדערט זיך,
א וואָלקן דיין פנים באַדעקט,
דיינע ליפּן דינען זיך און ציטערן...

(יונתן פאַרשטעלט זיך דאָס פנים, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אין די הענט; שטילע פּויזע)

משה.

נאָר ער שטראָפט!
און א דן יחידי!
ער דער שופט, ער דער שוטר...
הערסט מרימל,
נעכטן וועגן דאָקטאָר גערעדט —
„ער דאַרף דאָ נישט זיין!"

יונתן.

(אויפשפּרינגענדיק)

מין־הסתם, נישט!
ער פאַרפירט...

משה.

אָט... האָט ישראל שוין
זיינע לייט א וווּנק געטון...

דבורה.

משהל, דו ביסט אזוי שוואך,
עס שאַדט דאָס רעדן דיר...
וואָס איז דיר?

משה.

גאָרנישט, מאַמע!
ס'בלוט אין די אָדערן קילט...
מען לעבט און אָטעמט אין שרעק...
אַלץ אין עצבות איינגעהילט...
נאָר דין און — דין

יונתן.
(שטאָלץ)

גילגול־פּינחס!

משה.

וואָלקן, בליץ און דונער!
און די כנסת ישראל
האָט הייזלעך הילצערנע,
דעכלעך שטרויענע...

יונתן.

„כולו זכאי" וויל ער!

משה.

פאַרשמייסט, מאַמע?

דבורה.

וואָס ווייסט אַ יידענע?

משה.

היידאַמאַקן דורכגעגאַנגען
מיט שווערד און פלאַם...

קהילות חרוב ונחרב געמאַכט,
און איבער די חורבות, איבערן אַש,
איבער די קעפּ פון נישרפים,
פון יתומים און אלמנות
איבער די שאַרן פאַרהונגערטע בעטלער,
דונערט זיין וואָרט,
שטראָפט זיין דין...
(געבראָכענע שטים)
דו ביסט נישט יוצא, מאַמע!

ד ב ו ר ה.

(אויפגעשראָקן)

איך?

מ ש ה.

דו! אַן אישה, אַ ווייב און אַ מאַמע!
דו — מידת הרחמים,
רעד מיט אים!

ד ב ו ר ה.

כ'קען נישט!
כ'ציטער פאַר אים ווי אַ בלאַט,
ער ברעכט מיך איבער מיטן בליק...
ער רעדט צו מיר גוט;
ער וויל, און זיין שטים
איז דער דונער —

(וויל אַרויסגיין, נישט צו צעווייַנען זיך פאַר די קינדער, עפנט די טיר לינקס, באַגעגנט זיך מיט למך און בייניש, לאָזט זיי דורך, קוקט זיי נאָך אַ ווײַלע דערשטוינט. — אָפּ.)

מ ש ה.

(איז ראַש אַראָפּ פון בעט)

שלום עליכם!

(בלייבט שטיין מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט; ישישים שטעלן זיך פאַר מרימען מיט שולדיקע פּנימער.)

ל מ ך .

לענגער נישט געקאַנט...

ב יי נ יש .

כצאן בלי רועה...

ל מ ך .

(שטארקער)

עס מוז זיין א פּאַסטעך...
א פירער — — —

מ ר י ם .

(זייער שטיל)

צום קיבר

מ ש ה .

און אברהם ווו איז?

ל מ ך .

צוגענומען...

ב י י נ י ש .

זיכרונו לברכה...

מ ש ה .

געשטראָפט.

(פּיינלעכע פּויזע)

ל מ ך .

(דרינגענדיק, צו ביינישן)

קום, שלום נעמען!

ב י י נ י ש .

אין בית־המדרש איז ער...

(ביידע אָפּ.)

מ ר י ם .

אַלע גיבן זיך אונטער, אַלע!

לאה.

(וואָס איז אריינגעקומען פון הויף-טיר)

נישט אַלע!

יונתן.

(אויפשפרינגענדיק, מיט אַ הייזעריק-פאַרשטיקטער שטימע)

ווו ביסטו געווען, לאה?

לאה.

(וואָס האָט נישט דערהערט, אײַלט צום פענצטער צו; אָפרייסנדיק די שאַל)

אין דרויסן שיינט, בליט,
אין דרויסן זינגט און קלינגט אַזוי פריי...
און דאָ, אין שאָטן אײַנגעהילטע,
אין אַ שפינוועבס פאַרוויקלטע,
אין אַ פינצטערער נעץ פאַרשטריקטע,
נשמות צאַפּלען און שטיקן זיך.

(איבערמיטיק)

ליכט זאָל זיין!

(רייסט אויף דאָס פענצטער)

און לופט!

יונתן.

„לופט"... ביי אים ביסטו געווען!

משה.

(אויפגעציטערט)

ביי וועמען?

מרים.

שלעכטע נביאות זאָגט מיר מיין הארץ.

לאה.

(פעסט, צו יונתן געווענדעט)

געווען!
און — האָב אים באַשטעלט!

יונתן.

(גרימיק)

לאה!

לאה.

(סאַרקאַזם)

עס וועט נישט העלפן דיין צאָרן, זיידע!
ברודער־זיידע!
דער טאַטע איז קראַנק,
זע די מאַמען...

יונתן.

(אויסער זיך)

און דערביי — געהערט;
גוטע זאַכן געהערט!
„נאַטור”; רביים זענען שווינדלער!
צוויי האַלבע קוילן צוזאַמענגעלייגט,
מיט קיין פערד נישט צו צעטרייסן...
וואָס?

משה.

(פאַרצאָגט)

מרימל...
וואָס רעדן זיי?
מיינע קינדער רעדן, —
און איך פאַרשטיי קיין וואָרט...
דו האָסט דאָך דעם זיידן פאַרשטאַנען,
זיי פאַרשטייסטו, מרימל?

מרים.

זיי זענען צו יונג,
איך — שוין צו אַלט...

(נאָך פויזע. אַנטשלאָסן)

לאה האָט פאַר דיר דעם דאָקטאָר באַשטעלט!

יונתן.

טאַטע!
לאָז אים נישט איבער דער טיר!
מאַמעשי!
לאָז אים נישט איבער דער שוועל!
דאָס איז אין גן־עדן די שלאַנג!

משה.
(צעבראָכן)

טאָכטער, מיט וועמען פּרוווסטו זיך?
מיט וועמען ווילסטו ראַנגלען זיך?
אַ שעפּעלע קעגן אַ לייב —
אַ פייגעלע...

לאה.

קעגן אַ שלאַנג?

יונתן.
(פּלוצלינג געענדערט; שרעק און ברודער־ליבע)

לאה...

לאה.

וואָס, אָרעמער ברודער?

יונתן.

איך האָב אַ חלום געזען...
מיר, דעם בעל־שם׳ם אייניקל
האָט מען אַ חלום געוויזן...
כ׳וויל דיר פאַרציילן, לאה...

לאה.
(גערירט)
פאַרצייל...
דו פאַרציילסט אַזוי שיין...

**יונתן.**

(אפּאַרט)

איך בין אין הימל געווען!

(קוקט זיך אום, צו זען דעם איינדרוק)

**ריזה.**

צו וואָס קינדער זענען זוכה!

**לאה.**

(עטוואָס שטרענג)

פאַרצייל!

**מרים.**

(ווילנדיק פאַרגלעטן)

פאַרצייל, יונתן, פאַרצייל...
אז דו פאַרציילסט, טוט זיך
פון דיר, פון דיין נשמה
דער שוואַרצער וואָלקן אָפּ.
לייטערן זיך דיינע בלויע אויגן אויס,
באָדט זיך דיין מאמעס הארץ אין זיי,
ווי אין א קריסטאָלן־טייך...

**יונתן.**

(פאַרציילט)

אין הימל בין איך געווען...
אַלץ ארום איז מערמל־שטיין,
פריש געפּאַלענער שניי —
קלאָר! אזוי ווייס, אזוי העל ארום,
אזוי הייליק — — —

(פּלוצלינגע ענדערונג)

לאַכסט נאָך נישט, לאה?

**לאה.**

ניין!
דיינע חלומות האָב איך ליב...

פערל זענען דיינע חלומות,
פערל שיטן זיך פון מויל...
און איך, אָרעמע,
איך, דיין אָרעמע שוועסטער,
בעטל אום זיי!

מ ש ה.

וואָס פאר א לשון?

(קיינער הערט אים נישט)

י ו נ ת ן.

און אזוינע שטילע,
שטילע, זילבער־ווייסע נעפּעלעך,
מיט גאָלד און פּורפּור געזוימט,
ציען זיך, שווימען, וויקלען זיך ארום,
הויך, הויך... איבער מיין קאָפּ...
איך רייס צו זיי די אויגן ארויף...
מיט בענקעניש, מיט הארציקער פרייד...
מיט בענקעניש, מיט האַרציקער פרייד...
און אין די נעפּעלעך ציטערן,
שימערירן, בליצן און לעשן זיך באהאַלטענע,
פליענדיק אויף און אַפּ און ארום —
שטערנדלעך,
גאָלדענע, קליינע, פינקלדיקע שטערנדלעך...

ל א ה.

(כאַפּט אָן די מוטער ביי דער האַנט)

זיינע אויגן זע, מאַמע!
טויבן, ריינע טויבן!

י ו נ ת ן.

(פאַרבליפט)

טויבן, זאָגסטו? טויבן!

(פאַרדעכטיק)

פון וואנען ווייסטו, לאה?

(ענדערונג)
אמת, טויבן געווען!
זילבער־ווייסע טויבן...
און די שטערנדלעך —
זענען זייערע אייגעלעך געווען...

ל א ה.
וואָס באַדייט?

י ו נ ת ן.
(נישט געהערט)
לייכטזעליק־זיסע טויבן,
טיקן זיך און באָדן זיך
אין די זילבערנע נעפּעלעך.
און דערזעען מיך,
און געבן זיך אַ לאָז צו מיר...
און שוועבן, און פליען, פליען,
נידעריקער, נידעריקער,
צו מיין קאָפּ צו!
און אַרום, אַרום מיין קאָפּ!
רירן זיך אָן אָן מיר,
פליענדיק,
מיט די שנאָבעלעך, מיט די פליגעלעך,
אָז די קליידער,
גלעטן די באַקן מיר, ליבלעך אַזוי,
מיט די ווייסע פליגעלעך...
קושן אין די ליפּן מיך
מיט די שנעבלעך...
און רוימען מיר אין אויער אַריין,
אַזוי האַרציק בעטנדיק — — — — —

מ ש ה. מ ר י ם. ל א ה.
וואָס? וואָס?

י ו נ ת ן.
„גליב!" „גליב!" „גליב"!

ל א ה.

(פאַרדעכטיק)

וועמען?

י ו נ ת ן.

אַלע גוטע, פרומע לייט,
אַלע אין דער גאָלדענער קייט...

ל א ה. מ ר י ם.

וואָס פאַר אַ קייט?

י ו נ ת ן.

(דערויף נישט אַכטנדיק)

און פלוצלינג — —

(די אויגן פינצטערן זיך, דאָס געזיכט — ברוינט זיך; אָטעמט שווער)

ל א ה.

צוריק זיידע!

י ו נ ת ן.

(בייז אָנטשלאָסן)

פלוצלינג — טריט!
טריט דערהער איך!
צוויי קומען אָן, צוויי!

(פאַרשטעלט זיך דאָס פנים מיט די הענט)

כ'וויל נישט זאָגן, ווער.

ל א ה.

(געבעטנט)

זאָג!

י ו נ ת ן.

(באַפרייט אַ שטאָלערן געזיכט)

דו און — ער!

מ ר י ם.

ווער?

מ ש ה.

וואס פאר אן „ער"...

י ו נ ת ן.

(צו לאה; געווענדעט)

ער — א מענטש פון אייז!
אויגן פון שטאָל!
בליקן פון שארפע מעסער!
און א מעסער אין דער האנט...
און דיר דערלאנגט ער עס!

(צוריק דאס פנים פארשטעלט, טיף-שמערצלעך)

און זאָגט דיר: שנייד!
און דו, שלעכטע שוועסטער, פאָלגסט,
פאָכסט ארום מיטן מעסער!
איבערן קאָפּ פאָכסטו מיטן מעסער,
ארויף נישט קוקנדיק;
ווארפסט נאָר מיט די הענט ארום...
און דאס מעסער לויפט ארום און בליצט...

(כאַפּט זיך אָן מיט די הענט ביים קאָפּ)

און די טויבן,
וואס פליען אויפן מעסער אָן,
פאלן!
געקוילעטע,
געשאָכטענע פאלן זיי...
אויפן ווייסן מערמעלשטיין
פאלן זיי און בלוטיקן,
און צאפּלען גוויסנדיק,
און פארגייען אינעם בלוט,
און פארנייענדיק אין בלוט,
צו מיר קוקן זיי, ברומען זיי:
„גלייב, גלייב, גלייב!"
און די אייגעלעך שליסן זיך —

### בערגמאַן.

(עטוואָס פריער פון לינקס אריינגעקומען)

דעקלאַמירסט, יונתן!

### יונתן.

(אויסער זיך אין שרעק)

זיידע!

זיידע! קום אריין...

(פויזע. — פּינחס באַוויזט זיך אין טיר פון בית-המדרש)

(קלערט זיך נאָך אום צו די פרעמדע ווזן, וואָס גייען אים נאָך)

אומזיסט!

מיט שרעק זייט איר געקומען,

מיט שרעק וועט איר גיין...

מיט שרעק איז געפּלאַסטערט אייער וועג...

(מאַכט עטלעכע שריט אין צימער אַריין, עטלעכע פרעמדע קומען נאָך, אַנדערע בלייבן אין טיר)

### א פרעמדער חסיד.

איר מאַכט חרוב א וועלט!

### פּינחס.

(וואָס האָט נאָך קיינעם קיין צייט נישט געהאַט צו באַמערקן, קערט זיך ווידער אום צו זיי)

כולו זכאי מוז זיין!

„איך לייטער די וועלט, ווי זילבער

מיטן פייער" — זאָגט גאָט!

ווינטן שיקט ער ארויס,

וואָס טרייסלען אָפּ פון איר

די זינד!

„שירת דודי לכרמו" —

זיין וויינגאָרטן, פון זיין האנט געפלאַנצט,

זענען מיר —

און דער שטורעם זינגט:

דערנער אויסגעריסן,

און פארטיליגט דאָס ווילדע גראָז!

### א פרעמדער.

אבער, רבי — —
דאָס האַלט נישט אויס דער עולם;
דער ציבור האַלט עס נישט אויס;

### פינחס.

(סאַרקאַזם)

עולם... ציבור!
ווער דאַרף אַ עולם!
ווער דאַרף דעם ציבור!
און ווען אַ ריינער מינין בלייבט,
און ווען נאָר איינער!
אַ געטרייער וואַסער־טרעגער!
מיטן שטריק אַרום די לענדן,
און מיט אַלע זיינע גרייזן זאָל ער
תהילים שרייען!
וועט שוין זיין אַ פרייד אין הימל,
אין גיהנום — אַ מהומה...
ווען אַ דאַך־באַשלעגער בלייבט!
צום הימל שליידערן
מיט כוח „שמע ישראל!" —
זאָל איין ייד!
און ווען אַ קרעציקער!
מיט דער נשמה פאָכט ער,
און מיטן לעצטן אָטעם רופט ער
גאָטס נאָמען;
באַנייט און אויסגעלייזט
ווערט די וועלט
און דאָס גיהנום — פאַלט...
איין גאָט
און איין ייד זאָל זיין,
נאָר מיט מסירת־נפש,

מיט קידוש השם...
און איר עולם — גייט!
(ווענדט זיך אָפּ מיט אָפּשוי, דערזעט בערגמאַנען, ווערט צעטומלט
צעשראָקן, כאַפּט זיך אָן ביים שטול)
דו... דו ביסט דאָ...

ב ע ר ג מ א ן.

(קאַלט)
דר. בערגמאַן, צו דינסטן!

פ י נ ח ס.

ניין...
(זעצט זיך אומעכטיק)
דו ביסט אונטערגעשיקט
פון אונטן...
אונטערגעשיקט פון יענע לייט...
פון די שווארצע — — —

ל א ה.

ניין!
א ווייסער איז ער!
עס איז מיין חתן, זיידע!
(פינחס קוקט אויף איר אָפּוועזנד)

י ו נ ת ן.

(פאַלט צו אים צו)
שטראָף זי נישט, זיידע!
מיטן בליק נישט פארברען!
א כישוף־מאַכער איז ער;
זי אין נעץ אריינגעצויגן...

פ י נ ח ס.

(ארונטערפאלנדיק מיטן קאָפּ אויף דעם אָנלען, געבראָכן)
כרמי שלי לא נטרתי...
נערייניקט א וועלט

און אָן מיין הויז פאַרגעסן...
גאָט, גאָט אין הימל!
איך האָב דיינע מילחמות געפירט
אויף דערברייטער וועלט!
דיין גאָרטן אויסגעשטייניקט,
דערנער אויסגעריסן...
און ס"ם... און דער ווער־וואָלף
האָט זיך צו מיר,
שטיל, אונטער מיינע אקסל
אריינגעשליכן;
און דאָס קלאָרסטע,
און דאָס ריינסטע,
דאָס ווייסטע שעפעלע פארצוקט...
וועסטו שווייגן, גאָט?
דיינע װוּנדער נישט באַווייזן?
מיר נישט העלפן אין דער נויט?

(לאנגע פויזע. עס דערהערן זיך שלייכנדיקע טריט, — עס קומען פון בית־המדרש למך און ביינוש, — די פרעמדע מאַכן זיי אַ וואַרע און לאָזן דורך מיט גרויס דרך־ארץ. זיי גייען צום רבין צו. אין דער זעלבער צייט מערט זיך, לויטן גערודער, וואָס קומט פון דאָרט, דער עולם אין בית־המדרש. עס ווייזן זיך אויך מענטשן, און זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך אין הויף. פון טיר לינקס קומען אָן עטוואָס שפּעטער דבורה און נאָך איר ישראל)

למך.

(צו פּינחסן צוגעקומען)

רבי...

ביינוש.

(קייכט)

רבי... אַ בשורה...

(פאַרקייכט זיך)

למך.

נישט קיין גוטע...

ד ב ו ר ה.
(ארויסגעקומען)
די שטאָט ברענט!

י ש ר א ל
(באַלד נאָך דבורהן)
דער דאָקטאָר ברענט!

מ ש ה.
(צוזאמענגעפאלן)
נאָך א שטראָף!

י ו נ ת ן.
(טראַציק)
א נס!

ד ב ו ר ה.
א מופת נאָך א מופת!
(די ישישים קוקן זיך איבער, עולם — אומרואיק)

פ י נ ח ס.
איך דאנק דיר, גאָט אין הימל!
אָנגענומען זיך מיין קריוודע!

ב ע ר ג מ א ן.
(שניידנדיק)
איך בין אסעקורירט, רבי.

ל א ה.
(צו ישראל)
און דו, וויַז די הענט!
מוזט האָבן שווארצע הענט, ישראל!
וויַז די הענט!

(ישראל רוקט זיך אָפּ, צעשראָקן. אין פענצטער באַוויַזט זיך אַן אָפּגלאנץ פון בראנד. אין גאָרטן אַריין לויפט אַן א גרויסער עולם, איילן צום פענצטער, רייסן עס אויף, — מען שפּאַרט פון בית-המדרש צו דער טיר)

ש ט י מ ע ן.

רבי, עס ברענט!
— עס גייט די שטאָט מיטן רויך!
— דער ווינט שליידערט די פלאַמען
פון דאך צו דאך!
— העלפט, רבי, העלפט!

ב ע ר ג מ א ן.

דאָס קען ער נישט!

י ש ר א ל.

(צופאַלנדיק, נאָך אים אַנדערע)

אפיקורס, עוכר ישראל!

(צום עולם)

אליין אונטערגעצונדן!
ר'איז אַסעקורירט!

ע ו ל ם.

אַ!

(פאַלט צו צו בערגמאַנען)

ל א ה.

(צום עולם)

האַלט!

(זיי שטעלן זיך אָפּ)

דורכגעלאָזט!

(עס געשעעט; זי גייט צו, נעמט אָן בערגמאַנען ביי דער האַנט)

קום, חתן מיינער!
קום, דו מענטש פון ליכט,
פון דער פינצטערניש אַוועק,
פון דער שלאַנגען־נעסט...
אַדיעו, מאַמע,
טאַטע, זייט געזונט...

גערענק אַן אונדז, יונתן...
מיר גייען פֿון דאַנען!..

(אַז דער עולם וויל זיי צוריק אַרומשליסן)

אַוועק!
אַ וואַרע געמאַכט!
לאָזט דורך, רוחות פֿינצטערע,
מענטשן ריינע, קלאָרע,
וואָס גייען צום ליכט!

(עס געשעט, לאה, בערגמאַן — אַפּ. פּינחס — פֿאַלט פֿון שטול אַראָפּ)

# דריטער אַקט

דאָס זעלבע צימער, אויף אַ קליין בית-המדרשל איבערגעמאַכט. אין ארון-קודש, איבער אַן אָפן שענקל מיט טליתים און שופרות. אונטער א מעשענעם הענגל-לייכטער — אן איינפאכער טיש מיט צעוואָרפן שרייב-געצייג און „קוויטלעך". דערביי — אַ פּאָטער שטול. אָן די זייטן אָפּגעלאָזטע מעבל-שטיק פון ערשטן אַקט. אַ טריבער נאָכמיטיק, וואָס ליטערט זיך. —

(מרים זיצט איינע אליין אין צימער. מיט א סידור אין האנט, נאָר זי דאַוונט נישט; פון בית-המדרש דורך דער פאַרמאַכטער טיר הערט זיך גערויש פון א גרויסן עולם; זי מערקט נישט דערויף, זיצט, אין זיך פאַרטיפט, מיט אַ פאַרגליווערטן טרויער אויפן פנים. פון הויף-גערטל קומען אַרויף חסידים מיט טליתים און תפילין-זעק, באַמערקן מרימען און גייען שטיל איבער צום בית-המדרש. צווישן אַנדערע — דער יונגער רייכער און היימישער, און אָרעמער חסיד, וואָס גייען אים נאָך).

דער יונגערער רייכער חסיד.

(שטעלט זיך אָפּ אין פאַרבייגיין)

רביצין —

(אַז מרים ציטערט אויף)

גוט מאָרגן אייך, רביצין.
כ׳קען אייך אָפּגעבן פון אייער איידעם א גרוס...

(מרים לייכט אויף)

איך בין אין גובערניע געוועזן...

מרים.

(זיך אויפשטעלנדיק)

ביי מיין טאָכטער...

דער יונגערער רייכער חסיד.

ביי׳ן אייער איידעם...
ער האָט מיר מיינס א ברודער באַפרייט...
גענוג געקאָסט...
רייך ווערט ער...

מרים.

און מיין טאָכטער?

## דער יונגערער רייכער חסיד.

האָב איך נישט געזען...
נישט אינגאנצן...
(דערמאָנט זיך עפּעס, האַקט אָפּ צעמישט)
האָט נישט קיין פּאַריבל, רביצין...
(אָפּ, היימעשער און אָרעמער חסיד ווילן נאָכגיין)

## מרים.

וואַרט...
איר קענט דעם ייד...
פרעגט אים אויס — — — — —
אויף מיין טאָכטער פרעגט — — —
(היימעשער חסיד ראַש אָפּ; צום אָרעמען, וואָס ווייגערט זיך)
האָסט דאָך זי ליב געהאַט...
ז'אי' דיר קיין שלעכטע נישט געווען...
זי האָט א קינד געהאַט...
פרעג כאָטש אויפן קינד...

## אָרעמער חסיד.

כ'האָב מורא, רביצין...
ישראל לאָזט קיין אויג אַראָפּ...
כ'וועל פּרוּוון, רביצין — —

## דבורה.

(פון עזרת-נשים-טיר, באַדויערנדיק)
איי, מרימל, מרימל...
דיין מאַן גייט האַלטן א דרשה,
די ערשטע פאַרן עולם...
און דו זיצסט און טרויערסט...

## מרים.

כ'האָב וואָס צו טרויערן, שוויגער...
האָט מיר איין איינציקע טאָכטער

חתונה געהאט, —
צו דער חופה נישט געפירט!
האט מיר איינמאל א בשורה געשריבן:
א קינד געהאט —
כ'וועל מיין אייניקל נישט זען!

ד ב ו ר ה.

(מיטלײדיק, דאָך שטרענג)

פארגעס!

מ ר י ם.

א ברודער פארגעסט...
אפשר א טאטע אויך...
און אפשר נישט...
קרעכצט גאנצע נעכט,
וויינט גאנץ אָפט פון שלאָף...
א מאמע — קען נישט פארגעסן...

ד ב ו ר ה.

קום די דרשה הערן..
ער דרשנט שוין א ווײלע...

י ש ר א ל.

(פאלט אריין פון בית-המדרש)

א ישועה, רביצינס,
א ישועה!

ד ב ו ר ה.

וואס אזוינס?

י ש ר א ל.

הערט!
און איר אויך, יונגע רביצין...
הערט זיין שטים!
דעם רבינס שטים!
אויפן בעלעמער, פארן עולם,

אויסגעגלייכט, געהייכט
שטייט ער און רעדט!
די אויגן זיינע לייכטן מיט הילף...
און פון די לעפצן פליען ווערטער ארויס;
אמונה, ביטחון, ליבשאפט צום ליבן-נאָמען
און מסירת נפש... ווי די טויבן
פליען זיי...

מ ר י ם.

יונתנס ווערטער...

ד ב ו ר ה.

א הויז מיט ניסים; ווייטער א נס!

י ש ר א ל.

דער קיבוץ!
רביצין, דער כוח פון קיבוץ איז עס!
צוזאמענגערופן האָב איך אים
פון אלע עקן וועלט...
בריוו דורך רייטער געשיקט...
און געקומען —
יידעלעך, חסידימלעך...

מ ר י ם.

(שטומפּיקער עקל)

דער עולם...

י ש ר א ל.

(מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ)

דעם עולם!

(צו דבורהן געווענדעט)

און יעדער איינציקער פון עולם
איז — א ייד!
און איטלעכער ייד האָט —
א פינטעלע,

א פינקעלע אין הארץ!
און קליין איז דער פונק,
און פול מיט אש איז דאָס הארץ,
טליעט עס קוים...
גייט מען אין חושך ארום...
קומט מען זיך אָבער צוזאמען,
באהעפט מען זיך,
נעמען זיך צונויף די פינטעלעך,
פלאקערן אויף די פינקעלעך
און שמעלצן זיך צוזאמען
אויף א זון,
אויף א גרויסע זון, —
אויף דער קרוין צום צדיקס קאָפּ!
(מיט ניצחון)
ניין!
נישט איבערגעריסן
די גאָלדענע קייט!

ד ב ו ר ה.
וואָס פאר א קייט?

מ ר י ם.
געהערט שוין אמאָל...

י ש ר א ל.
די קייט,
פון בעל שם אָן, די גאָלדענע...

י ו נ ת ן.
(פון בית-המדרש מיט פרייד)
מאמע, באָבע!
אין עזרת נשים גייט!
הערט מיין טאטנס שטים,
זיין ליכטיק פּנים זעט...
זעט, ווי די שכינה בליט
איבער אים, איבער זיין קאָפּ...

ד ב ו ר ה.

קום, מרימל...

י ו נ ת ן.

מאמע!

ד ב ו ר ה.

קום, טאָכטער...

(ציט זי)

מ ר י ם.

(זיך לאָזנדיק ציען)

דיר צוליב, קינד!

(דבורה און מרים — אָפּ. אין דרויסן לייטערט זיך, עס באַפּרייט זיך אַ זון)

י ו נ ת ן.

(צו ישראלן)

זע!
א זון, א גאָלדענע זון!
זומער־לעב מיט אמאָל!
זומער־לעב פאַר אונדז!

(צוגעלאָפן צום פענצטער)

אַפּגעטון דער וואָלקן זיך
פון אונדזער הויז...
אונדזער גערטל בליט,
אונדזערע הערצער — אויך!
הערסט, עס ריזלט!
טייכער ריזלען,
שטראָמען יאָגן
פון די בערגעלעך אַרום —
אונדזער הילף!

(אין בית-המדרש ווערט פּלוצלינג שטיל)

וואָס איז דאָס, ישראל?
(אַ געוויש און ווייטער שטיל)

(ישראל און יונתן איילן צו דער טיר, עפענען זי, עס קומט אַריין משה, פון ערשטן און צווייטן גבאי געפירט, הינטער זיי — דער היימישער און אָרעמער חסיד; משה איז דערשלאָגן, איינגעשרומפּן)

יונתן.

טאַטעשי...
(נעמט אים איבער פון די גבאים)

ישראל.

(צו די גבאים, היימעשען און אָרעמען חסיד)
לאָזט דעם עולם נישט אריין —
די טיר פאַרשפאַרט —

(דער עולם ווערט צוריקגעשטופּט, די טיר — פאַרמאַכט און מיט די ריקן פאַרשפּאַרט; עס באַווייזן זיך דבורה און מרים, בלייבן שטיין צעשראָקענע אין טיר).

דער עולם.

(אין טיר פון יענער זייט קלאַפּנדיק)
— לאָזט אריין!
— רבי!
— האָט רחמנות, רבי!

ישראל.

מ'קען נישט! מ'טאָר ניש'!
דער רבי וויל היתבודדות...
חשבון הנפש מאַכט ער, דער רבי!

דער עולם.

(קלאַפּט ווידער)
— רבי!
— מיר האָבן אַזויפיל צו בעטן,
— קוויטלעך צוגערייט!...
— מיר האָבן אַזויפיל בקשות...

ישראל.

שפּעטער!

(צו די גבאים)

נייט דורכן הויף...
נאָרט מיט עפּעס דעם עולם אַרוים,
אַנישט — צעטרייבט,
מיט שטעקנס צעטרייבט...

(גבאים און היימעשער חסיד — אָפּ)

אָרעמער חסיד.

(זוכט און געפינט אונטער אַ באַנק זיינע אַ פּעקל)

נישטאָ דאָ וואָס צו טון מער...
זייט געזונט...

(אָפּ, מיטן פּעקל אויף די אַקסלען)

משה.

(עפּוואָס צו זיך געקומען)

בקשות האָבן זיי...
קוויטלעך...
איך ווייס...

(נעמט קוויטלעך פון טיש, לייענט איינס נאָכן אַנדערן, וואַרפט אַוועק)

„בנים"...
„בנים זכרים"...
„באַפרייען פון די זעלנער"...

(ביטער)

דאָס קען מיין איידעם...

(נישטערט ווייטער)

„פּרנסה"...
„ווידער פּרנסה"...
אַן עושר אַ שענקער וויל „שפע",
„שניי" — אַ סוחר פון וועלדער,
„רעגן" אַ דאַנציקער...

(ציט זיך אויס פאַר די אויגן די שוואַכע מאָגערע האַנט)

גענומען אַ ייד אַ שוואַכן,

אין זיינע שוואכע, צימריקע
הענט אריין שליסל געלייגט
פון בנים, פרנסה, שפע,
פון רעגן און שניי —
איך קען נישט,
כ׳קען זיי נישט דערטראָגן...
גענומען א ייד א קראַנקן,
וואָס אָטעמט קוים:
„פיר א וועלט!" —

מרים.

(גערירט, צוטרעטנדיק)

וואָס איז דיר, משה?

דבורה.

(הינטער איר)

וואָס איז דיר פּלוצלינג געשען?

ישראל.

מעשה שטן,
אזא שיינער אָנהויב געווען...

יונתן.

טאַטע, אזא שיינער אָנהויב געווען!

משה.

אן אָנהייב...
געווען אן אָנהייב...
געמיינט, עס קומט צוריק
דאָס אמאָליקע,
דאָס שטראַלנדיק־זיסע...
דער עולם ארום אין טליתים,
ווי מלאכים ווייסע,
אויגן — שטראַלנדיקע,
בינטן שטראַלן פון אמונה,

פון בטחון, פון גלויבן אָן מיר,
מיט מסירת נפש צו מיר,
צו בעל־שם׳ס אן אייניקל...
זאפּט דאָס הארץ די שטראַלן איין און וואקסט,
און בליען הייבט עס אָן, דאָס הארץ,
און עס יאָכצט דאָס הארץ: איך בין!
אָן אָדלער בין איך,
ברייטע, ווייסע, שטארקע פליגל האָב איך...
און דאָס ארום זענען מיינע „יונגע".
און איך פיר זיי אינעם בלויען רחבות,
ארויף, ארויף, אַלץ העכער און העכער!
צעשפּרייט די פליגל איבער מיינע אָדלערלעך!
און קוק מיך וואָס אמאָל אום אויף זיי,
צי פאַלט נישט ווער? זוימט נישט ווער?
און שטארק די שוואַכע מיטן בליק,
הייב די געפאַלענע מיטן רוף!
און מיר פליען... ווייט ווייט און הויך,
איבער דער ערד, איבער דער וועלט,
און איך רוף, און מיין קול קלינגט איבער ימים!
איבער בארג און טאָל, פעלד און וואַלד,
דערפער און שטעט... קלינגט דאָס קול,
דאָס קול פון מנהיג הדור, פון אמתן גיבור...
(הייבט זיך)
און שטארק איז דאָס קול, — וואָלקן פּלאַצן,
הימלען שפּאַלטן זיך פאַר אים...
ס׳גן־עדן עפנט טיר און טויער!
(פאַלט צוריק מיד; הייבט זיך נאָך אמאָל אויף)
און ס׳קומען אונדז אבות אנטקעגן,
און צדיקים!
אָנגערוקט — דער טאַטע פּינחס!
שמייכלט דאָך אונטער ברעמען און וואָנצן...
„נישט מיין שיטה... נישט מיין דרך...
„נישט דאָ ארום געדארפט צו קומען...
„און נישט אזוי...

„אָבער גוט...

„אז געקומען!" —

דער זיידע שלומה קומט ארויס!

(זייער האַרציק ווייך)

„דווקא אזוי!" „גראָד אזוי!"

אלע פליען נאָך,

העכער און העכער גייט דער וועג...

צום לבנת הספיר.

צום מערמעל־שטיין —

און פלוצלינג — —

ישראל.

וואָס פלוצלינג?...

משה.

„שווינדלער" האָט א רוף געטון!

ישראל.

ווער?

משה.

איך ווייס? אפשר לאה פון ערגעץ...

אפשר דער דאָקטאָר — איר מאַן...

אפשר אין בית־המדרש ווער...

אפשר א בת־קול גאָר...

צי ביי מיר אין הארץ?

עולם.

(פון הינטער דער בית-המדרש-טיר)

רבי —

גבאים טרייבן מיט געוואלט,

האָט רחמנות, לאָזט אריין...

מיר שרעקן זיך אזוי!

מ ש ה.

(בעט זיך ביי ישראלן, ביי אַלע ארום)

לאָז אריין...
לאָזט אריין דעם עולם צו מיר...
לאָזט מיך פארן עולם
כורעים פאלן,
מודה זיין,
מיתוודה זיין...
א ייד מוז דאָך ערלעך זיין!

ד ב ו ר ה.

(וואָס איז ביים פענצטער געשטאַנען)

עמעץ גייט... .
לאה, דאכט זיך, גייט...
א פארבלענדניש, צי וואָס...

מ ר י ם.

(צוגעלאָפן צו דער טיר, ווילנדיק און נישט קענענדיק מיט
די פאַרציטערטע הענט זי עפענען)

עס איז לאה... עס איז לאה...

(שרעק)

נאָר אליין, אָן דעם קינד...
און זי וואקלט זיך,
און ווי בלאס זי איז...
יונתן, דיין שוועסטער גייט, —
עפן איר!

(יונתן קערט זיך אָפּ)

מ ש ה.

שטראָפן קומט זי, שטראָפן...

ל א ה.

(אַריינגעקומען, אָנכאַפנדיק די מוטער ביי די הענט, — צום פאָטער)

גיין, נישט שטראָפן, טאטע...

יונתן.

(ווענדט זיך אום, שטרענג)

פון וואַנען קומסטו, לאה?

לאה.

פון דאָרט, פון ווייט...

יונתן.

וווּ אַהין, גייסטו, לאה?

לאה.

צו אייך...

יונתן.

נאָך וואָס?

לאה.

נאָך הילף!

יונתן.

דו — צו אונדז?

ישראל.

האָסט דאָך אויסגעפירט,
אַ גרויסן ניצחון געהאַט!

יונתן.

געזיגט, צו ליכט געגאַנגען!

לאה.

ליכט איז — קאַלט...

(ציטערט)

אַזוי קאַלט...

מ ש ה.

דיר פעלט עפּעס, לאה?

ל א ה.

וואָס האָב איך, טאטע? !

י ש ר א ל.

(לאחן, באַטראַכטנדיק)

אַן אָפּצערונג...

ל א ה.

(באַשטעטיקט)

אַן אָפּצערונג...

(פּ ו י ז ע)

און דאָרט,
דאָרט אין וויג געלאָזט א קינד...
דיין איינציקער שוועסטערס קינד, יונתן!
דיין איניקל, טאטע!
מאמע, דיין איניקל ליגט דאָרט בלינד...

א ל ע.

בלינד?

ל א ה.

אויגן האָט עס, גרויסע!
מיינע, דער מאמעס,
דעם עלטער־זיידנס אויגן...
פלעגט אויך אמאָל אזוינע האָבן
יונתן...
און אפשר האָסטו נאָך אמאָל אזוינע...

י ו נ ת ן.

(הערט)

ניין!

ל א ה.

מיין קינד האָט!
און עס קוקט מיט די גרויסע,
מיט גרויסע טויבן־אויגן,
אָבער זעען זעט עס נישט!

מ ר י ם.

טאָכטער!

ד ב ו ר ה.

וואָס אזוינס?

מ ש ה.

פאַרוואָס?

ל א ה.

ווייל דאָס,
וואָס קוקט ביים מענטש דורכן אויג אַרויס,
דרימלט נאָך דאָרט...
די יונגע נשמה שלאָפט,
נאָך נישט אויפגעוועקט...
(צעוויינט זיך)
און וועקט זיך דאָס נשמהלע אויף אַמאָל,
מיך,
די מאַמען זעען וועט עס נישט!
העלפט מיר!

י ש ר א ל.

און דער דאָקטאָר, דיין מאַן?

ל א ה.

איך האָב אים נישט...
מיט מיין לייב, וואָס איז פון מיר אַראָפּ
צוזאַמען,

האָב איך זיין ליבשאַפט פאַרלוירן...
און ד׳אַפּטייק האָט פאַר מיר קיין תרופה נישט;
ער זאָגט אַזוי!
אַלץ איינס!
א י ר העלפט...
לאָזט מיך ביי מיין קינד!
העלפט!

י ו נ ת ן .

צו מענטשן פון פינצטערניש
קומסטו, מענטש פון ליכט,
נאָך הילף...

ל א ה .

כ׳בין שוין נישט שטאָלץ!
דער טויט
האָט אויף מיינע אַקסל
זיין האַנט געלייגט;
דריקט מיך אַראָפּ, אַראָפּ
צו אייערע פיס —
(פאַלט אין דער מוטערס אָרעם אַריין)

י ו נ ת ן .

קלאָר געוואָלט, ליכט באַגערט!

ל א ה .

שווייג!
רחמנות האָב און שווייג!
קלאָר איז שניי —
און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט!
עס יאָגט דורך די ביינער אַ פראָסט!
קלאָר — איז טויט!
דער אין תכריכים ווייסע
איינגעהילטער סוד!

וואָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אייזן האַרט,
ווי שטאָל...
אויב עס בליצט,
איז עס, יונתן, א מעסער,
וואָס קוילעט דיינע טויבן!
אויב קלאָר,

(פאַרצווייפלונג)

אויב קלאָר, בין איך פאַרפאַלן!
דער לעצטער טראָפּן בוימל
ברענט זיך אויס — אין לאָמפּ!
אזוי זאָגט ער!...

מ ש ה.

אָ, „געזעץ" האָט ער געזאָגט —

י ו נ ת ן.

און — נאַטור...

ל א ה.

אָן רחמנות פאַלש!
געזעץ איז א קייט!
נאַטור — א שטריק אויפן האַלדז...
ווערגט, שטיקט, לאָזט נישט אָטעמען דער שטריק!

(העפטיק)

עס קען נישט זיין קיין הפקר־וועלט —
איז דאָ א וועלט, מוז זיין ווער,
וואָס פירט די וועלט;
מוז זיין אָן אויג, וואָס קוקט אויף אונדז!
אין אונדז, אין אונדז שלאָגט א האַרץ,
די וועלט מוז האָבן אויך א האַרץ!
א באַרעמהאַרציק האַרץ...

(געבעט)

בעט פאַר מיר —
בעט פאַר מיר בײם האַרץ,
בײם באַרעמהאַרציקן האַרץ בעט! —

מ ש ה. י ו נ ת ן.

מיר? — מיר?

ל א ה.

איר!
איר, די גרויסע, די הייליקע — איר!

מ ש ה.

לאה, איך בין אַ וואָרעם!

ל א ה.

און דו, יונתן?! אָרעמער טאַטע!
יונג ביסטו און שטאַרק...

י ו נ ת ן.

ווו זענען מײנע טויבן, לאה?

ל א ה.
(טויבנאַרטיק)

גלויב... גלויב... גלויב...!

י ו נ ת ן.
(האַרט)

זיי זענען טויט!

מ ש ה.
(פּלוצלינג, אויפשטייענדיק, צו ישׂראלן, רבּיש, שטאָלץ, פאַרביטערט)

עפן!

י ש ר א ל.
(דערשראָקן)

כ׳עפן! כ׳עפן!

מ ש ה.

לאָזט אריין!
דעם עולם לאָזט אריין —
דעם גאַנצן עולם לאָזט אריין!

י ש ר א ל.

(עפנט מיט פאַרציטערטע הענט, זייער וויימיטיק)

צעגאַנגען זיך...
א מנין קוים — —

מ ש ה.

רוף אריין!

י ש ר א ל.

כ'פאָלג, רבי, כ'פאָלג!

(ווינקט אַריין דעם עולם; זיך צוריק צום צימער ווענדנדיק)

די אויגן זיינע! די אויגן!

(עס קומען אריין א צענדליק איבערגעשראָקענע יידן; דאָס מערסט בטלנים. צווישן זיי ישיש 3 פון צוויי חסידים געפירט)

מ ש ה.

ליכט!
אָנגעצונדן זאָל ווערן ליכט!

(ישראל און די יידן טוען עס)

מ ש ה.

מיין טלית!

(ישראל לויפט נאָכן טלית צום ספרים-שענקל)

מ ר י ם.

וואָס ווילסטו, משה?

מ ש ה.

פרוון!

י ו נ ת ן.

פרווו, מאַמע, פרווו...
זע, ווי בלאַס ער איז...

משה.

פאַלן, —
ווי דתן ואבירם פאַלן
ווי קורח!
נישט צעטרעטן ווערן, ווי אַ וואָרעם!

(הילט זי פּיבערהאַפט איין אין דערלאַנגטן טלית; ישראל טרעט אָפּ פאַר שרעק, ווערנד משה גייט צום ארון)

לאה.

(רופט נאָך מיט שרעקיקער חרטה)

טאַטע —

(אַז ער הערט נישט)

מאַמע...
עס פאַלט אַ פּחד אָן אויף מיר —
יונתן...

(כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט; יונתן רייסט זיך אויס, קערט זיך אום)

(משה, קושנדיק הויציק דאָס פּרוכת, עפנט דאָס ארון-קודש, שטעקט אַריין דעם קאָפּ, זאָגט עפּעס, וויינענדיק שטיל.)

לאה.

(צו יונתן)

זע —
זע, ווי זיינע אַקסלען צוקן —
ווי עס ציטערן די הענט!

משה.

. . . מיתפּלל...
מיתפּלל בין איך פאַר איר —
פאַר מיין טאָכטער, פאַר מרימס טאָכטער, לאה!
און ווייל איך בין אַזוי שוואַך,
און ווייל איך בין אַזוי, אַזוי געפאַלן
און ווייל איך בין די שוואַכסטע רינג
אין דער קייט, אין דער גאָלדענער —
בעט איך פון אבות הילף —
מיהט אייך!

(פויזע, טאָן-ענדערונג)

טאטע!
איך, דיין שוואכער זון, משה —
בעט ביי דיר פאר איר,
פאר דיין אייניקל! —
מקנא קינאת השם צבאות
ביסטו דאָ געווען!
ווו א שלעכטער וורצל — אגיסגעריסן!
אן אומריין שפעלע — פארטריבן —
ווי זילבער האָסטו געלייטערט אונדז
מיט פייער —
דיין אייגענעם טאטן און א ל ע,
אלע ארום אוועקגעגעבן פאר גאָט!
אצינד!
אצינד ביסטו געקומען אויף דיין לוין!
גרוים —
ביים כיסא הכבוד
אין דער רעכטער האנט
איז דיין פלאץ!
העלף!
און טאָמער ביסטו בייז אויף איר —
ווידערשפענסטיק איז זי קעגן דיר געווען —
געדענק:
לא תיקום שטייט,
לא תיטור שטייט,
אויפן עולם־האמת ביסטו דאָך —

י ו נ ת ן.

אזוי, אזוי טאטע, אזוי...

ל א ה.

(פארצוקט)

נישט אזוי!
נישט אזוי, טאטע...

זאָג: חרטה האָט מיין הארץ!
זאָג, אַז איך גלויב אין אים,
אַז איך ליג ביי זיינע פיס,
אַז איך וואַש מיט טרערן זיי —
אַז איך וואַרף מיך פאַר אים אין שטויב —

מ ש ה.

הערסט, טאַטע?

(פויזע)

און דו, זיידע!
דו גרויסער ייד, שטאָלצער ייד — — —
זיי אויף מיר נישט בייז,
וואָס איך קום אַזוי צו דיר,
וואָס איך שטעל אַצינד אוים די האַנט צו דיר
און בעטל דיין גנאָד!
נישט שבתדיק און נישט יום־טובדיק
איז דיין איניקל —
געצאַלענע זענען מיר!
אויף בעטל־ברויט געקומען זענען מיר...

מ ר י ם.

נישט אַזוי, משה, נישט אַזוי...
דאָס וועט ער דיר נישט מוחל זיין —

ל א ה.

ניין, נישט אַזוי, טאַטע,
זאָג, איך האָב אים ליב געהאַט...
זאָג, אַז איך געדענק אים נאָך —
אַז די שטראַלן פון זיינע אויגן
בליען נאָך אינעם האַרץ ביי מיר.
אַז אין מיין נשמה ציטערט נאָך
זיין ליבער, ליבער שמייכל דאָרט! —

מ ש ה.

און דו,
דו עלטער־זיידע —

(שטיל־געבעט)

און דו עלטער־עלטער־זיידע!
און — די קייט!
די גאַנצע גאָלדענע קייט —

(שטיל געבעט, פאַרצווייפלט)

זיי שווייגן!

ל א ה.

אַ וואָלקן גייט...
איבער מיינע אויגן ציט
אַ נעפּל זיך —
פינצטער ווערט.
טאַטע!
איינמאָל, וויל איך, זאָל מיין קינד מיך זען!
זאָל מיין אָפּגלאַנץ בלייבן דאָרט אין אויג!
איינמאָל, נישט מער!

(אָרעמער חסיד נעמט דעם זאַק פון אונטער דער באַנק אַפיר)

מ ש ה.

און דו —
דו אליין —
ווען איך רוף צו דיר —
גיב אַ צייכן מיר!
אז דו ביסט!
אז עס איז פאַראַן אַן אויג —

אָ ר ע מ ע ר   ח ס י ד.

שלעכט!

(באַפּט דעם זאַק אויף די אַקסל, לאָזט זיך צו דער טיר)

י ו נ ת ן.

(לויפט גלייכצייטיק צו צום פאָטער, שטעלנדיק זיך צווישן פאָטער
און ארון־קודש)

מען טאָר נישט פּרוּוון גאָט!
(עולם אָטעמט אָפּ פון שרעק, אויגן בליצן אויף)

מ ש ה.

(זיך אומקערנדיק, פאַרצווייפלט)

לאה, ער לאָזט נישט!

ל א ה.

(צוזאמענפאלנדיק פאַר שרעק)

דער זיידע פּינחס,
דער זיידע פּינחס...

ש ר ע ק י ג ע ש ט י מ ע ן

איבערגעריסן,
איבערגעריסן די קייט!

י ש ר א ל.

(פּלוצלינג אַנטשלאָסן)

ניין!
יונתן איז רבי!

ל א ה.

(דערשראָקן)

יונתן?!

מ ר י ם.

(אָפּוועדנדיק)

קינד מיינס!

(יונתן וואַקלט זיך)

י ש ר א ל.

דער עולם וויל, דער עולם הייסט!

מ ר י ם .

(אַנגסט-אויסגעשריי)

דער עולם...

ד ע ר ע ו ל ם .

מיר ווילן, מיר הייסן!

ל א ה .

(מיט האָפענונג)

זיי! ווער!

י ו נ ת ן .

(מיטאַמאָל אנטשלאָסן)

איך בין!

( פ אָ ר ה א נ ג )

# אין פּאָליש אויף דער קייט

## (א חלום פון א קלויזניק)

דראַמאַטישע פּאָעמע, מיט ווייסן פערז,

אין דריי אַקטן.

# פערזאָנען:

**זינדיקער** — אַ קלויזניק.

**ברכיה** — אַ רייכער אויפגעקומענער באַלעבאָס, פון אַ יאָר 50—60, פּראָסטאַק, שבת-שענקער, הייוון-האַלטער, אַרענדאַטאָר פון אַ מיל און אַ פיש-טייך, אַ תבואה-סוחר און דערגרייכן.

**זיין ווייב** —

**זון** —

**איידעמס און שנירן.**

**זיין יונגסטע טאָכטער.**

**רב**—

**שמש** —

**מחותנים** —

**משוגענער** —

**אויסגעלאַסענע** —

**דריי גבאי'טעם**

בחורים, יונגע לייט, באַלעבאַטים, קצבים, קלעזמער, אַ בדחן, אָרעמע לייט.

צווישן די לעצטע:

אַ שמייסער, אַ טרעגער, אַ האָלץ-העקער, אַ לאָמער, אַ בלינדער, אַ וואַסער-פירער, אַ בעטלער און דערגלייכן. און אַזוי יידן און יידענעס.

## ס צ ע נ ע :

אַ פ אָ ל י ש מיט א ברייט-געעפנטן טויער צום שול-הויף אין הינטערגרונט.

א י ן פ אָ ל י ש (פון פאָדער-צום הינטערגרונט גערעכנט):

ר ע כ ט ס : — אַן אייזערנע טיר צו דער שול אַראָפּ. — אַ באַנק פאַר דער וואַנט. טרעפּ — אַרויף צו דער ווייבערישער שול. —

ל י נ ק ס — אַ טיר צו דער בית-דין-שטוב. — די קונא: אין דער וואַנט פון אַ נישט טיפער נישע — אַ קייט, מיט א האַנט-רינג געענדיקט. — טרעפּ צום בית-המדרש אַרויף.

צ י י ט :

א הערבסט־טאָג.

די אקטן שפּילן זיך:

דער ערשטער — נאָך שחרית.

דער צווייטער — נאָך מעריב.

דער דריטער — חצות־צייט.

# ערשטער אַקט

## (פֿאָרהאַנג)

אין **שיל-הויף** — אַן איבערליגטע, נישט אויפגעשפּאַנטע בויד. דער שמייסער פֿאָרעט זיך ביי די פערד. פרעמדע יידן, אין וועגס-קליידער, איינער אַן אַלטער — **איז**, אַנדערע — ביי דער בויד, זענען אויפגערעגט, פֿאַרזאָרגט. **היימישע**, וואָס קומען אָן און גייען אָפּ רעכטס און לינקס פון שיל-הויף, געבן זיי שלום; באַדויערן, טרייסטן, פרעגן אויס, ווערן אויסגעפרעגט... דערביי ווערט אַלץ געקוקט צום פּאָליש. צווישן עולם, און אַמערסט אויפגערעגט, דרייען זיך אַרום קלעזמער מיט די כלים אין די הענט.

אין פּאָליש, אויף דער באַנק פאַר דער וואנט, זיצט דער **בלינדער**. נעבן אים, האַלב ליגנדיק — דער **לאָמער**. צו זיי קומען צו אָרעמע לייט פון פּאָליש. אין עק באַנק, צו דער שיל-טיר צו, אַן וועלכער עס איז אָנגעשפּאַרט אַ צוזאַמענגעשטעלטע חופּה, — זיצט אַ שמש מיט נישט אָנגעצונדענע הבדלות אין דער האַנט. דרעמלט, כאַפּט זיך אַלע ווילע אויף, קוקט זיך אום דערשראָקן, דרעמלט צוריק איין. אַלע וואַרטן עפּעס אָפּ פון בית-דין-שטוב. — פון דאָרט דאַרף אַרויס עפּעס אַנטשיידענעס — אַ זייער וויכטיקע זאַך פאַר אַלע. פון בית-דין-שטוב הערט זיך אָפּט אַ גערודער פון פיל מענטשן; אַמאָל — איינציקע אויסגעשריען: **צער**, צאָרן א. ד. ג. די טיר איז, קענטיק, פון אינעווייניק מיט מענטשן פאַרשטעלט. פאַר דער בית-דין-שטוב שטייען יונגע לייט, וואָס האָבן, שפּאַרנדיק אין טיר, קוים אַ שפּאַרע געעפנט, דורך וועלכע זיי קוקן אַריין; הערן-אונטער, וואָס אינעווייניק טוט זיך.

צווישן שיל-הויף און פּאָליש — אַ באַשענדיקער מענטשנטויש.

(אָרעמע לייט קומען איינציק און פּאָרנווייז פון שול-הויף אין פּאָליש אַריין, גייען צו דער באַנק צו רעדן באַדויערנדע, פאַרדראָסן)

**שמייסער.**

(ברומט)

ביי ר' ברכיהן טעג געהאט...
ערב שבת — מרחץ־געלט,
און א העמד,
און פון א לייב אראָפּ — א מלבוש. —

(צאָרן)

האָט'ם דער האָבער געשטאָכן!
לאָזט ער קיין חופּה נישט שטעלן,
זיין כלה, זאָגט ער!

**טרעגער.**

פון לייד־ק־גיין קומט עס, פון הוריות,
פון קוועטשן די באַנק אין קלויז, —
וואָלט ער א קאַסטן געטראָגן...

**האָלץ־העקער.**

האָלץ א פורל צעהאַקט...

**בלינדער.**

(פאַרטראַכט)

א שיינע מוז זי זיין...
גיט עפּעס וואָס און זאָגט:
„עסט" צו „טרינק געזונטערהייט"
צעגייט זיך עס...

וואסער-פירער.

כ׳פלעג זיי ביים טייכל טרעגן.
כ׳פיל דאָס פעסל, פאָיע ס׳פערדל,
גיב מיט דער בייטש א קנאַק, —
נישט זיי זעען, נישט זיי הערן...

שמש.

(וועקט זיך, זיפצנדיק)

פאַרזינדיקט זיך...

לאַמער.

פיס געהאַט, צו שלעכטס געלאָפן...

בלינדער.

אויגן —
דעם יצר־הרעס מעקלער...

(דריי גבאיטעס זענען אַרויסגעקומען פון דער ווייבערישער שיל. די ערשטע, מיט אַ צדקה-פושקע אין האַנט, איז אַראָפּגעגאַנגען און געשטעלט זיך אויפן לעצטן טרעפ. די צווייטע, מיט א גראָבן סידור אונטערן אָרעם, איז איר נאָכגעהינקען, און שטעלט זיך ביי דער אָנלען רעכטס, אַ טרעפל צופריער. די דריטע, וואָס האָט דערוויל פאַרמאַכט הינטער זיך די שיל-טיר, שטעלט זיך אַ טרעפל העכער, ביי דער אָנלען לינקס. אַלע דריי בויערן זיך מיט די אויגן אין טיר פון בית-דין-שטוב).

ערשטע.

און די תורה הקדושה האָט נישט באַשיצט!

צווייטע.

און אז אין צעדער פאַלט אריין די פלאַם...

דריטע.

דעם לוויתן ציט די נעץ...

(בלייבן א ווײַלע ווי פאַרשטאַרט; גייען דערנאָך, איינציקווייז און טיף-באַדויערנד, אויפן שיל-הויף אַרויס, און מישן זיך אוים מיט אַנדערע ווייבער).

בעטלער.

(קומט מיט אַ טאָרבע פון שיל-הויף, גייט צו צו דער באַנק:)

הימעלט די אָרעמע סעודה!

(וואַרפט די טאָרבע אונטער דער באַנק. זעצט זיך צווישן שמש און בלינדן. קלעזמער מיטן בדחן, וואָס זענען געקומען פון שיל-הויף גייען צום שמש צו).

א קלעזמער.

(קלאָגט זיך)

אָנגעבאָרגט זיך אין קרעמל...

בדחן.

וואָכן לאַנג דעם קאָפּ געדארט
אויף נוטריקון — ראשי תיבות,
גראַמען נייע און המצאות — —

א צווייטער קלעזמער.

האָב איך אויסגעקלערט א וואָלאַך
פון דער נאָדל צום באַדעקנס,
פאַר ר׳ ברכיהם מיזיניקל!...
און א מארש, א שפּאָגל־נייעם,
זאָל ער קנאַקן צו דער חופּה...
נייט א קלויזניק —

שטימען ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב.

(האַקן איבער)

— דער רב!
— דער רב רעדט!
— מ׳הערט נישט א וואָרט...

שמש.

(צעפירט די חופּה)

און א חופּה, זעט, א נייע —
ווייסער אטלעס, אויסגעהאַפטן,

אוּן מיט פּליטערלעך געשטיקט, —
פוּן די שנירן אוּן די טעכטער...

(באַלעבאַטים, אַזוינע, וואָס לערנען נאָכן דאַווענען, קומען מיט טלית-תפילין-זעק פוּן בית-המדרש טרעפּ אַראָפּ)

ע ר ש ט ע ר.

זיצט דער חתן אין אכסניא...

צ ווײ ט ע ר.

(נאָך אַ בליק צום שול-הויף)

אוּן די בויד — נישט אויסגעשפּאַנט...

ד ר י ט ע ר.

אָבער וואָס אַ קלויזניק קען...

(שטעלן זיך אָפּ אין מיט פּאַליש)

ע ר ש ט ע ר.

(צו דער טיר פוּן בית-דין, שטוב צו)

וואָס הערט זיך דאָרט?

א ש ט י מ ע.

(ענטפערט)

ס'רעדט נאָך דער רב!

ע ר ש ט ע ר.

זיין בעסטער תלמיד!

צ ווײ ט ע ר.

סמיכה געגעבן...

ד ר י ט ע ר.

פאַר אַן איידעם געוואָלט...

צ ווײ ט ע ר.

נאָך אַזאַ דרשה!
קאָפּ אויף קאָפּ געווען די שול...

דריטער.

פייער געשיט! —

ערשטער.

ווי א גלאָק געקלונגען...

שמש.

כ'גיי דערנאָך אויף קיבר אָבות,
קום פארביי זיין פאָטערס קיבר,
קלאפּ איך נאָך אין ברעטל אָן:
קלמן, זאָג איך, נישט דערלעבט!
נישט באשערט געווען דער נחת...

בדחן.

דרייט זיך אצינד אין קיבר איבער —
(גייען אַרויס צו דער בויד)

שמש.

מעשה שטן, מעשה שטן...

שטימען ביי דער טיר.

— מחותן רעדט!
— מיט דער ריש...
— קלאַפּט אין שולחן מיט דער פויסט —
„חצי נדן קנס", „הוצאות".

בחורים.

(מיט תפילין-זעקלעך פון בית-המדרש אַראָפּ, סוידען זיך):

— ר'האָט דעם שווארצן זיך פארקויפט...
— שווארץ אויף וויים א כתב געמאַכט,
— און געחתמעט
— מיטן בלוט פון יונגסטן פינגער
— רוישן פלעגט עס האלבער נאכט...

ג׳זאָגט: אַזוינע ווינטן בלאָזן;
גאַנצע שאַרן פייגל שוועבן! —
ס׳האָבן רוחות זי געטראָגן
נאַכט אויף נאַכט צונ׳אים אין קלויז,
פון בעט אַרויס, אַ נאַקעטע!

שטימען ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב.

— ברכיה רעדט...
— ס׳צאַפּלט אים די ווייסע באָרד,
— ס׳ציטערט די אויסגעשטרעקטע האַנט,
עפּעס זאָגט ער, עפּעס שווערט ער...

(עס קומט אָן דורכן שיל־הויף דער משוגענער, אָפּגעריסן, מיט אַ טעפּל אין האַנט)

בעטלער.

(שפּרינגט אויף)

האָסט באַקומען? —

משוגענער.

(קערט איבער דאָס לערע טעפּל, גייט ווייטער. צו אַ בחור, וואָס ער באַגעגנט אויפן וועג).

די גאַס איז שוואַרץ...
די ברכיהכע — חלשט...

(צו די בחורים, וואָס רינגלען אים אַרום)

די כלה ברעכט זיך די ווייסע הענט,
רייסט זיך אויס די האָר, די שוואַרצע,
וויינט די בלויע אויגן אויס,
וואַשט דער מוטערס פּיס מיט טרערן,
וויל אַהער — רייסט זיך אַהער —
מ׳ווייסט נישט, נאַכוואָס —

שטימען ביי דער טיר פון בית־דין־שטוב.
— ער אַליין!
— ר׳האָט זיך אויפגעשטעלט און רעדט...
— אויפגעוואַקסן!

— ווי א יונגער בוים אין וואלד!
— שטרעקט די האנט אוים ווי א שררה;
— הערט די שטימע פון א מלכות...

(פויזע. די יונגעלייט שפאַרן זיך שטאַרקער אין טיר. זי גיט מער נאָך. עס ווערט א ברייטע שפאַרע)

( פ ו י ז ע )

(פון בית-דין שטוב הייבן אָן איינציקווייז אַרויסצוקומען יונגע-לייט, פאַרוואונדערט, פאַרבליפט דערשראָקן)

א ר ו י ס ג ע ק ו מ ע נ ע .

— „זיין געזאנג”...
— „דער תוך פון זיין נשמה איז זי”...
— „זיין שכי — נה”

א ש ט י מ ע א י ן פ אָ ל י ש .

וואָס לאָזט מען אים רעדן?!

א ר ו י ס ג ע ק ו מ ע נ ע .

(מער דערשראָקן)

— זיין רוח הקודש, זאָגט ער.
— הייליק, זאָגט ער, איז די ליבע...
— ליבע זאָגט ער איז דער סנה...
— ליבע האָט די וועלט באשאַפן!

א ש ט י מ ע א י ן פ אָ ל י ש .

פאַרשטאָפּט׳ם ס׳מויל!

א ר ו י ס ג ע ק ו מ ע נ ע ר .

„גאָט איז די ליבע” —

א צ ו ו י י ט ע ר .

(לויפט צו דער שול-טיר)

וו דער שופר?

## א ד ר י ט ע ר.

מחרים זיין, מנדה זיין...

(רייסן די טיר פון שול, זי גיט נישט נאָך)

## א שטימע פון בית־דין־שטוב.

רייסט די צונג פון מויל ארויס!

## שטימען פאר דער טיר.

— לויפן מיט די פויסטן צו.
— שטעלט זיי אָפּ מיטן בליק!
ווי א מלך זיינע קנעכט!
— רעדט און שמייסט, ווי מיט ריטער,
— ז׳בויגן זי[illegible]טער די רייד,
ווי זאנגעז, פ[illegible] געשמיסן...
— ע[illegible] גייט אַר[illegible]...

(אומוויל[illegible]ולע־ע [illegible] קומט אַרויס דער זינדיקער, הינטער [illegible] די אַנדערע).

## זינדיקער.

(אַרויסקומענדיק)

אין מיר האָט אויפגעפלאַמט א רויז,
ווילט איר, דערנער, שטראָפן מיך?
מייז, פון פינצטערע לעבער אַרויס,
ווילט איר מישפּטן די נאַכטיגאַל
פאַר איר מאָרגן־ליד,
פאַר איר פרילינג־ליד,
פאַרן עכסטן ליבעס־ליד?!
שווארצע, פינצטערע וואָלקן־שטיקער,
ציטערט איר פאַר מאָרגנשטראַל?

(באַמערקט די קלעזמער)

איי, קלעזמער, שפּילט א זמר!
פידל, שפּיל! גים די זיסע
קעניגלעכע בענקשאַפט אויס,

ווי א שמעקנדיקן בוימל...
און דו, פּליט, —
דעם קעניגס ציטעריקע פרייד,
זיין בליענדיקע ליבע זינג!
קינדיג, באַס, דער וועלט זיין ווילן!
זאָג א בשורה אָן, טראָמפּייט —
צו זיין מלכה דער קעניג גייט;
(קלעזמער געהאָרכן אומווילקירלעך און שפּילן)
א מארש!
טאַצן, טעלער, קעסל־פּויק!
זאָלן ציטערן די הייזער,
און פאר פרייד די הימל־הייך,
זאָלן זיי שיטן מיט די שטערן
אויפן חתנס קאָפּ, ווי האָפּן!
צו זיין מלכה גייט דער קעניג.

## ב ר כ י ה ס  ט אָ כ ט ע ר .

(האָט זיך ארייגגעריסן צווישן עולם אין פּאָליש)

נישט מיין מלך, נישט דיין מלכה!
כ'האָב רחמנות געהאַט מיט דיר!
א יתום אָנגעקלאַפּט אין טיר,
א שוועסטער־הארץ געעפנט דיר.
(כאַפּט זיך אָן ביים האַרצן)
און די שלאַנג אין בוזים בייסט!
(צום רב צופּאַלנדיק)
רבי, איך בין ריין פון זינד!
(צום מחותן)
ריין ווי גאָלד איז ברכיהס טאָכטער!
מאַכט, מחותן, נישט קיין בייז,
און באַדעקט נישט, האָט רחמנות,
נ'טאַטנס ווייסן קאָפּ מיט שאַנד,
טייט מיר נישט די קראַנקע מאַמע...
(צו אַלע געווענדט)
כ'בין נישט שולדיק.

זינדיקער.

שולדיק בין איך!

רב.

הערט! איר הערט?
ער לייקנט זיינע ווערטער אָפּ.
(אויסרופנדיק)
ברכיהס טאָכטער איז ריין,
ווי אַ שפּיגל אָן אַ הויך,
ווי אַ בת ישראל — — —

ברכיה.
(אויפהייבנדיק די טאָכטער)

עולם, זעט!
איז אַ פאַלשקייט אין די אויגן?
קענען אַזוינע בליקן ליגן?

רב.
(צום מחותן)

היים שפּאַנען אויס די בויד!
מינחה דאַווענען — דעם חתן...
האָט אַ חשד א זינדיקן,
אויף אַ בת ישראל ג׳האַט,
זאָל ער תשובה טון!
(און ברכיה)
פיר די כלה צום באַזעצן!
זאָל איר זיין כפּרות עוון
אָט די חרפּה, אָט די בושה,
זאָל עס גאָט געדענקען איר
אין אַ סכנה־שעה...

ברכיה.
(אַרויספירנדיק די טאָכטער)
אָרעמע לייט — צו דער סעודה!

אויף דער שימחה — ווער א גוטער פריינט!
גייט צום חתן — יונגעלייט...

(ס׳מערסט אָפּ)

ר ב .

(רופט זיי נאָך)

כ׳וועל מסדר קדושין זיין!

(צום זינדיקן)

און דו... האָסט א ייד די שימחה געשטערט,
לשון הרע געזאָגט...
צו ווייט געגאנגען, צו ווייט,
נעם דיך צוריק.

ז י נ ד י ק ע ר .

רבי, ווען צוריק,
קומט מען קיינמאָל צום קיבר נישט.

ר ב .

גיב די האנט צו דער רינג...

(עמעץ הייבט אויף די קוים, פירט זי צו)

ז י נ ד י ק ע ר .

ניין, ניין, דאָס נישט!
נאָר דאָס נישט,
לאָזט מיך גיין...

ר ב .

ביז צו מאָרגנס!
צו דיין גוטן גיב די האנט...

ז י נ ד י ק ע ר .

מיך ווארט קיין גוטס נישט מער...

ר ב.

גאָטס רחמנות איז גרויס,
און דער זכות פון דער הייליקער תורה
וועט בײשטײן דיר!
א טאָג פון שאַנד און שפּאָט
וועט ברעכן דײַן שטאָלץ!
אראָפּלאָזן וועט זיך די נאַכט,
די שטילע נאַכט...
וועסטו אײנזאַם און פאַרגעסן
אין דער שטילקײט אײַנגעהילט,
זיך מיט דיר אַלײן באַרעכענען...
א חשבון מאַכן...

זינדיקער.

שוין געמאַכט,
און קײן רעשט איז נישט געבליבן!

ר ב.

געבליבן:
דער הייליקער פונק
פון דער תורה, דער הייליקער.
אונטערן זינדיקן אַש!
גאָטס רחמנות איז גרויס,
אין דער שטילער נאַכט וועט ער שיקן דיר
זײַנע צוויי מלאָכים ווײַסע —
פון תשובה, חרטה און איבערגעבעניש
צו אים...

(צום שיל-הויף געגענט זיך חופּה-מוזיק)

אומגעדולדיקע שטימען אין פּאָליש.

— גיב, הונט, די האַנט צום רינג...
די כלה גײט שוין צו דער חופּה...
— מיר צעשפּאַלטן די נעסט
פון די זינדיקע געדאַנקען...

ז י נ ד י ק ע ר.

(ראַנגלט זיך)

לאָזט מיך, לאָזט מיך גיין פון אייך...
אונטערגעאַנגען איז מיין טאָג...
מיך רופט די נאכט...
הערט די פידל, זי באַוויינט מיך —
מיך באַקלאָגט עס די פלייט...

(ראַנגלט זיך פעסטער)

ניין — ניין —

מ ש ו ג ע נ ע ר.

(אָפּשטופּנדיק דעם עולם)

לאָזט צו!

(נעמט די קייט)

ברודער, מ י ר גיב די האנט!

(זינדיקער איבעראשט — טוט עס).

(פ אָ ר ה א נ ג).

# צווייטער אַקט

(נאָך מעריב. אויפן שול-הויף ברענט טונקל איין איינציקער לאַמטער. ביים רויט-שטראַלנדיקן שיין באַמערקן זיך שאָטן פון מענער און ווייבער).

ד ר יי  ג ב א י ט ע ס .

(קומען אַראָפּ פון דער ווייבערישער שול, זוכן מיט די אויגן דעם זינדיקן, באַמערקן אים; בלייבן דאָך שטיין, דערזעענדיק דעם ערשטן און צווייטן באַלעבאָס, וואָס קומען אַראָפּ פון די בית-המדרש טרעפּ)

מ ש ו נ ע נ ע ר .

(נעמט אַרויס פון נישע זיין געלעגער און בעט זיך אויס אויף דער באַנק פאַר דער וואַנט)

ז י נ ד י ק ע ר .

(נאָענט צום פאָדערגרונט, אויף דער גאַנצער לענג פון דער אויסגעצויגענער קייט, ציטערט)

ע ר ש ט ע ר  ב א ל ע ב אָ ס .

(ווילנדיק צוגיין צום זינדיקן)

פושע ישראל!

צ ו ו י י ט ע ר  ב א ל ע ב אָ ס .

(ציט אים אַוועק)

מ'הערט נישט שפּילן;

מ'מוז שוין זיצן ביי דער סעודה.

(ביידע אָפּ).

## די דריי גבאיטעס.

(גייען נאָך, איינע נאָך דער אַנדערער, אויסשפּייענדיק ביים פאַר-
ביינגיין צום זינדיקערס זייט)

משוגענער.

(זיך אויסדרייענדיק צום זינדיקן)

ציטערסט?

זינדיקער.

ס׳ריזלט א קעלט דורך די גלידער.
די האָר שטעלן זיך, ווי שלאַנגען קאפּויר.
און די וווּרצלען שטעכן, שטעכן —
(ווישט זיך פּנים און שטערן)
די נשמה טריפט מיר אויס,
טראָפּנזווייז, טראָפּנזווייז —

(אין שול-הויף מערן זיך די שאָטן. קומען זיך צוזאַמען, סוידען זיך, צעגייען זיך, געגנען זיך צום פאַליש, שטעלן זיך אָפּ. גייען צוריק. קענטיק אַז זיי וואַרטן נאָך אויף עפּעס אָדער עמעצן, אום עטוואָס אויסצופירן)

זינדיקער.

(מיט די לעצטע קרעפטן אויסציענדיק די קויט, ווי אמווייטסטן פון די שאָטן, צום משוגענעם:)

דיך שרעקן זיי נישט?

משוגענער.

(וואָס האָט געוואָלט זיך לייגן, זעצט זיך; נאָך א קליינער פּויזע, גלייכגילטיק)

לויפן מיר נאָך; כ׳בין אַנדערש...
קומט ווער אונטער, רייסט א לאַפּן
מיר פון מלבוש, צי פון העמד,
זייער שאָדן; גיבן אַנדערעם —
אַ, זיי שרעקן זיך פאַר „נאַקיט״...

ז י נ ד י ק ע ר.

און אַז זיי שלאָגן?
רירן זיך צו צום לייב מיט ברודיקע הענט.
אַלטע ווייבער מיט שמוציקע נעגל! —
אָדער די בליקן, ווי די עגבער,
בויערן דיר אין טיפן האַרץ...

מ ש ו ג ע נ ע ר.

כ'שטעל מיך אָפּ; אַנטלויפן זיי...
נ אָ ר נ י ש ט ש ר ע ק ט ...

ז י נ ד י ק ע ר.

נאָר נישט?...

מ ש ו ג ע נ ע ר.

נישט מיין לייב, נישט מיין נשמה...
א י ך בין שוין לאַנג נישט א י ך ...

ז י נ ד י ק ע ר.

דו — נישט דו?

מ ש ו ג ע נ ע ר.

כ'האָב מיך אַמאָל צום הימל פאַרבענקט...
כ'גיי פאַרביי דעם טייך אַמאָל...
ווו דו פלעגסט שפּאַצירן גיין...
וויגט ער, וויגט א הימל אין שויס,
מיט לאַכנדיקע שטערנדלעך...
בוך! ברביהם פישער — נאָך!
כאַ־כאַ־כאַ! — זיי זוכן אין שליים
איך וויג מיך אין הימל, וויג מיך און לאַך,
זע ווי זיי שלעפּן א פיגר א פרעמדן
כאַ־כאַ־כאַ!

(די שאָטן און דער שלאָסער, אויף ווערלכן זיי האָבן געוואַרט, קומען
אין פּאָליש אַריין)

## באלעבאטים.

שלייף, מייסטער, שלייף,
ברעכט די קייט!
(אַז דער שלאָסער טוט עס, צום משוגענעם)
א האַנט זאָל וואשן א האַנט!
און דו וועסט באפרייען אונדז
פון ר' ברכיהן, פון דעם רייבער
און פון רב, זיין אונטערשטיצער
פאַר רח"ש און יום־טוב־געלט.
ר'האָט אונדז צוגענומען אַלץ —

### איינער.

אויסגעדונגען מיר די מיל...

### צווייטער.

אויסגעריסן מיר די פאַכט...

### דריטער.

מיר דעם טייך אַוועקגענומען...

### פערטער.

מיר — די שבת־שענק...
מיט די זין, מיט די איידעמס
שלינגט ער איין די וועלט.
(איינער ביים אַנדערן אויסכאַפּנדיק):
— און דעם כבוד פון דער תורה!
— די הוצאות און הכנסות!
— חתן תורה און בראשית!
— און ד'עליות, און די שטעט
פון די ביידע מיזרח־ווענט —

### ווייבער שטימען.

— און אין ווייבער־שול — די פענצטער...
— ווו א פאַרהאַנג, ווו א קראַטע,

— ווו מען הערט א וואָרט פון שיל!
— פאַרן ווייב און פאַר די טעכטער,
פאַר אראָפּגעברענגטע שנירן!
— סאַמעט, אַטלעס, זיידנצייג,
גאָלד און זילבערינע פליסן;
בריסטן־טיכער, שטערנטיכער,
און באהאַנגענע מיט שטיינער, — —
און פאַרשעמען אונדזער דלות,
און פאַרשווארצן אונדזער יחוס
ד׳אויפגעקומענע, די שטאָלצע...

## ב אַ ל ע ב אַ ט י ם.

— ער צעוואַקסט זיך אינעם שטעטל
און צעשפּרייט זיך, און צעגיסט זיך.
ווי אַ ראָשצינע אין מילטער —
— און מיר ווערן איינגעשרימפּן,
איינגעצויגן, אָפּגעשטויסן,
און דער אַלטער רב, דער שיצט אים...
„דער דין אזוי! דער דין אזוי!״
— וועל׳מיר מאַכן דיך פאַר רב:
אויף דער גרויסער שטול דיך זעצן,
און דעם שענצטן מאַנטל געבן,
און דאָס רייכסטע שטריימל שענקען,
מיט די לענגסטע זילבער־האָר...
און אַ נייע קלויז דיר בויען,
נייע ספרי תורות שרייבן
אויף דער פּיינסטער הירשן־פעל...

## וו יי ב ע ר.

און מיר אַלע, און די טעכטער,
און די שנירן — וועל׳מיר נייען
רויטע מענטעלעך פון סאַמעט,
און באַשפּיגן גאָלד און זילבער,

## באלעבאטים.

און באהענגען זילבער טרעסן;
און מיט קרוינען, פיין פארגאָלדטע...
און די גלעקלעך וועלן קלינגען,
און דו וועסט כיבודים טיילן...
דו פארגעס נאָר ברכיהם טאָכטער...

## וייבער.

וועל'מיר געבן דיר די שענסטע
און די רייכסטע פאַר אַ כלה,
ווילסטו — באַלד אַ חופה שטעלן? —
פון דער חתונה די קלעזמער
ביי די האָר וועל'מיר שלעפּן,
און דאָס רביל — ביי דער באָרד — —

(בלייבן פלוצלינג שטיל, רוקן זיך אָפּ אויסער דעם שלאָסער, וואָס שלייפט אַלץ ווייטער, צו די ווענט אויס שרעק פאַר ניי-אָנגעקומענע)

## בעלי־מלאכות.

פייל, פייל.
אויף אונדזער חשבון פייל,
זאָל אַ האַנט ד'צווייטע וואַשן,
דו וועסט אונדז די יאָך צעברעכן,
מבטל וועסטו זיין די פאַכט;
פלייש נישט ביינער ווילן מיר עסן, —
מתיר מאַכן שחיטת חוץ —
הייוון — פריי און שבת־שענק!
הפקר איז דער טייך מיט פיש!
און מיר רייסן אויף די שפייכלער
מיטן קאָרן, מיט די ווייצן!
דו וועסט לאָזן, דו וועסט הייסן,
וועל'מיר עסן ברויט צו זעט...

(טרעטן אָפּ פאַר ניי-אָנגעקומענע)

# קלויזניקעס.

פּייל, מייסטער פּייל,
אויף אונדזער חשבון פּייל!
אַ האַנט וואַשט אַ האַנט:
וועל׳מיר אים פון קייט באַפרייען
וועט ער אונדז דאָך איבערגעבן
די צירופים, די השבעות,
און באַפרייען אונדז די הערצער
פון דער נאָגנדיקער בענקשאַפט,
פון דער דריקנדיקער נויט — —
פון דער שרעק, וואָס האָט קיין נאָמען,
זויגט דאָס בלוט אַרויס פון לייב,
ציט די קליי אַרויס פון ביינער
און פאַרברענט אונדז די געהירן
גאַנצע נעכט אין קאַלטן קלויז,
מ׳זאַפּט נאָר שוואַרצע שאָטן איין,
מ׳הערט נאָר ס׳קלאָגן פון די ווינטן!
און אין דרויסן, אינעם פרייען,
אין די שטומע, טויבע הייזער,
אין די טיר־און־טויער פאַרמאַכטע,
אין די בעטן — שלאָפן ווייבער,
שלאָפן מיידן, אין די נעצן
פון געקרייזלטע־לאַנגע האָר,
אָדער פייער־פלאַמענדיקע...
אין די היציקע חלומות...
שטרעקן נאַקעטע פיס אַרויס,
נאַק׳טע הענט, נאַק׳טע העלדזער...
שווערער אָטעם, רונדע בריסטן...
אָ, באַפריי אונדז פון דער בענקשאַפט,
פונעם פייער, פונעם שוואַרצן!
זאָלן רוחות, שדים ברענגען
אין די העמדער פון די בעטן!
מיר פאַרקויפן די נשמות — — —

## קצבים.

(לויפן אַן, שטופּן יעגע אָפּ)

שלייף, מייסטער, אונדזער חשבון! —
וועל'מיר גיין מיט די טאָרבעס;
טריפה מאַכן זיי די אָקסן —

## זינדיקער.

(רחמים בעטנדיק)

גייט... גייט,
ווערעמלעך־אויגן גליען אונטער אָקסן־שטערן.

(מיט עקל)

מיך שטיקט דער דונסט פון אייערע לייבער,
אייער אָטעם שטיקט...

(טאָן־ענדערונג)

לאָזט מיך אויף דער קייט —
טוט, וואָס איר ווילט אַליין!

## באַלעבאַטים.

וואָס מיר ווילן? גוט געהייסן!
אויף דער חתונה צוריק!
צו דער סעודה, צו דער גרויסער!
וועל'מיר פרעסן, וועל'מיר זויפן!
און פאַרשיכורט, אַלץ צעברעכן,
אַלץ וואָס גלאָז און וואָס קריסטאַל,
און וואָס זילבער איז און גאָלד...

(אָפּ).

## בעלי־מלאכות.

קומט נאָר פרעסן, קומט נאָר זויפן!
און פאַרשיכורט וועל'מיר שיקן
נ'רויטן האָן, נ'רויטן האָן!
זאָל ער זיינע רויטע פליגל
שטרעקן אויס און צעשפּרייטן

איבער ברכיהם פּילע שפּייכלער,
איבער קלייטן! איבער שענקען...
זאָל אים לייכטן! רויט זאָל ברענען
ווי אַ מאָל צום נייעם חודש —
(אָפּ).

## קלויזניקעס.

וועל׳מיר טרינקען, וועל׳מיר זויפן
און צו כלה־טאַנץ דערנאָכטן!
כלה טאַנץ! כלה טאַנץ!
— כלה, כלה גיב די האַנט,
אָן אַ טיכל, כ׳ריים עס אויס!
— גיב די האַנט, די ווייסע האַנט
ווילסט נישט? נעם איך מיט געוואַלט —
— טאַנצן קום — טאַנצן קום!
— כ׳וועל זי האַלדזן, כ׳וועל זי דריקן
צו דעם האַרץ צום ברענענדיקן!
— כ׳וועל זי כאַפּן אויף די אַקסל
ביי די מאַרמאָר־ווייסע הענטלעך,
און אַ שפּרונג טון דורכן פענצטער,
נ׳נאַם אַרויס, אין נאַכט אריין!
(אָפּ).

## קצבים.

וועל׳מיר טרינקען, וועל׳מיר זויפן,
און פאַרשיכורט, וועל׳מיר שאַרפן
שאַרפן, שאַרפן ברייטע מעסער,
פאַר די בייכער פון שוחטים!
(אָפּ).

## זינדיקער.

(צ:ם שלאָסער)

שלייף, שלייף, ענדיק דיין זאַך!

### שלאסער.

אויף וועמעס חשבון?

(אפּ)․

### זינדיקער.

(באַפּט די אייגגעשלייפטע רינג פון דער קייט, וויל זי איבעררייסן, פרובט מיט הענט און ציין)

ווען עטוואָס קראַפּט!
קיין הענט, קיין ציין —
עס האָט געבליט אַ רויז אין האַרץ!
כ'בין אַ נאַכטיגאַל געווען,
אַ ניי פרילינגס-ליד געזונגען —
און אַ קעניג אין מאַנטל אין קרוין —

(אַז די קייט גיט נישט נאָך)

הילף, הילף —

(צו דער באַנק צו)

שלאָפסט? —
כ'האָב מורא העכער צו רופן, —
ס'וועלן זיך שאָטן פאַרזאַמלען —

(פּייזע. אויפן געזימס פון דער שיל-ט״ר באַוויזט זיך אַ שווארצע קאַץ)

ווער ביסטו?
קומסט פון דאָרט?
נאָך מיין נשמה קומסטו?
געקומען די צייט?
כ'האָב זי פאַרקויפט?
האָב איך דאָרט אַ הויכע,
אַ קעניגלעך-שטאָלצע פאַרקויפט!
און האָב אַ דערנידערטע,
צעטראָטענע, באַשפּיגענע —

(מיט שטייגנדער שרעק)

כ'קען פון דיר קיין אויג נישט ווענדן,
כישופסט ווי אַ שלאַנג די נשמה אין מיר,

ווי אַ פייגעלע צאַפּלט זי
און פאַרשטאַרט אין מיר —
לאָז מיך,
כ'קען דאָך, אַ געבונדענער,
פאַר דיר נישט אַנטלויפן —
ווער דו ביסט, רחמנות האָב,
ברענסט מיר די געהירן אויס
מיט דיין בליק, די נשמה
זויגסטו מיר מיט די אויגן אויס —
כ'שרעק מיך פאַר דיר,
כ'פאַל פאַר דיר אין שטויב אויפן פּנים,
כ'שטרעק מיך אויס — — —

(טוט עס)

ר' ב.

(גייענדיק צו חצות, מיט גרויס רחמנות)

אַזוי, אַזוי — אין שטויב פאַר גאָט!
פאַר זיין ליבן נאָמען אין שטויב;
ער וועט שטרעקן אויס זיין אָרעם
און הייבן דיך —.
און איך וועל געדענקען דיך
און ביי חצות דערמאָנען דיך...

(צו די בית-המדרש טרעפּ)

(פאָרהאַנג)

# דריטער אַקט

חצות-צייט. אין דער לופט צעטערט דאָס געבעט: דייטלעך, נאָר פון אַ זייער קליינעם עולם, אין שול; אַלס געדרויש פון א גרעסערן עולם — פון בית-המדרש. פון צייט צו צייט פאַלן אַריין אין גע-בעט איינצעלנע הילכיקע און שאַרפע טענער פון אן איבערמיטיקער חתונה-מוזיק.

(משוגענער ליגט אויפן געלעגער; זינדיקער רייסט די קייט אויפן געשליפענעם אָרט מיט הענט און ציין, בלייבט מיד)

זינדיקער.

אזוי אָן קראַפט,
און צו דער העכסטער קראַפט
אזוי ענלעך!
(משוגענער זעצט זיך נייגעריק אויף)
אידייען —
פינצטערע וועלטן צו שטורמען;
חלומות —
נייע, זונשטראַלנדיקע,
מיט געזאַנג באַגאַסענע
בליהענדיקע וועלטן צו באַשאַפן?
און פון איין-מאָל געשעענעם —
אויף דער קייט!
שלאָגן צום הארץ
וואָלן צעפלאַסן געבעט —
נשמות און הערצער צעגאָסענע,
העלפן קען איך נישט —
און זענען אנטפלעקט מיר די סודות פון דער נאכט
די גרייל, וואָס רייסן זיך פון איר שויס,

פיל דאָס װאַרעמקייט פון בלוט, איידער ס'װערט פאַרגאָסן,
שלאָגן זיך מיר אין די אויגן אָפּ די פלאַמען,
איידער מ'האָט זיי ארויסגעשיקט —
איך שווייג!

(דער פּאַרשפּעקטיקטער ייד גייט אין שול אריין צו חצות. קומענדיק פאַרביי דעם זינדיקן, שפּייט ער אויס)

זינדיקער.

שפּייסט אויף גאָט!

(דער ייד דערשראָקן, אָפּ)

משוגענער.

(זיך אויפזעצנדיק)

נישט הימלעך מיט גאָט:
בליצן פון קאַלטע מעסער אין די אויגן,
די גלידער — שטאַר, אין נעפּל איינגעהילט.
און געדיכטער װערט דער װאָלקן, —

(ארויסגייענדיק פון פּאָליש)

כ'גיי מיר ציילן מיינע שטערן.
כ'טרעט דיר מיין געלעגער אָפּ.

(אָפּ).

ברכיהס טאָכטער.

(קומט אָנצולויפן האַלב נאַקעט)

כ'קום צו דיר...
פון אונטער זיין היציקן אָטעם,
פון אונטער די שווייסיקע הענט —
כמעט אין העמד פון בעט ארויס...

(אַז דער זינדיקער ענטפערט נישט, דערשראָקן)

שווייגסט?
פינצטער-צאָרניג איז דיין בליק?

(טאָן-ענדערונג)

פאַרצייי!
א רגע האָב איך געלייקנט אָן דיר

צוליב דעם טאַטנס ווייסן קאָפּ,
צוליב דער מאַמעס קראַנקע האַרץ,
און מיט שאַנד און שפּאָט געשראָקן!

ז י נ ד י ק ע ר.

(אַלץ נאָך שטאַר)

גיי!

ב ר כ י ה ם ט אָ כ ט ע ר.

כ׳וועל דיך באַפרייען, —
און באַפרייטע — — —

(אַז דער זינדיקער שטויסט זי אָפּ)

שטויסט מיך אָפּ?

(פּויזע, זייער צערטלעך בעטנדיק)

כ׳בין דאָך דיין געזאַנג געווען!
כ׳בין דאָך דיין איינציקע בלום געווען!
דיין הייליקייט —

ז י נ ד י ק ע ר.

פאַרשוועכט
געוויקלט האָט זיך ארום דיין נאַקעטן האַלדז
א פרעמדע האַנט!
אין דיין אויג, אין דיין הימל־בלויען
האָט א פרעמדער זיך געטיקט!
הייליק זענען דיינע ליפּן מיר געווען,
צום בית־המקדש צוויי פאַרמאַכטע טויערן,
און דו האָסט זיי פאַר א פרעמדן
הייסן אָטעם אויפגעשלאָסן...
און איינגעזאַפּט האָסטו דורך זיי
פון א פרעמדן מענטש דעם שאָטן!
און ער וואַקסט אין דיר!
און ער וואַקסט!...

(פאַרשטעלט ס׳פּנים)

א אָפּגאָט אין מיין הייליקטום,

אין קדשי קדשים — א געץ — —

(באַפרייענדיק דאָס פּנים)

ביסט פאַרשוועכט...

ב ר כ י ה ס  ט אָ כ ט ע ר.

(לאָזט זיך פאַר אים אויף די קניען)

פאַרצייַ —

ז י נ ד י ק ע ר.

שווייג!

ווי ברענענדיקע דערנער שטעכט מיך יעדער קלאַנג!

דיין אמאָליק הייליק בילד,

פון ליכטיקע שטערן צוזאַמענגעשטעלט,

שטראַלט אין מיר —

און פון דיין פאַרשוועכטן בליק

לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן...

גיי!

ב ר כ י ה ס  ט אָ כ ט ע ר.

ווו אַהין?

כ׳בין פון מאַנס בעט אַרויס,

פון טאַטע־מאַמעס הויז אַוועק...

ז י נ ד י ק ע ר.

צום טייך, צום טייך...

פּרוּוו דיך וואַשן ריין,

פּרוּוו דיך וואַשן ריין...

ב ר כ י ה ס  ט אָ כ ט ע ר.

זיי געזונט!

(אָפּ).

ברכיה — ברכיהס ווייב, טאָכטער — שנירן און
אײדעמס — מענטשן.

— ז׳איז ערגעץ דאָ...

— כ'האָב זי לויפן געזען —

(באַלייכטן דעם פּאַליש)

— זוכט זי אין דער שיל —

— אין דער ווייבער שיל,

— צום בית המדרש ארויף!

— אויף די ביידעם זוכט!

(מענטשן צעלויפן זיך, ווו מען שיקט זיי. מענטשן מיט לאַמטערן לויפן אַהין און צוריק איבערן שיל-הויף)

(אין שיל-טיר און אויף די בית המדרש טרעפּ באַווייזן זיך חצות-יידן, ווייבער — אויף די טרעפּלעך פון דער ווייבער-שיל)

ב ר כ י ה ס ו ו י י ב .

ניב מיר מיין פּארפירטע טאָכטער אָפּ!

ב ר כ י ה .

מיין איינציקן אַפּעל פון אויג,
מיין לעצט געפיל אין הארץ,
נ'לעצטן געדאנק אין קאָפּ...

א ש ו ו ע ס ט ע ר .

ניב מיר מיין פּארפירטע שוועסטער אָפּ.

ב ר כ י ה .

אַלץ גיב איך דיר אוועק,
ניב מיר מיין טאָכטער אָפּ:
אַלע קלייטן, אַלע הייזער,
מיט די תבואות אויף די ביידעם,
מיט די רענדלעך אין די קעלער...

ב ר כ י ה ס ו ו י י ב , ט ע כ ט ע ר
א ו ן ש נ י ר ן .

— נאָ דיר, נאָ דיר אַלץ אוועק!
— גיב אונדז אונדזער שוועסטער אָפּ!
— האָסטו צירונג! — אָט א שטערן

— האָסטו אַלע ציטער־נאָדל,
— האָסטו די אוירינגלעך און קרעלן — —
— האַלדז־בענדער, פּערל... און אַבאַלן...

(אויף די בית-המדרש טרעפּ מאַכט זיך אַ ווארע׳. מען לאָזט דורך דעם רב)

ב ר כ י ה.

(צופאַלנדיק צו אים)

רבי
מיטן כוח פון אייער תורה
באַפרייט זי!
ר׳האָט זי ערגעץ דאָ באַהאַלטן;
מיט אַ כישוף זי פאַרוואַנדלט
אין עפּעס וואָס,
כ׳ווייס נישט, אין וואָס...

ש ט י מ ע ן.

(פון ווייט איבערן שיל-הויף)

— עמעץ לויפט צום טייך,
— אַ ווייסע געשטאַלט,
— אין איין העמד
— אַ פרויען געשטאַלט...

(פּויזע)

— געשווינד שיפלעך, שטריק,
— אַריינגעשפּרונגען די געשטאַלט,
— שווימט אַרויס, שווימט אַרויס,
— טיקט זיך צוריק,
— שווימט דער קאָפּ אַרויס,
— שווימען נאָך די לאַנגע האָר..

(די שטימען דערהויטערן זיך, אַלע פון פּאַליש אַפּ אויסער דעם זינדיקן)

— רידער! רידער!
— שטויסט מיט אַלע קרעפטן צו!...
— טוט אייך אויס... טוט אייך אויס —

## משוגענער.

(קומט פון שיל-הויף צוריק)

וועט זיך וויגן אינעם הימל.
מיט ד'שטערנדלעך זיך שפילן.
האָסט דאָך זי אויף דעם געשיקט...
(זעצט זיך אויף דער באַנק)
ר'איז נאָך גאָט און שווייגט!

## אויסגעלאָסענע.

(קומט אָנצולויפן)

ס'האָבן ווינטן מיך געוועקט
און פון בעט אַרויסגעריסן
אויף די פליגל מיך געטראָגן,
זינדיקער, צו דיר...
האָט אויפגעוואַכט אין מיר,
א פלאַם צו דיר אין טיפן האַרץ,
לעש מיר, זינדיקער, די פלאַם
ביי דער זינדיקער די פלאַם...

## זינדיקער.

דו ביסט ריין!
דיינע זינדיקע געדאַנקען
פליען אַרויס פון דיר,
ווערן נשמות פאַר זינדיקע זאַכן,
זיי אַנטלויפן פון דיר,
ווי שאָטן און נעפּל פאַר א ליכט,
פאַרן ערשטן מאָרגן-שטראַל,
דו בלייבסט ריין, שטענדיק ריין!

## אויסגעלאָסענע.

ניין!
נייע וועבן זיך, נייע,
ברענענדיקער, פלאַמענדיקער!

קום צו מיר, קום מיט מיר,
כ'רייס די קייט די אייזערנע,
כ'האָב די קראַפט דיך צו באַפרייען,
(רייסט איבער די געשליפענע רינג פון קייט; ציט אים צו דער
ווייבער-שיל)
קום אַרויף, אַהין אַרויף,
אויף די תחינות, אויף די תפילות,
אויף די דורכגעווייקטע בלעטער
פון אומזיסט פאַרגאָסענע טרערן, —
קום, וועקן די שטילע שיל
די צנועהדיק פאַרשטומטע שיל
מיט געשריי פון העכסטן בונט,
קרעכצן פונעם רויטסטן גליק —
(צוט אים צוריק פון די טרעפּלעך אַראָפּ צו דער שיל-טיר)
ניין, ניין, אַהער —
אָפּרייסן וועל מיר זיין פּרוכת,
פון די פרומסטע הענט געשטיקט!
שלעפּן פון ארון די תורה אַרויס,
אויף די יריעות, דאָרט, וווּ ער האָט
טיף און שענדלעך מיך באַליידיקט,
זיך געקרענקט, מיך פאַרשאָלטן,
דאָרט וועלן דיך מיינע אָרעם שטיקן,
מיין אָטעם דיך ברענען,
מיינע בריסטן דיך קילן.

זינדיקער
(ציט זיך צום שיל-הויף צו)

ניין, ניין, אַהין קום, אַהין —
יענץ הייליקייט פאַרשוועכן!
דאָרט צום טייכל, צווישן הושענות,
דאָרט צום וועלדל אויפן ברעג,
דאָרט, וווּ די באַרעמהאַרציק-הייליקע שכינה,
האָט מיך אין אירע אָרעם געוויגט,
איבער מיין פּנים געאָטעמט;

וווּ אירע הייליקע טרערן
האָבן איבער מיינע ליפּן געטריפט...
און אירע הייליק־ווייסע הענט
האָבן מיינע האָר געגלעט, — —
און לייטזעליק־הייליקע אויגן
אריינגעשטראַלט דורך מיינע
אַ הייליקע נשמה אין מיר,
אַהין קום! ס׳קדשי־קדשים פאַרשוועכן!
איבערן לייכט געשראָמפּענעם וואַסער־שפּיגל
ציטערט נאָך דער שכינהס האַרפן־קלאַנג!
צווישן די ציטרינע קנייטשן,
פון שפּיציקע הושענא־בלעטלעך
שוועבט נאָך איר הייליקער רויזן־אָטעם־דופט,
אין דער נעץ פון לבנה־ליכט
שוועבט איר ריינקייט נאָך!

(שטעלט זיך אָפּ)

כאַ־כאַ־כאַ!
מ׳ציט די שכינה פון וואַסער אַרויס,
אַראָפּגעהאַנגענע גלידער,
צוגעפּרעסט דאָס ווייסע העמד;
און די האָר אַרום לייב,
און די אויגן צוגעמאַכט, —
מיט גרינעם גראָז
מיט שליים פאַרקלעפּט,
און וואַסער, וואַסער טריפט, טריפט...
אַהין, קום, קום! —

(ציט זי ווייטער)

משוגענער.

כ׳גיי אייך נאָך!
כ׳גיי אייך נאָך!

(ענדע).

# ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק

## (א טרוים פון אַ פיבער - נאַכט)

פאָרשפיל, פיר אקטן
און עפּילאָג, אין
פערזן.

# פּערזאָנען

פון טעאַטער:

דירעקטאָר.
רעזשיסער. — מיטן סצענאַר-העפט אין דער האַנט.
לעקטאָר.
דיכטער.
וואַנדערער.

שפּילער:

„ער„ און „זי״.
נאַכט-מיידל.
זאָקנשטריקערן.
אויבם און אייער-הענדלערינס.
לאָמפּן-לעשער.
בדחן.
פּרוש
נתן-שיכור.
היימישער דיכטער.
עמעץ.
נאַכט-וועכטער.
פאַרהונגערטער אַרבעטער.
שול-שמש.
נושאים.
חברה-קדישא-שמש.

**קרעמער. ווייבער** (אויפן גאַניק) **יינגלעך** (פון קלויז) **„אַ ראָד"** **צוויי עלטערע מיידלעך**; איינע פון זיי קליינע מיידלעך. **יונגע־לייט**, אויף אַן אסיפה־אַ ליבעס־בריוו אין דער האַנט. אוילנדיק.
**דריי רעדנער.**

## פון עולם התוהו:

(געקליידעט ווי ביים לעבן)

**וואַסער־טרעגער** — מיט קאַנען אַן אַ דנאָ.
**האָלץ־העקער** — האַק און שטריק אויף די לענדן.
**צנועה** — אָרעם געקליידעט, אַן אַלטע שאַל איבערן קאָפּ.
**קרעמער** — צו די לעבעדיקע ענלעך; איילן אויף אַ יריד; פּעקלעך אין די הענט, וועגס־מאַנטלען.
**דריי באַלעבאַטים** — אַ רייכער אַ דיקער, צווישן צוויי מאָגערע אָרעמע; דער ערשטער אין מוּדי די אַנדערע — אין לאַסטינג.
**משכילים** —
**בלינדע זעצערן**
**אַרעסטאַנט אָן אַ פּוס** — מיט נאָכגעשלעפּטע קייטן.
**דורכגעשאָסענער הוזאַר** — אוניפאָרם מיט אָפּגעריסענע קנעפּ. אַ שוואַרצע ווונד אין ברוסט.
**געקעפּטער גאַרבער** — מיטן קאָפּ אין די שוואַרצע הענט.
**געהאַנגענער** — מיטן שטריק אויפן האַלדז.
**חזן** —
**געפרוירענע**
**שיל־שמש** —
**רעדנער** — צו די לעבעדיקע ענלעך.
**קדושים** —
**קלעזמער** — פון ברונען אַרויס מיט די אינסטרומענטן, וואָס זענען גלייך מיט זיי נאָס און פאַרוואַקסן, אין די הענט.
**מתים** — צווישן זיי:

**פון בית-עלמין** — פון איינצעלנע קברים, אין תכריכים.

**גרייז** —

**אַלטע און יונגע מתים** — פּרויען, מענער און קינדער. נישט לאַנג, לענגער און גאָר לאַנג געשטאָרבענע, וואָס איז צו דערקענען לויט דעם צושטאַנד פון די תכריכים.

**קינדער** — יינגלעך און מיידלעך.

**בוגרת** —

**חוקרים** —

**משכילים** —

**חסידים** —

**אַרבעטער** —

**געווערבס-לייט** —

פון אַן אַלגעמיינעם קיבר, אין געפּעכטע זעק.

**בראָדער זינגער** —

**אַ כלה** — אין די חופּה-קלײדער, פון אַ יאָר פערצן-פופצן, אונטער אַ שוואַרצע חופּה, געפירט פון שמשים, מיט געלאָשענע הבדלות אין די הענט.

**זינדיקע** — פון ערגעץ אויסערן בית-עלמין, מיט פעך אויסגעשמירט, מיט פעדערן אָנגעשטעקט.

עס שפּילן אויך מיט:

**ברונען-גײַסט** —

**ריטער, גייסטלעכע און אַ בישאָף** — שטיינבילדער.

**קלויסטער-גלאָק** —

**מאָרגנשטערן** —

**אַ בלעכענער האָן** און צו ענדּ —

**דער פייפער פון פאַבריק** —

# פאַרשפּיל




**דערקלערונג און באַשרייבונג:**

(רעכטס און לינקס דעם סופלער)

## ר ע כ ט ס :

1) די שיל. אַ נידעריקע, אַלטע גרויע מויער, האַלב-קוילעכדיקע פענצטער מיט דאָס מערסט אויסגעשלאָגענע שייבן; אונטער אַ מאָדנע אויסגעקרומטן, שינדלן דאַך, מיט אַ וועטער-פענדל אויפן שפּיץ, אין געשטאַלט פון אַ בלעכענעם האָן מיט אויסגעפּוצטע פליגל. טרעפּלעך אַראָפּ צו'ן אַ שווערן אייזערנעם טויער.

2) דאָס שיל-געסל.
3) די קלויז; דער ארויסגאנג — פון געסל. אַן אַלטע פּרייסישע וואַנט, אָפּגע-שיילט. דער דאַך — אַלט און פריש געלאַטעט — שיפּ אין מאַרק אַריין. לענגלעך פּירעקיקע פענצטער.
4) אַ חורבה. אַ שיפּער האַלבער טויער אויף איין האַקן; פענצטער מיט ברעטער פאַרשלאָגן; אַ שוואַרצער, אויבן אָפּגעהאַקטער קוימען.

## לינקס:

1) אַ שענק. אַ שילד פון ברענענדיקע לעמפּלעך: „ביז צום לעצטן גראָשן!"
2) דאָס קלויסטער-געסל.
3) אַן אַלט הויז ביים טויער — צייכן פון אַ פעלדשער-וווינונג; אַ פאַרביק לעמפּל פון רויטן קרייץ און דריי מעשענע טעלער; אַן אַריינגאַנג באַזונדער צו'ן אַ וווינונג דורך אַ הילצערן גאַניקל. דערויף אַ נייער שטאָק; גרויסע פענצטער און אַ באַלקאָן מיט שויבן-טירן.

## טיפער לינקס:

אין אַ הינטער-גאַס אַ קלויסטער. אַ מאַרמאָרנער טורעם מיט אַ גאָלדענעם קרייץ. דערביי אַ גלאָק-טורעם. ביידע טורעמס הייבן זיך איבערן מאַרק, וואַרפן זייער צוזאַמענגעגאָסענעם שאָטן קווער איבערן מאַרק ביז צום אַריינגאַנג פון שיל.

## אין הינטערגרונט:

1) אַ געסל וואָס שניידט דורך דעם הינטערגרונט און טיילט אים אויף צווייען. אין געסל — רעכטס און לינקס — קלייטן.

## רעכטס צום געסל:

2) אַן אַלט הויפּל מיט אַ שטאָק. אַרום שטאָט לויפט אַ הילצערנער גאַניק, וואָס קרעכצט ביי יעדן טריט. די טרעפּ אויפן גאַניק אַרויף — דירעקט פון מאַרק. אין דער טיף פון גאַניק — פענצטער און אַ הייזל מיט טירן אין וווינונגען אַריין. אונטערן גאַניק — קלייטן.

## טיפער רעכטס:

אַ געסל צו'ן אַ פאַבריק, וואָס הייבט זיך מיטן רויטן, פיל קוימענדיקן דאַך איבערן מאַרק.

## ל י נ ק ס :

דאָס מאַגיסטראַט מיט אַ זייגער-טורעם. אין די נישן פון דער מאַגיסטראַט-מויער — שטיינבילדער פון אַלט-פּוילישע ריטער און גייסטלעכע. אַן זייגער-טורעם אָנגעשפּאַרט — אַ בישאָף מיט קרייץ און שווערד, וואָס קוקט שטרענג אַראָפּ צום מאַרק.

## א י ן מ י ט מ אַ ר ק :

אַן אַלטער האַלב-פאַרשיטער ברונעם; פריש אַרומגעצוימט. דערביי — אַ ב ר ו נ ע ן - ג ע ץ , אַן אַלטער פאַרגרינטער שטיין, וואָס שטעלט פאָר אַן אומגעהייער — האַלב מאַן, האַלב פרוי, מיט איין האָר; אויף דער מענלעכער זייט.

## ג ע ש פּ י ל ט ו ו ע ר ט —

פון זון-אונטערגאַנג ביז אויפגאַנג ווערנד אַ הערבסט-נאַכט. —

# שמאָלע כצענע

(די קורטינע אין הינטערגרונט באַשטייט פון שוואַרצע גאַזן און ווערט וואָס אַמאָל דינער אַזוי, דאָס צו ענדע פון פאָרשפּיל אַנט-פּלעקט זיך די גאַנצע סצענע).

(פון קעגנאיבער-ווינקל קומען: פון איין זייט — דירעקטאָר, פון דער צווייטער — רעזשיסער און הינטער אים — לעקטאָר.)

**דירעקטאָר.**

(צום רעזשיסער)

פּאַרטיק?

**רעזשיסער.**

באַלד זיין;
מען צוימט נאָר דעם ברונעם אַרום.

**לעקטאָר.**

ווו אומגעקומען אַמאָל
עס זענען די שיכורע קלעזמער...
און דער געץ, וואָס האָט געבישופּט
און אין ברונען אַריינגעצויגן?

**רעזשיסער.**

שוין אויפגעשטעלט...
פון גרינעם שטיין אַן אומגעהייער,
האַלב מאַן, האַלב ווייב, מיט אַ האָרן
אויף דער מענלעכער זייט...

לעקטאָר.

פון פאַר שיל און קלויסטער
אַ לאַנג פאַרגעסענער גאָט...

דירעקטאָר.

און וועט זיך וועקן און גיסן...

רעזשיסער.

אַ רויט שנירל וואַסער פון מויל
ווי ביי'ן אַ קו, וואָס הייבט דעם קאָפּ,
אין מיטן טרונק פאַרטראַכט...
און פון ד'אויגן וועט
שטראַלן אויס אַ צויבער־קרייז
אַ רויטלעך־געיעג ליכט אַרום, —
ווי דער דיכטער וויל...

דירעקטאָר.

(צום לעקטאָר)

דו רעדסט פאַר יעדן אַקט,
אָבער — קורץ און שאַרף!

רעזשיסער.

אַנישט, — קורטינע אויפן קאָפּ!

דירעקטאָר.

פאַרן ערשטן — וועגן דער סצענע,
באַשרייבן די וויכטיקע שטעלן...
(צום רעזשיסער)
דו וועסט זיי באַלייכטן...

לעקטאָר.

און וועגן סיוזשעט?

ד י ר ע ק ט אָ ר.

רעדט דער פּראָפעסאָר אַליין.
אָט גייט ער...

(דיכטער קומט אָן)

ל ע ק ט אָ ר.

א בלאַסער,
פלעמלעך אין אויגן שוואַרץ,
די רעכטע איבערן האַרץ...

ד י ר ע ק ט אָ ר.

זעט נישט קיינעם...

(אָפּ. פאַרדראָסן)

ל ע ק ט אָ ר.

פאַרטראַכט...

(צום פּובליקום)

דאָס האָט ער דאָס שטיק געמאַכט,
וויל עפּעס זאָגן...

ד י כ ט ע ר.

(אין דער מיט אַריינגעקומען, פאַרנייגט זיך עטוואָס לינקיש פאַרן פּובליקום)

א טרוים פון א פיבער־נאַכט,
אויף א זומפּ, וואָס וויל נישט טראָגן
שטייט דאָס קראַנקן־בעט,
עס וואַכט
דאָס טויט־צעשראָקענע האַרץ...
פון ערגעץ העט,
פון סטעפּן שוואַרץ,
פון נאַכט־באַגאָסענע פעלדער
און וועלדער,
קומען

מענער ווילדע געשוואומען...
ווילדע, בלוט־דורשטיקע חיות ברומען,
טייוול־געלעכטער, מתים־געשפעט...
און ווייטע מיראזשן־פלעמלעך,
ווו הינטישע שוועמלעך,
טאנצן ארום, לעשן זיך, וועקן
און שרעקן...
און אין דער הייך —
א הימל־בלייך,
טויב־שטום אויסגעצויגן...
אָן א שימער, אָן א ליכטיקן צאפל...
אָן א שווארצן אפעל,
א ווייסל פון בלינדע אויגן...
קיינער וואכט,
א טויב־שטומע פיבער נאכט!
און א וואנזיניקער ליץ
פלעכט צופוסנס אן אלטן נעץ
א נעץ
פון שאָטן און שטראלן...

(צעגייט זיך, באוועגט, אהין און צוריק)

שאָטן פון פארגאנגענעם,
קוים איבערגעלעבטע קוואלן...
און שטראלן
ווערן אריינגעהאָבטן
פון נאָך אין נעץ נישט געפאנגענעם,
פון קוים געהאָפטן...
פרעגט דאָס הארץ אין שטילער פיין:
„געווען", „וועט קומען", ווו איז זיין?
ווען קומט זיין פאָדעם אריין אין געפלעכט?
ענטפערט ווער אין פיבער־נעכט?
דער שאקאל, די היענע...

(צוגעקומען צו'ן א ווינקל, אומגערעכט — אפ)

## רעזשיסער.

שטארק!

(דעם לעקטאָר וועקנדיק)

די סצענע...

(אָפּ).

## לעקטאָר.

אן אלטער מארק,
אָט, דאָס א מאַגיסטראַט.

(דאָס מאַגיסטראַט ווערט באַלויכטן)

אין די נישן פון פאַסאַד
שטיינבילדער: אַלערליי
פּריצים אַלטע; גלחים צוויי,
פרום און פאַרקלערט;
און אין דער הייך, ווי איר זעט,
ביים זייגער־טורעם (דער זייגער שטייט — )
א בישאָף מיט קרייץ און שווערט,
די האַנט געשטרעקט און געהויבן
גרייט צו קעמפן פאַרן גלויבן...
מיטן קרייץ בענטשט ער, מיטן שווערט שטויסט ער...
אין הינטער־גאַס, טיפער לינקס — א קלויסטער,

(קלויסטער ווערט באַלויכטן)

דעם גאַנצן מארק איבערבליקט ער,
לייטזעליק שטאָלץ, צושמייכלט האָלד.
מיט מאַרמאָר־ווייס און צילם־גאָלד,
און זיין לאַנגן שאָטן שיקט ער
איבערן מארק געשפרייט,
ביז צו דער שיל אין רעכטער זייט...

(עס ווערט באַלייכט די שיל)

א שיל, ווי אלע שילן,
קוקט אויף צעשלאָגענע שבאָקולן...
אן אלטע מויער,
איינגעהילט אין טרויער,

אויסגענעצט פון טרערן...
אונטערן אייגענעם דאך, דעם שווערן,
געדריקט... און קוקט צעשראָקן
צום קלויסטער: זע, איך פאַרנעם אַ בראָקן
אָן פאַרבן, אָן קלאַנגען;
טרעפּ־אַראָפּ ווערט צו מיר געגאַנגען...
דו — זיי גרוים! זיי בליצנדיק און העל!
נאָר נעם דיין שאָטן צו פון מיין שוועל,
ער ציט מיר די נשמה אַרויס...

(די קלויז ווערט באַלויכטן)

אַ פרייליכער דלות די קלויז...
אַלט, שיט זיך, פאַלט צוזאַמען,
און גרויסע פענצטער פלאַמען!
יינגלעך, תורה־לערנער זיצן —
בלאַסע בעקעלעך,
שוואַרצע לעקעלעך!
בליצן
די הנעוודיקע אייגעלעך...
זינגען די ווי פייגעלעך!
קלינגען ווי די גלעקעלעך...

ר ע ז ש י ס ע ר.

(באַווייזט זיך אין ווינקל ברומענדיק)

שבּעט!

ל ע ק ט אָ ר.

(וויל רייץ ענדיקן, דערהערט טרים אומרואיק)

אָבער עמעץ גייט...

(וואַנדערער באַווייזט זיך, מיד און זייער לאַנגזאַם)

גאַנץ אומבאַקאַנט...

ר ע ז ש י ס ע ר.

(דורכוואַרפנדיק זיין העפט)

אין סצענאַר נישט דערמאָנט...

### ל ע ק ט א ר.

(דעם וואַנדערער מיט שטויגען באַטראַכטנדיק)

טרעט,
פיקסירט די לופט, די לערע;
רוק־זאַק, וועגס־קליידער שווערע...
דער שטאַק מיט וועלקע רויזן געצירט,
גייט און פאַרלירט
די בלעטלעך אינעם גאַנג...
די ליפּן פאַרבּיסן...

### ר ע ז ש י ס ע ר.

כ'גיי, טון צו ווסן...
(אָפּ).

אַרום זיי דער שמייכל — קראַנק,
יונגע אויגן קוקן באַנג
פון אונטערן גערונצלטן שטערן...
(פויזע, דערהערט רייד)
עפּעס רעדט ער, לאָמיר הערן!

### וו א נ ד ע ר ע ר.

(זיך אומקוקנדיק)

דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן
די זעלבע ערד...
און דאָס אויער הערט
און ווערט נישט פול פון הערן,
דאָס אויג — פון זען נישט זאַט...
נישט ליניען־ און פאַרבן־מיד...
דאָס נאָענטע טרייבט, דאָס ווייטע ציט
אַלץ מער, אַלץ מער...
פיס ווערן מאַט...
דער רוק־זאַק — שווער...

(הייבט אָן אָפּצושנאַלן)

און עס דריקן די געוועגדער
מיטן שטויב פון וועגן און לענדער
אין די נעט, אין געוועב...

(זעצט זיך ביי דער שול-מויער)

שוועב צו, נאכט, שוועב!
דיין שאָטן איז ווייך,
דיין אָטעם — לינד...
איך קום, פרעג נישט פון וואנען...
און איידער דיין שאָטן צערינט,
גיי איך פון דאנען.
ווו אהין? נישט פרעג...
אפשר ווייסט ווער אין דער הייך...
איך פון מיין לאנגן וועג
בין עלטער געוואָרן, נישט קליגער...
כ'גיי שוין לאנג, זייער לאנג
מיט דער זון; פון אויף ביז אונטערגאנג...
אין ערגעץ קיין פרעמדער און קיין היגער...
געטריבן פון אומבאקאנטן יעגער,
וואָס טרייבט אלע און מיך נאָך שנעלער...
רו איך, טרוים איך אויף א פרעמדן געלעגער,
און ווערט עטוואָס העלער,
פון בעט ארויס!...
נאכט, לאָז רוען אין דיין שויס...
איך וויל נישט אריין אין שטאָט...
איך קען זיך; דאָ, אין דיין גענאָד,
שפין א טרוים מיר אויס,
שטיל פארוויג דאָס מידע הארץ...
שפין גרוי, שפין שווארץ,
שפין רויט...
קענסט אויך די פארבן מישן,
צוזאמען וועבן...
נאָר שפין! שפין פון לעבן,
שפין פון טויט
און פון צווישן...

(שלאָפט איין. די גאַנץ-פאָרהאַנג איז שוין אַזוי דין, אַז מען זעט בולט דעם גאַנצן מאַרק, מיט אַלע פּערזאָנען, וואָס שפּילן אין אָנ-פאַנגס. די שיל איז פינצטער, די קלויז — העל באַליכטי בליץ-לאָמפּן ברענען רויִיק אין דער טיפעניש פון די קלייטן אין אַלטן היופל. ק ר ע מ ע ר שטייען גרייט, די לאָמפּן צו לעשן, צו פאַר-מאַכן, אויפן הילצערנעם גאַניק, אין דער הייך פון היופל, זיצן ווייבער פאַרקוקטע; מאַנכע צו דער קלויז, אַנדערע אַראָפּ צו די מיידלעך, וואָס שטייען אין מאַרק אין אַן אומבאַוועגלעכן ראָד, נאָך אַנדערע — אַרונטער, צו די קלייטן, הינטער די ווייבער זעען זיך די פענצטערלעך צו די וווינונגען — רויט, ווי אָנגעצונדענע אויגן. אין געסל פון הינטערגרונט, נענטער צום מאַרק, שטייען צוויי ע ל ט ע ר ע מ י י ד ל ע ך. איינע פון זיי — מיט אַ בריוו אין דער האַנט ביי דער פלאַם פון אַ לאַמטער. טיפער הינטער זיי — דער ל אָ מ פּ ן - ל ע ש ע ר מיט זיין אינסטרומענט, גרייט צו-צוטרעטן צו זיין אַרבעט. דאָס מאַגיסטראַט — פון אינעווייניק פאַרלאָדנט. אַרום די לאָדן-שפּאַלטן ציטערט אַ רעגנבויגן פאַרביק-ליכט. אין מאַרק-ווינקל ביים קלויסטער - געסל — „ער“ און „זי“, געאַרעמטי גרייט אַריינצושפּאַצירן אין מאַרק אַריין. אָנגע-שפּאַרט אָן דער וואַנט, נישט ווייט פון דער שענק-טיר, קע-טיק ערשט פון דאָרט אַרויסגעקומען, שטייט דער נ אַ כ ט-וו ע כ ט ע ר גרייט צו מאַכן די רונדע, מיטן פייפערל אויף אַ קייט אַרום האַלדז. דער ג ע ץ אין מיט מאַרק — גרינלעך-טונקל. די ברוקירטע געסלעך שימערירן מיטן גלאַנציקן קוועל... די פלעמלעך אין די לאַמטערן — ציטערן ווי אין פייכטער לופט..

די פּערזאָנען, אויף זייערע ערטער צעשטעלטי וואַרטן אומ-באַוועגלעך אויף אַ צייכן, אָנצוהייבן.

ר ע ז ש י ס ע ר קומט צוריק מיט דירעקטאָר און ד י כ ט ע ר; זיי גייען צוריק אויף די נעגל.

ר ע ז ש י ס ע ר.

(אויפן וואַנדערער ווייזנדיק,

שלאָפט...

ל ע ק ט אָ ר.

ווי אין נעפּל געהילט...

וואָס אויף אַ סצענע קען געשען.

דירעקטאָר.

נעמט אים, אין איינעם...

(דירעקטאָר, לעקטאָר און רעזשיסער נעמען און טראָגן דעם וואַנ-
דערער טיפער אין קוליסן-ווינקל אַריין, איבערלאָזנדיק זיינע זאַכן)

דיכטער.

(אין פלוצלינגער אויפלייכטונג)

האָב איך, הייסט עס, איינעם
פון זיינע חלומות געזען,
און דעם וועט מען שפּילן!

(זאַמלט דעם וואַנדערערס זאַכן)

(פאָרהאַנג)

# ערשטער אַקט

(אויף דער סצענע — גערויש און באַוועגונג.

די קלויז לערנט, זינגענדיק. די שענק פּלוישט. גערויש פון דער פאַרזאַמלונג, דורך אָפענע, שטאַרק באַלויכטע פענצטער אויפן נייעם שטאָק. קרעמער שליסן די קלייטן; געקריצעריי פון אַלטע שליסלען און אַלטע שלעסער. אונטן אין שענק לעשט זיך אַ פענצטער; די זאָקנשטריקערן, קומט אַרויס, אַ זאַק אַרבעטנדיק, און שטעלט זיך ביי'ן אַ לאַמטערן, צו וועלכן זי היבט אָפּט דעם זאַק, קאָנטראָלירנדיק, צי זי פאַרלאָזט נישט קיין אויג. „ער" און „זי" שפּאַצירן; געאַרעמטע, קעגנזייטיק און זיך פאַרקוקט, אין דער ריכטונג צום שיל-געסל, דעם מיידלעך ראָד פאַרביי. זייער אָרט פאַרנעמט דאָס נאַכט-מיידל, וואָס שטעלט זיך ביי דער וואַנט, אויסקוקנדיק, מיט קרענקלעך בליצנדיקע, אַרומגערענדערטע אויגן, וועמען עס איז פון מאַרק; הוסט. איר פאַרביי, מיט אָפּשוי אויף איר קוקנדיק, מיט רעשטלעך נישט פאַרקויפטע סחורה אין די הענט, שלעפּן זיך מיד אין מאַרק אַריין, אין דער ריכטונג צו דער זאָקנשטריקערן צו, די אויבסט און אויער-הענדלערן. דער נאַכט-וועכטער, נישט זיכער אויף די פיס, זוכט, פאַרשלאָפן, דאָס פּויפּערל אַרום האַלדז, אויף דער רונדע צו גיין. דער לאָמפּן-לעשער היבט אָן זיין אַרבעט אין הינטערגרונט געסל; די עלטערע צוויי מיידלעך אַנטלויפן פאַר אים צו'ן אַ לאַמטער אין מאַרק. דאָס מיידלעך-ראָד באַוועגט זיך, ווי אין חלום, רונד אַרום, שטיל זומענדיק. פון פאַרזאַמלונג קומט מען אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך טריקענען פון שווייס.

איבערן גערודער הערן זיך שטימען).

---

א יונגע שטימע פון קלויז.

הני מילי, — א מוכת עץ!

א הייזעריקע פון שענק.

טרינק — באָדליעץ!

פון באַלקאָן, ארויף צו
דער פארזאמלונג.

ס'א אייזערן געזעץ!

פון א קרעמער ביי דער
קראָם.

(אַרויף צום באַלקאָן)

העץ דעם עולם, העץ!

פון א צווייטן קרעמער.

וועסט אויסגיסן דאָס באָד!

פון א ווייבל אויפן
גאַניק.

זיי וועלן פארברענען די שטאָט!

(עס ווערט שטילער; דאָס מיידל-ראָד וועקט זיך)

א מיידל.

שפילן מיר אין קעסטעלעך...

דאָס ראָד.

אין קעסטעלעך...

דאָס מיידל.

— קומט ארוים א בער...

## א צווייט מיידל.

(אַנווייזנדיק אויף „ער" און „זי", וואָס גייען פאַרביי)

— שטילער, שטילער, שוועסטערלעך,
זעט, ווער ס׳קומט אהער...

(באַוועגן זיך איינגעהאַלטענער, זומען שטילער, אויף „ער" און „זי" פאַרקוקטן; צו זיי די אויגן צוגעשפיצט)

### זי.

(פאַרחלומט)

מעבל — ווייס, ראָזע טאַפּעטן!

### ער.

(באַרימעריש)

געביטן דאַרפסטו, קינד, נישט בעטן!

### זי.

און אַן אַמפּעל?

### ער.

פון טריעסט!

### זי.

און אַ פּאַנאָגראַף פאַר געסט?
וועט נישט זיין צו טייער?

### נאכט־וועכטער.

(דאָס פייפל געפונען, די רונדע אָנהייבנדיק)

היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!

(גייט אַרום מאַרק, שלאָפנדיק אין גאַנג)

### בדחן.

(רוקנדיק זיך ביי דער וואַנט נעענטער צו דער קלויז; צום פּרוש)

ס׳איז מיר עפּעס אַראָפּ פון זינען...
כ׳האָב עפּעס אַ וויכטיק וואָרט פאַרגעסן...
צו לאַנג אין חורבה געזעסן

צווישן די שפּינען...
און כ'וואָלט מיר דערמאָנט, כ'וואָלט עס געפּינען...
אַ רגע שטיל, און ס'וואָלט מיר געראָטן.
איז פול די חורבה מיט אַלטע שאָטן,
עפּעס הייליקע אַלערליי...
עפּעס וויינען זיי, עפּעס זאָגן זיי...
און ס'ציעפּעט זיך די פלעדער־מויז,
און עס שטערט די גריל...
און דאָ — די קינדער, די קלויז...
די ווייבער אויפן גאַניק איבער דער לענג...
און די שענק...

**אַ ווייבל אויף אַ גאַניק.**

וואָס ער ביט זיך אוים...

**בדחן.**

(צום גאַניק אַרויף, זיך בעטנדיק)

זאָל זיין שטיל, איין רגע שטיל!
ס'איז דאָך אַזוי נייטיק!
און ס'איז דאָך אַ ווייטיק...

(צום פּרוש)

עס איז דאָך פּאָרט
פאַראַן אַזאַ וואָרט,
אַלץ איבערצומאַכן, איבערצוקערן...

**פּרוש.**

(מיט דער האַנט צום הימל)

זיין ווערק!

(קאָנגנזייטיקער איינגעשפּאַרטער אויגן־שפּיל ביז צו קעגנזייטיקער סוגעסטיאָן; ביז ביידע ווערן אויף זייערע ערטער ווי פאַרגליווערט)

**דאָס עלטערע מיידלמיטן**
**בריוו.**

(וואָס האָט אים געענדיקט, ווייזט אים דעם צווייטן עלטערן מיידל)

זע, נאָם פון טרערן.

(קושט דעם בריוו, באַהאַלטנדיק אים אין בוזעם אַריין, מער שטאַלץ
אַלס פאַרליבט, פון בריוו ציטערנדיק)

איך בין זיין ליכטיקער שטערן...
קוקט ער מיר אין די אויגן אריין,
טרינקט ער לוסט, ווי שטארקן וויין!
רופט מיך: ליבסטע, ליבסטע דו מיין...
(פאַרבייגייענדיק דעם מוידל-ראָד)
קושט מיר די אויגן די בלויע...

א מיידל.
(אין ראָד, פאַרבליפט)

אויגן האָט זי — גרויע!
(די עלטערע מיידלעך — ראשער אָפּ אין שול-געסל. לאָמפּן-לעשער
קוקט אין מאַרק אַריין, הייבט אָן זיין ארבעט)

א מיידל.
(אין ראָד באַמערקט אים, מאַכט נאָך זיינע טריט)

טיפּ—טאָפּ! טיפּ—טאָפּ!
הילעכדיק און שווער!
ווו ער שטעלט זיך, גיט א קלאַפּ, — —
אָפּגעשטאָרבן א לאָמטער!
(קרעמער קומען זיך צוזאַמען, אין מאַרק זיך אָפּוואַרטנדיק, דאָס
נאָכט-מיידל רוקט זיך וויטער אַרויס; דער ערשט-געקומענער קרע-
מער באַמערקט זי, אויגן-שפּיל)

א ווייבל אויפן גאַניק.
(דערזעען, אומרואיק אַראָפּ צום קרעמער)

שפּעט! ס'עסן ווערט קאַלט!

קרעמער.
(פאַרשעמט)

באַלד... באַלד...
(כאַפּט אַרויס זיין מאַשן-אור, וו ל, מיכלומרשט, פאַרגלייכן מיטן
שטאָט-זייגער)

כ׳זע נישט פון ווייטן...

(צו די אָנקומענדיקע)

איר זעט?

צווייטער קרעמער.

(האָט פאַרשטאַנען, לאַכט)

אַז יענער שטאַמט
פון מלך סאָביעסקים צייטן...

ערשטער קרעמער.

(וויל נישט נאָכגעבן, מיט אַ געבעט-בליק)

מיין זיינער לויפט...

דער דריטער קרעמער.

(ראַטעווען פון פאַרלעגנהייט)

אַלטווארג אַ וואָגן פאַרקויפט!

צווייטער קרעמער.

מאָרגן — אויפן יריד?

ערשטער קרעמער.

וואָלט איך געלט געהאַט...

פּרוש.

(פון קלויז אַרויסגעקומען, זיך נישט דרייסט בעטנדיק)

נעמט מיך מיט. נעמט מיך מיט...

(מען הערט אים נישט)

פערטער קרעמער.

(צוקומענדיק, אויפן נאָכט מיידל פאַרקוקט)

אָבער — בלאָט!

אַ צווייט ווייבל פון גאַניק

אַראָפּ.

(שטרענג)

יואל!

(קרעמער צעגייען זיך; טייל — אויף די טרעפּ, צום גאַניק אַרויף)

ז אָ ק נ ש ט ר י ק ע ר ן .
קען קומען דער גואל?!

פּ ר ו ש .
זינדיק איז די וועלט, זינדיק...

ד אָ ס מ יי ד ל ר אָ ד .
(נאָך אַמאָל געוועקט)
שפּילן מיר אין קעסטעלעך,
קומט אַרויס אַן אינדיק...

ז אָ ק נ ש ט ר י ק ע ר ן .
(צו די צוגעקומענע הענדלערנס, מיט שטייגנדיקער ליידנשאַפט)
אוי, ליבע שוועסטערלעך,
פּאַרצייטנס ווען ס'פּאַסירט,
מען וואָלט זי אין באָד אריין געפירט,
אין בעך אויסגעשמירט,
אין פעדערן אויסגעצירט
פון מאַרק, פון שטאָט אַרויסגעפירט...
נעפּיפן און געשמיסן!

א ו י ב ס ־ ה ע נ ד ל ע ר ן .
איך וואָלט זי צעריסן...

א יי ע ר ־ ה ע נ ד ל ע ר ן .
(ענדיקט)
אויף שטיקער...

מ יי ד ל ע ך פ ו ן ר אָ ד .
נתן־שיכור! נתן־שיכור! נתן־שיכור!
(נתן-שיכור וואַקלט זיך אַרויס פון שענק; דורך דער אָפענער טיר
הערט זיך געזאַנג)

ה יי מ י ש ע ר ד י כ ט ע ר .
(זיין שטימע פון שענק אַרויס)
זינגט!
טרינקט!

האַלדזט אייך און קישט!
די ליבע פאַרייניגט,
דער ווייַן — דערפרישט!

טרינקער־כאָר פון
שענק אַרויס.

די ליבע פאַרייניגט,
דער וויין — דערפרישט!

היימישער דיכטער.

העכער
די בעכער!
שלאָגט אָן און קלינגט!
ווען אַז נישט איצט?
דאָ סלעבן פאַרבליצט...

(געזאַנג רייסט זיך איבער)

נתן־שיכור.

(האָט פאַרמאַכט אונטער זיך די טיר, ענדיקט)

ס'איז פאַרן טויט קיין מענטש באַשיצט...

(וואַקלט זיך, פאַלט. פאַרהונגערטער אַרבעטער, בעקומען פון הינטערגרונט געסל. וויל אים אין פאַרבייגיין אויפהייבן;)

נתן־שיכור.

(לאָזט זיך נישט)

ליג'ך...
אַזוי וויל'ך...
אויסגעשטרעקט...

פאַרהונגערטער
אַרבעטער.

(גייט אָפּ צו'ן אַ טויער, ווו ער וועט זיך זעצן אָפּרוען, צוריק־וואַרפנדיק)

שוויין!

## נתן־שיכור.

ווי זיס, ווי פיין
די בייכטלעכע ערד שמעקט...
האָניק מיט מילעך!
אָן הענט — ווי א מאַמע גלעט זי...
אָן לשון — מאַמע־לשון רעדט זי...

(די קלויז שטילט זיך דערווייל. יונגלעך האָבן די טיש- און שטענ-
דער-ליכטלעך געלאָשן. פאַרשיד:פאַרביקע פאַפירענע לאַמטערלעך
אָנגעצונדן און גייען אַרויס)

## מיידלעך.

(אויפלייזנדיק דאָס ראָד)

— קיל...
— אָן יינגלעך איז קיין שפּיל...

## יינגלעך.

(געזאַנג, פון געסל אַרויס)

וואָס איז דער מענטש? וואָס איז זיין ווערט?
אש פון דער ערד! שטויב פון דער ערד!

(שוין אין מאַרק)

היינט — אין שטוב,
מאָרגן — אין גרוב!

(פאַרשווייגן פון אַפּשיי, צוגעקומען צום גע׳ן; מיידלעך געזעגענען
זיך צו זיי פאַמעלעך און אייגציקווייז)

## א יינגל.

(אויפן גע׳ן)

אן „ער” צי א „זי”?

## א צווייט יינגל.

צוזאַמען!

## א מיידל.

איך האָב עס געהערט פון דער מאַמען...
(געזעגנט זיך, נאָך איר — אַנדערע)

ד י כ ט ע ר.
(וואָס האָט, אַרויסקומענדיק, געהערט)
די ליבע!

פ ר ו ש.
(איבערשרייענדיק)
די זינד!
בלינד!
אינערווייניק שטיקן זיך פלאַמען!

ד אָ ס ע ר ש ט ע י י נ ג ל.

כאַפּט זיך אָפּטמאָל אויף ביינאַכט,
האַלבער נאַכט...
זאַכט,
מויל און אויגן — אויפגעמאַכט...
פון מויל — אַ שנירל וואַסער פליסט
פון ד'אויגן זיך גיסט
אַ פאַרכישופט־רויטלעכער שיין...
ווערט אַרום און אַרום אַ פאַרכישופט ראָד...
און טרעט ווער גראָד
אין פאַרכישופטן ראָד אַריין,
דער וועט שוין זיין וועג נישט געפינען, —
דער קומט שוין פון זינען,
און עס ציט אים אין ברונען אַריין...
ווי ער האָט געמאַכט...
מיט די קלעזמער...

י י נ ג ל ע ך א ו ן מ י י ד ל ע ך.
נישט היינט געדאַכט!

אַ מ י י ד ל.
ז'זענען נאָך דרינען?

אַ י י נ ג ל.
אויסגעשעפּט, קיין זיכר געפינען...
אַצינד — מיט אַ צוים פאַרהיט!

## היימישער דיכטער.

(צום גאַניקל אַרויפגייענדיק)

איך האָב דערפון געמאַכט אַ ליד!
(אַרויפגעקומען, אין פויזע געשטעלט, דעקלאַמירט)
האָט איר געהערט פון שרעקלעכן פאַל
ווי ס'אי' דער קאַפּעלע, דער היגער דערגאַנגען?
האַלבער נאַכט, פון פּריצישן באַל,
פון פּריצישן באַל, פון קלויסטער־גאַס!
זענען, אָן ציצית, קלעזמער געגאַנגען:
פידל, טראָמפּייטל, פייקל און באַס...

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

גייען די קלעזמער פון פּריצישן באַל,
נסך געטרונקען, פּת־עכו"ם געגעסן,
שיכור פון תאווה, שיכור פון וויין...
ס'איז האַלבע נאַכט,
דער גען וואַכט,
נעמט ער און ציט זיי אין ברונען אַריין...

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

שפּרינגען זיי איינס נאָכן צווייטן כסדר...
(האַקט אָפּ, פון בדחן צאַרניק פיקסירט)

## אַ יינגל.

(אויפן בדחן מיט שרעק אָנווייזנדיק)

דערביי געווען?

## אַ צווייטער יינגל.

אָקעגן געגאַנגען... און אַלץ געזען...

## בדחן.

(כאַפּט צאַרניק אַרויס אַ רויטע פאַטשיילע פון בוזעם)

האָ—האָ!
קינדער זאָגן אויס פון חדר...
(יאָגט זיי, מיט דער פאַטשיילע וויִענדיק)

**א — שאַ! א — שאַ!**

(קינדער צעלויפן זיך אין הייזער, אויפן גאַניק אַרויף, מיט אַ שרעקיג צעוואָרפן געלעכטער)

ווייבער־און קרעמער־שטימען אויפן גאַניק

— אַן איינפאַלן דאַס האָט!
— אַלץ דער נעץ!
— פאַרוואָס צעברעכט מען נישט דעם גענץ?
— פאַרט אַמאָל געווען א גאָט!

לאַמפּן־לעשער.

(וואָס האָט געענדיקט זיין אַרבעט אין מאַרק, אַפּגייענדיק צום קלויסטער געסל)

— גוט נאַכט!

בדחן.

(אונטערכאַפּנדיק אין מאַרק אַריין, צום גאַניק אַרויף)

— גוט נאַכט!

(ווירקונג)

שטימען.

גוט נאַכט! גוט נאַכט! א גוטע נאַכט...

(גייען אין די שטובן אַריין; די פענצטערלעך אין פאַניק ווערן פון אינעווייניק פאַרלאָדנט)

בדחן.

(צופרידן)

אזוי איז גוט... אויגן — בלינד...

(אויף דער אַפּיטשוילע)

כ׳מאַך נאָך מיט דער כלי ווינט,
און לעש אויס אַלע שטיבער!
זאָל זיין פינצטער ווי אין גריבער!
שטיל ווי אין גריבער!

(טוט עס; ווייט קעגן עטלעכע נאָך ליכטיקע פענצטער, לעשט זיי דערמיט, וויל צוגיין נענטער צום נייעם שטאָק, לעשן די פאַרזאַמלונג; עס מיידן אים אויס, אים נישט באַמערקנדיק)

יונגע-לייט.

(וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרשטוילן פון שיל-געסל צו דער פאַר-
זאַמלונג, שנעל ריידנדיק, מיט זיך פאַרנומען)

— וועסט רעדן?
— וועגן סיים!
— איך — וועגן שקלים!
— א פאָלק, ווי א מענטש, מוז האָבן א היים!

בדחן.

(הינטער זיי, דעם שטאָק מיט דער אַפּימשוילע לעשנדיק)
אָדער א חלום!

פאַרהונגערטער
ארבעטער.

(אויפשפרינגענדיק)
זיי ווילן דען מער?!

נאכט-מיידל.

(צו די יונגעלייט, וואָס צעשטרייען זיך, צעשראָקן)
קומט מיט מיר ווער!
(אַז יענע לויפן אַפּ׳ צום באַמערקטן אַרבעטער, זיך גראָב צעשמייכלענדיק)
דו... דער שענסטער... דער בעסטער!

פאַרהונגערטער
ארבעטער.

שוועסטער,
ווי האָסטו דיך פאַרגעסן?

נאכט-מיידל.

(באַטראַכט אים; נישט גלויביק)
האָסט עפּעס צו — עסן?!

פאַרהונגערטער
ארבעטער.

(מיט אַן אָנצוגעהערעניש)
נישט אפילו וווּ צו שלאָפן...

נ אַ כ ט - מ יי ד ל.

(זיך האַרט אָפּוועגדנדיק)

אָבער שטראָפן קען ער, שטראָפן!

(גייט אין דער ריכטונג צו נתן שיכור)

פ אַ ר ה ו נ ג ע ר ט ע ר
אַ ר ב ע ט ע ר.

(מיט די פויסטן קעגן פאַבריק-דאך)

זייג! נאָג אונדז אוים אומזיסט!
וואַרף אונדז די שוועסטער אַרויס אויפן מיסט!
פאַראימוועדיס אַלעס, וואָס הייליק און טייער...

נ אַ כ ט - וו ע כ ט ע ר.

(פון גייענדיקן שלאָף געוועקט)

היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!

נ אַ כ ט - מ יי ד ל.

(רירנדיק מיט עקל נתן-שיכור)

נ ת ן - ש י כ ו ר.

(האַלב די אויגן געעפנט)

— שיינדאַלע... מיידעלע קליינס!

נ אַ כ ט - מ יי ד ל.

(ווילנדיק אים אויפהייבן, אומגעדולדיק)

אַלץ איינס!

(לאָזט אים אָפּ, אָן אָטעם)

ביסט אַזוי שווער!

נ ת ן - ש י כ ו ר.

(דערזעט זי, שרעק.)

ווער ביסטו, ווער?

(וואַרפט זיך צו דער ערד, שלאָכצט)

גלייב מיר, שיינדעלע, גלייב!
כ'קען זי נישט... קיינמאָל געזען...

בדחן.

(צום נאַכט-מיידל, טיף-באַרעמהערציק)

מיט מיר וועסט גיין?

פרוש.

(שרעק)

גאָט, דעם שטן פאַרטרייב!

(נאַכט-מיידל, פון ביידע איבערגעשראָקן, שפּרינגט אָפּ, פאַלט עמעצן, וואָס איז אַרויסגעקומען פון פעלדשער-שטוב, מיט צוויי גרויסע פלעשער מעדיצין אין ביידע הענט, אויף דער ברוסט אַרויף. ער פאַרלירט די פלעשער, וואָס פאַלן און פּלאַצן אין מאַרק. אַן אויפגעציטערט פון אַלע אַרום)

עמעץ.

אָ, קום אין מיינע אָרעם אַריין!
דיין אויג בליצט אין דער נאַכט אַריין...
הייליק שמעקט דיין לייב!
איבער דיין קאָפּ ווייסע טויבן שוועבן...

(אַז דאָס נאַכט-מיידל וויל זיך אַרויסרייסן)

בלייב אין מיינע אָרעם, בלייב!
שטיל זיך איבערגעגעבן...

(זי פעסטער אַרומקלאַמערנדיק און נישט לאָזנדיק קומען צום וואָרט)

ליפּן צום קיסן, ליפּן צום קיסן!
גאָר נישט פרעגן! וויל גאָר נישט וויסן
וויסן לעמט!
דערשראָקן און פאַרשעמט,
פּראַלט מען צוריק...
אין שטילן צופאַל איז גליק!
אין זיין פאַרבאָרגענער שוים
בליט, פלאַמט די מיסטישע רויז —
אייביקייט אין אויגנבליק!

### נאכט־מיידל.

(קוים זיך אַרויסגעריסן, עטוואָס אָפּגעשפּרונגען, אים מיט עקל באַטראַכטנדיק)

דאַר ווי אַ שפּין...
אַ שטים פון אַ גריל...
ווער ביסטו?

### עמעץ.

(זי צוריק אין די אָרעם כאַפּנדיק)

שטיל!
כ'וויים נישט, ווער איך בין,
כ'וויים נאָר, וואָס איך וויל...

(ציט זי מיט געוואַלד אין אַ טויער אַריין, וו ביידע ווערן פאַרשווונדן)

### פּרוש.

אַ גאָט, שטראָף!

(פון אונטער די פאַרלאָדנטע שטיבער, שפּינט זיך פון שטילן גע־רויש אויס אַ — )

### קריאת שמע.

שיק צו אונדזערע אויגן שלאָף,
צו אונדזערע ברעמען — דרימל,
גאָט, וואָס קיניגסט אין הימל

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

הער אויס אונדזער תפילה!
שיק אונדז חלומות זיסע, שטילע:
פון ישועות, פון נחמות...
און קומען צו דיר די נשמות,
האַלט זיי, אונטער דיין פליגל פאַרבאָרגן,
ביז מאָרגן... ביז מאָרגן...

(די קריאת שמע צערייסט זיך)

(פויזע. די שענק פאַרלאָדנט זיך פון אינעווייניק. עס בלייבט כאָר ברענען די אויפשריפט פון דער שילד. אויפן גאַניק מיט אַ נאַכט־לעמפּל, וואָס ער שטעלט אויף אַ טישל, קומט אַרויס. — )

ה י י מ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

(אין הימל פאַרקוקט, דעקלאַמירט)

אין מערב־ראַנד
שאַפט אַ פאַרבאַרגענע האַנט...

פ ר ו ש.

מיט טרויער דער הימל פאַרצויגן...

ה י י מ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

נעפּעלעך גרויע שפּינט זי,
פּעדעמלעך רויכיקע בינדט זי
נעצן, נעצן שטריקט זי...

פ ר ו ש.

אויף נשמהלעך — שטערן!
לעשן זיך הימלישע אויגן!

ה י י מ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

ציטערט די לבנה
זילבערן גאַנץ...
טריפן די שטערן
אַ גאָלדיקן גלאַנץ...

פ ר ו ש.

טרערן, טרערן!

ה י י מ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

ווייט און ברייט...

פ ר ו ש.

די קליפּה איר נעץ פאַרשפּרייט...

ה י י מ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

שטערנדלעך לעשן זיך,
שרעקן זיך, וועקן זיך...

פ ר ו ש.

ווערן פון קליפּה געפאנגען...

(אַזוי געשיט)

ה יימ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

שלאָפט־איין מארק און שטאָט!
גאָט, העלף אין דיין גענאָד!

ב ד ח ן.

(מיט באַהאַלטענער פרייד)

אונטערגאנגען! אונטערגעגאנגען!
בלינדע הייזער, שווארצע פענצטער

ה יימ י ש ע ר ד י כ ט ע ר.

א נאכט פאר געשפענסטער.

פ ר ו ש.

און פאר שגעון!

ד י כ ט ע ר.

(אָפּגייענדיק, צום בדחנס שטילער פרייד, מיטן לעמפּל)

ביז עס קרייעט נישט דער האָן,
ווערכטער, וואך!
קיין אויג פארמאך!

(אָפּ.)

פ ר ו ש.

א שוידער דורך די לופטן ציט...

(אָפּגייענדיק אין קלויז אריין)

היטער, היט!

(אָפּ.)

נ א כ ט ־ וו ע כ ט ע ר.

(וואָס איז שוין געזעסן, אָן אַ וואַנט אָנגעשפּאַרט)

כ׳קען נישט מער!

(מיט אַ בליק צו דער שול, דערנאָך צום קלויסטער)

זאָל היטן די אָדער דער!

(די שילד-אויפשריפט פון שענק לעשט זיך)

עס לעשט זיך אויך פון שענק די שילד...

(איינדרעמלענדיק)

דער קאָפּ — שווער, די ברעמען שווער...

(שנאַרכט).

ב ד ח ן .

(מיט דער פויסט צום הימל)

דיין עבענבילד!

(פ אָ ר ה א נ ג )

# צווייטער אַקט

(ערשטע פאָרהאַנג; שמאָלע סצענע)

ל ע ק ט אָ ר.

נאַכט!
פון זינען אַראָפּ אַ ליד;
ער איינער וואַכט!
וועט כּישופן דער אַלטער געץ,
אין זיין לאַנג פאַרגעסענער פּראַכט...

וועט זיין אַ שפּיל פון שאָטן־שפּריצן,
פון פיבער־קראַנקע־אויגן־בליצן!
טויט צעשראָקן איז דאָס האַרץ!

די נאַכט איז וויסט;
די נאַכט איז טויב־שטום און שוואַרץ...
פון ערגעץ אַ בייז געלעכטער שיסט, —
צאַפּלט דאָס פאַריקט־
פיבער־קראַנקע האַרץ,
אין בייזע חלומות פאַרשטריקט!
און טויט־מיד...

און פון ערגעץ קיין הילף אין דער נויט!
ערגעץ אַמאָל רויזן געבליט,
זיי וועלקן!
ליליען און נעלקן —
טויט!

מיט דער פוסט קעגן הימל געשטרעקט,
שיגעון לעסטערט, און וועקט

פון נאכט־פארשלייערטע געצעלטן
אלטע, לאנג־פארפאלענע וועלטן...
(אָפּ. צווייטע פאָרהאַנג)

ב ד ח ן.

(קניט פאַרן שלאָפנדיקן נאַכט-וועכטער, נעמט אים אראָפּ דאָס פייפערל פון האַלדז, טרעט אָפּ צום געץ צו)

עי, דו, אלטע גרויל!
עפן ד׳אויגן עפן ס׳מויל!
דיין ניריק ליכט פּלים,
דיין וואסער גים...
דער הימל — פארמאכט!
עס איז אונדזער נאכט! אונדזער נאכט!
(שטיינבילדער קומען אין שרעקיגער באַוועגונג)

א ריטער.

ער וועקט דעם געץ!

א גלח.

וועקט אומזיסט!
דער גלאָק איז גרייט!
פון אויבן שיצט זיין היליקייט!
(דער געץ וועקט זיך, טוט דעם בוזתנס ווילן)

בישאף.
(פון טורעם אַראָפּ)

עס איז די צייט פון אנטיקריסט!

ב ד ח ן.

(גרינזט, נעמט דאָס פייפערל צום מויל, בלאָזט אין אַלע פיר זייטן, אין דער לופט אַריין, צום הימל אַרויף)

מאָרגן קענסטו שטראָפן!
נאָר כל־זמן דו וועסט שלאָפן
בין איך דאָ פעלד־מארשאל!

און איך וועל פירן!
העי, פון אַלע נאַכט־קוואַרטירן,
פון פעלד און וואַלד,
פון הייל, ריץ און שפּאַלט,
פון כּף־הקל׳
קום, שאָטנדיק געזינדל,
פון טרוים,
שוים
צוזאַמענגעוועבט!
זיין ליבן נאָמענס הייליקער שווינדל...
אַלץ, וואָס טויט און גליובט, עס לעבט...
נעזונט זייט מיר און שטאַרק!
קומט צום אַלטן מאַרק, צום אַלטן מאַרק!
קומט, איך וועל קאָמאַנדירן!

א ר י ט ע ר.

(עמפּערט)

אין אונדזער לאַנד!

אַ צ ו ו י י ט ע ר.

שמאַך און שאַנד!

ב ד ח ן.

גאָטס וועלט וועל איך פירן!
לאָז איך מיך נאָר ווו אַהין דערמאָנען.
(דערזעט צווישן די געקומענע שאָטן דעם וואַסער־טרעגער)
וואָס וויל דער מיט די קאַנען?

וו אַ ס ע ר ־ ט ר ע ג ע ר.

(ווי שפּעטער אַלע שאָטן, פון בדחן פיקסירט, שטעלט זיך אָפּ)
גרויסע היצן, שטאַרקע היצן!
און אין בית־המדרש זיצן
לומדי תורה, און זיי שוויצן,
קלעפּט צום גומען זיך די צונג.
(איילט צום געץ, שטעלט אונטער דעם וואַסער־שניַרל אַ קאַן אַן אַ דנאָ)

באלד, באלד!
כ׳גיב א שפרונג!
כ׳ברענג אייך וואסער, פריש און קאלט!
כ׳וועל אייך מים־חיים געבן!

ב ד ח ן.

און משיחן דערלעבן
אינעם זכות פון פרישן טרונק!
(וואסער-טרעגער, צעשראקן אפ)

א ג ל ח.

(פארגלייזט צום הימל די אויגן)

מאך קלאר, שעפעלע ריין,
דעם איינגעשפארטן!
זאל ער נישט ווארטן,
אומזיסט נישט ווארטן,
פאטער דו מיין!

ה א ל ץ ־ ה ע ק ע ר.

(פון בדחן פיקסירט)

דער פראסט איז גרויס...
יתומ׳לעך נאקעט און בלויז;
נישט געהייצט די תלמוד־תורה...
איך זע אייער פיין און אייערע טרערן...
(שטעלט זיך האקן אין דער לופט)

באלד, באלד,
כ׳ברענג אייך האלץ, האלץ פון וואלד...
אט א שייט! נאך א שייט!
און עס וועט ווארעם ווערן!

ב ד ח ן.

און וויל דערפאר, קומט די צייט,
דעם משיחס שופר הערן!

א גלח.

(אויפגערעגט)

פאַלשע רייד, דומע רייד!
לאַנג געבלאָזן די טראָמפּייט!
לאַנג שוין אויסגעלייזט די וועלט!

צנועה.

(ווי די פּאַריקע)

נישט עס האָט זיך מיר פאַרוועלט,
חלילה!
נישט צוליב מיין מאַן אפילו
גיי איך טבילה
אין אזא נאַכט,
אין אזא קעלט...
בענטש־זשע, גאָטעניו, מיין טראַכט...
און די לענדן פון מיין יואל...

בדחן.

זאָל פון זיי אַרוים דער גואל!

צנועה.

(אַפּלויפנדיק מיט פרייד)

אוי, איז מיר גוט! אוי איז מיר ווויל!
אזא כשר בת־קול געהערט...
ס'איז א גרויסער גאָט פאַראַן...
לויף איך זאָגן די בשורה מיין מאַן!

צוויי שמייסער.

(מיט לאַנגע בייטשן צוקנאַקנדיק)

ערשטער.

א קבלה פון מיין זיידן:
ווילסטו האָבן א געשפּאַן, —
האָבער — ווי קריסטאַל!

(א קנאַק מיט דער בייטש)

לאָז אים רוען אין גן־עדן!
דאָס איז אַלץ געווען אמאָל...
איך גיב קלייען, איך גיב מאַקאָך,
און זיץ איך אויבנאָן און קנאַק איך —
איבער בערג און טאָל!
גוטע וועגן, שלעכטע וועגן...

ב ד ח ן.

און — משיחן אַקעגן!
(שמייסערי צערודערט, אײלן צום קלויסטער־געסל)

מ ק ו ב ל.

(רופט זיי נאָך)

אויפן יריד?
וואָס נישט?
נעמט מיך מיט, נעמט מיך מיט!
כ'האָב גוטריקון און לפ"ק'ן
און איך מוז דעם תישבי פּאַקן — — —
(אָפּ, נאָך יענע)

ב ד ח ן.

אויף משיחן פרעגן!

ק ר ע מ ע ר.

(אין דער זעלבער ריכטונג ווי יענע)

— וווּ שטייט דען די בויד?
— וווּ זענען די וועגן?
(אַן אָפּגעשטעלט ראָד)
— ווי טייער איז קרויט!
— לאָז נאָר זיין רעגן...
(אָפּ.)

(עס קומען אָן: אַ דיקער באַלעבאָס און באַגלייטונג פון צוויי מאָגערע אָרעמע לייט)

באַלעבאָס.

קענט איר מיין הויז?

א מאָגערער.

א שפּאַס!

דער צווייטער.

א האַלבע גאַס!
אייזערנע ווענט!

דער ערשטער.

און דער פונדאַמענט?!

באַלעבאָס.

ביז נאָפּל פון דער ערד!
אויפן בוידעם — ווייץ, אין קעלער — י"ש...
און אַלע פּריצים אין דער טאַש...
און — איר הערט?
די וועלט איז אויך אַ וועלט!
נאָכן מרחץ — אַ גלעזעלע מעט!
נאָך הבדלה, אויב נישט שפּעט
קומט דער חזן, זינגט ער זמירות...
און מיין סוכה... מיינע דירות!
און טראָג מיר לייפּציקער גרעט
שמעק מיר פראַנצויזישן טאַביק...

בדחן.

שטאַרב!

(באַלעבאָס וואַקלט זיך צום פאַלן)

ערשטער מאָגערער.

ווי עס בייט זיך אים די פאַרב!

צווייטער מאָגערער.

(דעם דיקן באַלעבאָס אונטערכאַפּנדיק, אין מאַרק אַריין)
אַ מעבר־יבוק! געשווינד אַ מעבר־יבוק!

(אָפּ, עס באַווייזן זיך)

## משכילים.

(לעזנדיק די שילדן אין מאַרק)

— אוועק די צייטן די ווילדע!
— ערשטע גילדע... צווייטע גילדע!
— אדוואָקאטן און דאָקטוירים...
די צייט גייט נישט צוריק...

(באַמערקט דעם רויטן פאַבריק-דאַך)

— און דאָרט וואָס איז? זע נאָר, זע!

## פארהונגערטער ארבעטער.

(אויפשפרינגענדיק)

חמורים!
ס'א פאבריק,
וואָס ציט אַרוים די קליי!

(משכילים, צעשראָקענע, אָפּ. עס קומען אָן אַרבעטער, וואָס גייען צו דער פאבריק צו, געפירט פון געהאָנגענעם, מיטן שטריק אויפן האַלדז; הינטערשטעליק בלייבט די בלינדע זעצערן. היבטער איר לאָמפּ-צו דער אַרעסטאַנט אָן אַ פּוס)

## דער געהאָנגענער.

אין דער הייך, אַז מען קומט אַרויף,
נאָך מער געטראָצט!
די אויגן אויסגעגלאָצט —
דעקט זיך פאר אייך אויף
די וועלט, די גאנצע וועלט...

(אָפּ צו דער פאַבריק)

## בדחן.

(צו דער בלינדער זעצערן)

האָסט דיך אָפּגעשטעלט?

## בלינדע זעצערן.

בלינד! וואָס מיר איז געשען?
יאָרנלאַנג אַ זעצערן געווען...
אין אַ פינצטערן קעלער־טיף...

פאַרשטייסט? ק אָ נ ס פּ י ר אַ ט י וו...
און אָן א בלייס... און פּיצעלע שריפט,
און דער שטויב פון בליי איז גיפט...
מוז מען די אויגן פאַרלירן...

אַ ר ע ס ט אַ נ ט אָ ן פּ ו ס.

(אונטערגעקומען, נאָך אַ בליק פון חשד אויפן בדחן, צו דער בלינדער, וואָס ער נעמט אונטער די אָרעם)

קום, איך וועל דיך פירן!

ב ל י נ ד ע ז ע צ ע ר ן.

הינקסט?

אַ ר ע ס ט אַ נ ט אָ ן פּ ו ס.

— — — פאַרגעסן?
צוועלף יאָר אין קייטן געזעסן!
אַ פוס געפוילט, אָראָפּגענומען,
מיט אַ מעסער ווי אַ זעג!
נישט צו קיבר ישראל געקומען!
אָבער פאָרווערטס גייט דער וועג...

(אַ דורכגעשאָסענער הוזאַר טרעפט דעם געקעמפטן גאַרבער, וואָס בלאָנדזשעט אַרום מיטן קאָפּ אין די רויטע הענט)

ה ו ז אַ ר.

ביסט אויף מיר בייז?

(נעמט, אַז יענער ענטפערט נישט, אים דעם קאָפּ פון די הענט אַרויס, שטעלט אים צורעכט אויפן אַקסל, פרעגט נאָך אַמאָל, העכער:)

— — — ביסט אויף מיר בייז?

ג אַ ר ב ע ר.

(שטאַמלט מיט דער צונג)

איך... איך... איך ווייס?
און — פאַרוואָס?

ה ו ז אַ ר.

אַ פאַקט!

דאָס האָב איך דאָך דיר אָפּגעהאַקט
דעם קאָפּ...

ג א ר ב ע ר.

פאַרוואָס?

ה ו ז א ר.

פאַר דאָס!
האָסט אַ רויטע פאָן געטראָגן אין גאַס!
איז געווען אַ פּריקאַז:
„קאַלט געווער!“...
און אַ קלער,
פאָלגט דעם זעלנערס האַנט...
האָט דיך נישט פאַרדראָסן?

ג א ר ב ע ר.

נישט געזען, ווער...

ה ו ז א ר.

דערנאָך — האָט מען מיך געשאָסן,
קוים געקומען צום פאַרשטאַנד...

ג א ר ב ע ר.

(דערפרייט)

אַלזאָ — גענאָסן!

ה ו ז א ר.

האַנט און האַנט!

(ביידע אָפּ.)

ב ד ח ן.

(אַליין בלייבנדיק, אַנטוישט)

געמוזט
און געברומט,
קיין וואָרט נישט דערמאָנט!
עמעץ גייט... עפּעס מיר באַקאַנט...

חזן.

(צוגעקומען)

דער עמוד — א גולם!
ארום — דער בייכיקער עולם —
פי!
ס'פאַרהעגנגל גיט זיך א צי,
א בליץ פון די זיסע עינים...
גייט שוין:

(זינגט)

— — — — — — גדי,
קשור ידים,
ברכות לישא — אָ—אָ...

געפרוירענע.

(פון וויטנס פאַרבייגייענדיק)

או, או—הו—הו! או—הו—הו!
אוי, ווי איך פריר,
וויי צו מיר, וויי צו מיר...

(פון בדחן און חזן פיקסירט, פון וויטנס אָפּגעשטעלט)

ער האָט מיר די נשמה פאַרקילט!
עס ציטערט אים די האַנט,
רעדט ער, שיט זיך א זאַמד
פון הוילן מויל...
פויל;
מען האָט אים פון קיבר געפילט...
די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט...
און אייביקער פראָסט...
א גרויל!

(אָפּגייענדיק)

אוי ווי איך פריר,
וויי צו מיר, וויי צו מיר...

חזן.

(צום בדחן)

זי לעבט?

בדחן.

גלייך מיט דיר!

(מיטליידיק)

איך וויל מיט דיר נישט שפּילן...
גיי!

חזן.

— — ווּ אהין?

בדחן.

(צו דער שיל ווייזנדיק)

אהין!
גיי אהין און פּרווו...
כורעים פאַל, בייג זיך טיף,
אין הארץ זיך שלאָג...
וואָס מען דאַרף זינג און זאָג...
מיך לאָז אליין...

(חזן אָפּ צו דער שיל)

שמש.

(ארויסקומענדיק פון הינטער גרונט-געסל, צו דער שיל גייענדיק)

אין שיל אריין, אין שיל אריין!
נשמות הקדושים מזכיר זיין!
די דערטרונקענע, פאַרברענטע,
די געפייניקטע, געשענדטע...
אין שיל אריין, אין שיל אריין!

(אין מאַרק הייבן זיך צוריק אָן צו זאַמלען די שאָטן־קוקן, וואַרטנדיק אויף באַפעל צום בדחן. אויפן גאניק קומען אַרויס אַלטע יידן מיט סידורים און ברענענדיקע וועקסענע קערצען אין די הענט; נאָך זיי — די קרעמער מיט פוס-בענקלעך פאַר זיך און פאַר יענע; זעצן זיך)

חצות.

זע גאָט, ווי אונדז איז דערגאנגען
זייט דו האָסט דיין פּנים אָפּגעווענדט!

אונדזערע זין — געפאנגען,
אונדזערע טעכטער געשענדט...
דו האסט דיך, אין גערעכטן צארן,
פאר אונדז מיט וואלקן זיך פארצוימט!
און דער ים פון רישעות שוימט...
קהילות חרוב ונחרב געווארן...
שילן פארברענט...
תורות געשענדט...

פ א ר ה ו נ ג ע ר ט ע ר א ר ב ע ט ע ר.

(שפרינגט אויף)

געבענטשטע הענט!
אלץ וואס דריקט,
שטיקט,
אלץ וואס פינצטער מאכט און פאריקט...
אלץ, וואס דעם רויב
פארהייליקט און פארגעטערט —
מוז ווערן צעשמעטערט!
אויף שטויב!

ב ד ח ן.

„שטויב"!
איז דאס, דאס ווארט?
(באמערקט די שאטן, וואס לאזן זיך צו דער שיל)
נישט פון ארט!
א י ך בין פעלד־מארשאל, נישט ער!
וואס הערט איר דעם נארישן אלטן?
איר זייט מיין מיליטער,
פאר אייך האב איך געוועט
דא ערגעץ באהאלטן...
פאראנען,
נישט ווייט פון דאנען
כ'וועל מיך נאר דאס ארט דערמאנען!
לאזט מיך קלערן א ווייל!

איר דערוויל:
מארשירט!
עקזערצירט...
אין גליד און ריי...
איינס... צוויי! איינס... צוויי!
מיך לאָזט קלערן איין אויגנבליק
ווענן שטויב...

(אַז עס גייט שלעכט)

אַ, אייך פעלט מוזיק?
גוט... איך רוף אייך ארוים!

(צום געץ)

גרויל! שפיי די קלעזמער אוים!

(צו די קלעזמער, וואָס שפּרינגען פון ברונעם אַרוים, נאָס און מיט גראָז פאַרוואַקסן, שנעל ווישנדיק די אינסטרומענטן)

העי, חברים, רויש און קנאַל!
אַ מאַרש געשפּילט צום גרוים - געפּעכט!
נישט קיין נאַכט ווי אַלע נעכט!
נישט קיין חתונה, קיין באַל!
כ'האָב דאָ אַ באַפּעל געלייענט!
פאַראַן — אַ פיינט!...

(פון שיל קומען טרויעריקע חצות-קלאַנגען, וואָס מישן זיך מיטן חצות פון גאַניק און צעגיסן זיך אין אַ יאָמערלעך געוויין)

## בדחן.

(ווערט אומרואיק)

אָבער ווער וויינט? אָבער ווער וויינט?

(די קלעזמער פאַלן אַריין אין חצות-ניגון)

## פרוש.

די שיל וויינט און קלאָגט!
זי זאָגט:
וויי צום פאָטער, וויי,
וואָס האָט זיין זון פאַרטריבן,

און — עלנט געבליבן...
און וויי, וויי
צום זון, פון פּאַטערס טיש פאַריאָגט...

צ ע ש ר אַ ק ע נ ע  ש אָ ט ן - ש ט י מ ע ן

— די שיל וויינט!
— די שיל קלאָגט!

(אויפן קלויסטער)

— עס שרעקט זי דער פיינט!
— שטייט צעשראָקן און בלייך...
— יענער שיסט ארויף אין דער הייך!

פ י ל  ש ט י מ ע ן.

— מיר זענען דאָ צו שפּאָט און שאַנד!
(פלאַמט פלוצלינג אויף דער נייער שטאָק אויפן אַלטן הויז,
ד ר ײ  ר ע ד נ ע ר  שפּארן זיך פון דריי פענצטער אַרויס)

ע ר ש ט ע ר  ר ע ד נ ע ר

זוכט א לאנד!

צ װ ײ ט ע ר  ר ע ד נ ע ר.

פארלאנגט א סיים!

ע ר ש ט ע ר  ר ע ד נ ע ר

גיין, א היים! א נייע היים!
נאָך פון בייזן נישט געשענדט,
נאָך פון בלוט נישט באַפלעקט...

ד ר י ט ע ר  ר ע ד נ ע ר.

די אלטע מאמע וויינט און שטרעקט
צו'ן אירע קינדער אוים די הענט!
(דער הונגעריקער אַרבעטער שפּרינגט אויף; אויף זיין שטום
זאַמלען זיך צוריק די אַרבעטער)

פארהונגערטער ארבעטער.

פארשטימט, אלטע גרילן!

(דער שטאָק לעשט זיך, רעדנער פאַרשווינדן)

עס וועט געשען אונדזער ווילן!

עס גייט דער נייער העלד

אויף אייער גאָט! אויף אייער וועלט!

בלינדע זעצערן.

איך הער זיין שטים פון ווייטן!

געהאָנגענער גארבער.

פון דער הייך זע איך אים רייטן

אין פולן גאַלאָפּ!

געקעפּטער גארבער.

אמת, נאט אייך מיין קאָפּ!

(כאַפּט אים אַראָפּ, וואַקלט זיך פאַרלוירן, אָפּ, געלעכטער, פון דער אַנדערער זייט — צאַנקיק געברומ)

היימישער דיכטער.

(מיט אימפּעט פון שטוב אויפן גאניק אַרויס)

נישט געלאכט! און נישט געברומט!

ער גייט דער נייער מענטש, ער קומט!

דונער — אין מויל; אין ד'אויגן — בליצן...

ער וועט קומען און באשיצן

פאר פרעמדע הענט און אייערע הענט...

בדחן.

וואָס?

היימישער דיכטער.

(שטאַמלט, אויף דער שיל ווייזנדיק)

— — די מויער! די הייליקע ווענט!

(צוריק עקסטאַז)

עס גייען טעג, גרויסע טעג...

הנה ימים, ימים באים —
גרויסע העלדן — שוין אין וועג!

ב ד ח ן.

געקומען! אין חורבה פארשטעקט!
(צו דער חורבה רופנדיק)
העי, גיבורים! חשמונאים!
ווערט אנטפלעקט!
(די חורבה הילט זיך איין אין א טויטלעך בלאס-בלווילעכן שיין. אין דעם זעלבן שיין איינגעהילט קומען, זיך אומזיכער וואקלענדיק ארויס — די.)

ק ד ו ש י ם.

(און נעמען, זיך קלאגנדיק און, אין איינוועגס, לויבנדיק, די ריכטונג צו דער שיל)
— אפגעריסן אלע ריפן!
— און געלעכערט ווי די זיפן!

ב ד ח ן.

(געשפעט)
גרויסע טעג! הויכע טעג!
העלדן — גאר א נייער מין!

ק ד ו ש י ם.

— מיר צייכענען מיט בלוט דעם וועג...

ב ד ח ן.

ווו אהין?

א ק ד ו ש.

(אלט-נאריש-שמייכלענדיק, ווען אנדערע פארשטומען)
קנאקעלעך פאלן ווי האגל...
איך — מיין קעפעלע וואגל
אהין, אהער; דערלאנג צום קנאק —
די רעכטע באק, די לינקע באק!
טיק—טאק! טיק—טאק! טיק—טאק!

### היימישער דיכטער.

(זיך דאָס געזיכט פאַרשטעלנדיק)

וואָס דאָס האָט איבערגעליטן!

### בדחן.

אָבער וואָס באַשטריטן?

### פּרוש.

ווייט און ברייט
איבער דער וועלט געשטרייט
פון דער גאולה דעם הייליקן זאָמען...
זיין ליבן נאָמען
געהייכט און געקריינט!

### בדחן.

און ע ר וואָס האָט דערמיט געמיינט?
דער, וואָס האָט אייך אויסגעוויילט?
איז עס געווען זיין שטראָף?
האָבן אים וואונדער פאַרפעלט?
פאַרוואָס זאָגט ער נישט: האַלט!?

### א שטימע פון שיל ארוים.

און גאָט דעם הימל שפּאַלט!
ענטפערט ארויס פון געוויטער:
מאַן,
וואָס דיין וועג איז אַ שפּאַן!
דיין צייט — אַ ברעמען־ציטער!
און גאַרטלסט אונטער דיינע לענדן,
זיך צו מיר צו ווענדן,
מיך צו פרעגן און צו פריפן...
דו ווילסט מיינע צייכן לעזן?

קענסטו דעם אָפּגרונט דעם טיפן?
ווו ביסטו, מאַן, געוועזן,

װען מײן מעכטיקע האנט
האט דעם הימל געשפאנט

װוּ ביסטו געװען, צװערג!
װען איך האב געהױבן די בערג, —
װען איך האב באפעסטיקט די ערד,
און האב איר מאס און װאג באשערט
און ארומגעצױמט דעם ים?!

קלױסטער־גלאק.

(פאלט צארניק אריין)

בים—באם! בים—באם! בים — באם!

(די שיל לעשט זיך, פארשטומט. שאטן צעלויפן זיך. נתן שיכור שפרינגט אויף. בדחן פאלט אויפן פנים מיט די הענט איבערן קאפ, זיך שוצנדיק פאר די קלעפ פון דער הויך)

שטײנבילדער.

(כאר)

קלינג—קלאנג! קלינג—קלאנג!
עס קומט זיי שוין לאנג! עס קומט זיי שוין לאנג
א נקמה אין שונא דערלעבט!
אין די לופטן װי מעכטיק ער שװעבט.
און באטײבט,
און צעטרײבט...

(עמעץ באװײזט זיך צוריק פון הויז, װוּ ער האט ארײנגעפירט דאס נאכט מײדל. דער גלאק און שטײנבילדער נאר — פארשטומען. דערשטױנטע שאטן קומען פאמעלעך צוריק. בדחן הײבט אויף לאנגזאם דעם קאפ)

עמעץ.

איך האב געהערט אײער שרעקיג ברומען,
און בין געקומען
צו אײך, שרעקיגע און טריבע,
אויף די פליגל פון דער ליבע!
איך האב א הײליק לײב פארצערט!

## שטימען.

הערט! הערט!

## עמעץ.

גליקזעליקייט געטרונקען,
געטלעכע צויבער־פונקען
פון נאַכט־שאַווארצע אויגן!
כ׳קום צו אייך, ווי אַן אָדלער געפלויגן!
נאַכט און נעפּל פליען פאַר מיין בליק,
זונען פארזונקענע רוף איך צוריק,
זומערן פארוועלקטע — בליען!...
פעלדזן וועל איך אויף ביימן צעאַקערן,
מאַנען פלאַמענדיקע גליען!
ליליען — שטראַלן; רויזן — פלאַקערן
אויפן וויסטן פעלדער־גאַל!
כ׳וועל פאַרשיכורן באַרג און טאַל
מיט געררוך און צויבער־קלאַנג,
מיט געטלעכן געזאַנג!
וואונדער, וואונדער וועל איך אייך מאַכן!
(פּלוצלינגער איינפאַל)
הער, מיזרח, מערב, צפון, דרום!
זאָל׳ן זיך עפענען קברים!
זאָלן די טויטע דערוואַכן!
(מיט איבערמענטשלעכער שטים)
אויפערשטיין! אויפערשטיין!

## שטיינבילדער.

(אומרואיק)

וועל׳מיר זעען! וועל׳מיר זעען!

(בדחן נעמט דאָס וועכטער־פייפערל צום מויל; בלאָזט דריי מאָל. עס קומען אַרויס קולות פון אַ שופר: תקיעה, תרועה, תקיעה. אין דער לופט, נאָכן וועג, וויקלט זיך אין דער הייך פון נעפּל אַרויס אַ בית-עלמין, מציבות הייבן זיך אָן אָפּצורוקן, מתים — אַרויסצוקריכן)

פּרוש.

(אַרויסקומענדיק פון קלויז, צום בית-עלמין פאַרקוקט)

לינד
הייבט מיך אויף פון גאָט אַ ווינט
און טראָגט מיך צו׳ן אַ טאָל!
און דער טאָל איז פול מיט ביינער.
די ביינער זענען — טרוקן, גאָל...
עס באַווייזט זיך מיר נישט קיינער.
דאָך איבער מיר פליגל שוועבן...
און אַ שטים, פון פידל ריינער,
פרעגט, צי קאָן דאָס לעבן?
און איך ענטפער דרייסט:
גרויסער האר, דו איינער ווייסט!...
כ׳זע דאָך דיינע וווּנדער טעגלעך!

בדחן.

(אויפשפּרינגענדיק)

אַלץ איז מעגלעך,
ווען איך וויל, וואָס עמעץ הייסט!

(אויפן בית-עולם — באַוועגונג)

(פּאָרהאַנג)

# דריטער אַקט

(ערשטע פאָרהאַנג)

לעקטאָר.

די לעגענדע פארציילט
— איר גלויבט אזוי גערן! —
מענטשן, פון לעבן געקוועלט,
נישט שטארק, נישט דרייסט
זיך צו שיצן און צו ווערן,
אָ, די אַלע זוכן אין איר זייער טרייסט!
ווילן — (די געפאר איז גרוים!)
אין איר שאָטנדיקן שוים
די קעפּ באַהאַלטן...

אָן זון, אָן ליכטיקע שטערן,
דאַרשט דאָס אויג נאָך טרוים־געשטאַלטן;
און דאָס אויער לעכצט צו הערן,
נאָר פון אַלטן, גרויען אַלטן, —
וואָס די לעגענדע פארציילט...

די לעגענדע פארציילט — —
דאָס לעבן אויף טרוימען פארביטן!
איר פעלד נישט געזייעט, נישט געשניטן,
אין גאָרטן — קיין איינציקע פרוכט זיך גילדט!
שאָטן־בלומען, קרענקלעך־בלוילעך־ווייסע שפּראָצן, —
מיט זיסן גיפט פאר קאָפּ און האַרץ!
און פון אונטן, פונעם אָפּגרונט־שוואַרץ,
רעטענישן־אויגן קוקן און גלאָצן...

מענטש צי טיר? אָדער נעטער ווינקען?
און דעם האַשיש גלוסט זיך טרינקען!
די לעגענדע, וואָס פאַרציילט!
און וואָס זי פאַרציילט, הערט

אַלץ צעשמעטערט און צעשטערט,
זעגלען ביז צו וואַנזין געקוועלט!
לייבער מיט גיפטיקע שלאַנגען געדראָשן!
און אויבן, אויף דער העכסטער הייך,
גייט אוים, בלייכט זיך, ווערט פאַרלאָשן,
דאָס טיר מיט די גאָלד־שטראַלנדיקע האָר,
מיט אויגן־קלאָר,
ווי די קלאָרסטע שטערן;
מיט דער אויפשריפט אויפן שטערן:
„וואָר"!
וועלקט, פאַרבליט,
ווערט ווי אין נעפּל צערשטרייט...
און פון אָפּגרונט אַרויף ציט
איר פאַרבייט —
אַ גרוי־וואָלקן־שווערער לייב —
אויף זיין נאַכטיקן שטערן גליט
די אויפשריפט: „גלייב"!
אין פינצטערניש און נאַכט
די לעגענדע וואַכט...
און דער טויט דערוואַכט!
ס'ווערן קברים אויפגעמאַכט,
אין קיטלען, אין טליתים
קומען אַרויס — מתים...
אָן גערויש, אָן קלאַנג,
אין שיל אַריין — דער גאַנג,
דאַווענען און לייענען...
אויף זיך, אויף גלות השכינה צו וויינען...
מתים —אַ מורא!
זייער לייענען — אַ סכנה!

רופט מען ווענען צו דער תורה,
זאָגט דעם ווייב, ז'א אלמנה...
זאָלן מיידלעך — יתומות קלאָגן
לערנט די ייִנגלעך קדיש זאָגן...
אויב א בחור, — פארשניטן!
(די צווייטע פאָרהאַנג גייט אויף; לעקטאָר אין צאָרן אָפּגיייענדיק)
פּונקט אינמיטן! פּונקט אינמיטן!

(צווייטע פאָרהאַנג)

(נאַכט. מתים גייען שוין פון בית-עלמין אין שטאָט אַריין, באַווייזן זיך אין הינטערגרונט-געסל. פאַרן צוים פו בית-עלמין וואַקלען זיך, נישט האָבנדיק קיין מציבות זיך אָנצוהאַלטן — דער מ ס ו ר, מיט דער אויסגעשניטענער צונג אין דער האַנט, און דער ק צ ב, וואָס האָט געגעבן טריפות צו עסן, מיט אַן איבערגעהאַנגענער לונג- און- לעבער אויפן האַלדז, אַנדערע קריכן ערשט פון די קברים אַרויס, רייבן זיך די געבלענדטע אויגן, קנאַקן זיך די ביינער אויס. פון אַ שותפות־קיבר הייבן זיך די בראַדער זינגער אין געפּעקטע זעק, שעמען זיך אָן תכריכים אַרויס- צוקומען אין מיט בית-עלמין. אויף אַ בערגל שטייט דער גרייז, מיט דער פלאַכער רעכטער האַנט די אויגן פאַרשטעלנדיק, זיך אין אַלע זייטן אומקוקנדיק, זוכנדיק אַ צייכן אויף הימל און ערד).

## ב ד ח ן.

(צום געץ)

פלינק,
דיין צויבער רינג!
גיב שטראַלן בלוטיק־רויטע —
עס גייען די טויטע!
(צו די שאָטן)
און איר, וואָס גלייבט, אַז איר לעבט —
אָפּגעשוועבט!
אַנטרינט,
אויף די פליגל פון ווינט
פאַרשווינט!
אויף אייערע נאַכט-קוואַרטירן!
ווער ווייסט, וואָס דאָ קען פּאַסירן...
אַז פון אַלע עקן
שווימען אָן טויטע...

## א ר ב ע ט ע ר.

געפינען וועמען צו שרעקן,
מיר זענען רויטע!

מ ש כ י ל י ם.

און מיר גלייבן באלד...

נ ע פ ר ו י ר ע נ ע.

(וויל נישט אָפּטרעטן פון רויטן לעכט)

און מיר איז קאַלט, אזוי קאַלט...

(אַרבעטער, משכילים און געפרוירענע בלייבן; אַנדערע פאַרשווינדן)

ע מ ע ץ.

(פאַר זיין אייגן וווּנדער אַנטזעצט)

זיי גייען אַהער, זיי קומען אַהער!
און זיי ווען פאַרלאַנגען באשייד...
געוועזן רייד, הוילע רייד...
איך בין לער, איך בין לער...

(אַנטלויפט אין קלויסטער-געסל אַריין)

ג ר י י ז.

(רופט אויס)

אַ שרעקלעכע נאַכט...
עמעץ האָט אַ שוואַרצע קונץ געמאַכט...

(מתים בלייבן אומשליסיק; דער בדחן שטעלט זיך שטראַם אויף, פיקסירט לאַנג דעם ציפערבלאַט פון שטאָט-זייגער, די ווייזער הייבן זיך אָן קריצנדיק צו באַוועגן; ער ציילט, דער זייגער שלאָגט אים צאַרנדיק נאָך; צווישן ציילן און שלאָגן פאַלט אַריין דער פּרוש)

ב ד ח ן.

איינס... צוויי...

פּ ר ו ש.

געווען ניסים אַלערליי...

ב ד ח ן.

(אומגעדולדיק)

דריי...

פ ר ו ש.

די גוטע צייטן זענען פאַרביי!

ב ד ח ן.

פיר...

פ ר ו ש.

פאַרמאַכט פאַר אונדז טוי'ר און טיר...

ב ד ח ן.

(פון געדולד אַרויס, אונטעראייַלנדיק)

פינף.. .זעקס... זיבן...

(מוז דאָך אָפּוואַרטן די שלעג)

פ ר ו ש.

מיר זענען יתומים געבליבן...

ב ד ח ן.

אכט... ניין, —

(דעם פּרוש צוואָרפנדיק)

מען מוז זיך העלפן אליין!

פ ר ו ש.

א שעפעלע צווישן וועלף!

ב ד ח ן.

(צאָרניק)

עלף! צוועלף!

(מתים גייען אַנטשלאָסן צום מאַרק, אויסער גרייז)

ה ע ק ע ר - י ו נ ג.

(כאַפּט אָן דעם מסור)

משיח וועקט?

(טרייסלט אים)

זאָג!

ג ר ײ ז.

משיח װעט װעקן בײטאָג,
אצינד איז נאכט, שטאָק נאכט,
עמעץ האָט אַ שװאַרצע קונץ געמאַכט...
מען זעט
אויף הימל און ערד קײן צײכן...
שטײט!

(נאָכרופנדיק די מתים, װאָס פּאָלגן נישט)

עס װעט אײך דערגרײכן
גאָטס האַנט...
איר גײט בלינד,
איר זײעט װינט,
שנײדן װעט איר שאַנד!

(צוריק אין גרוב אַרײַן, װאָס װערט פון דער מציבה פאַרדעקט, די מתים גײען װײַטער. װאָס נענטער צום מאַרק, דערמאָנען זײ זיך אַלץ מער און מער שטיקלעך, מענער — פון דאַװענען, פון תהילים; װײַבער — פון תחינות, פאַרגעסן אָבער באַלד און האַקן אָפּ)

א מ ת.

(אין געסל)

אשרי יושבי ביתך עוד...

א מ ת ה.

(תחינה-לשון)

כ'װיל דען מער װי טרוקן ברױט?...

א מ ת.

(עבודה-ניגון)

וה—כה—נים, וה—עם...

א ײ נ ג ל.

(אונטערטאַנצנדיק)

נס גדול היה שם...

א מת.

(צום מאַרק קומענדיק)

זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן,
דער אַלטער מאַרק!

א מתה.

(אַריינקוקנדיק אין א פענצטער)

מיינע עופּעלעך שלאָפן

(בענטשנדיק)

געזונט זייט מיר און שטאַרק...

א צווייטע.

ווי זי האָט די אויגן פארגלייסט!

א דריטע.

(זיך פאַרטראַכט, אָפּווענדנדיק פון אַ פענצטער)

ר'האָט זיך שוין געטרייסט! שוין געטרייסט!

א מת.

(גייענדיק צו דער שיל, פאַרגעניגט)

מען וועט דאַווענען... מען וועט לייענען...
אביסל זיך צוקלאָגן.

א מתה.

ווער האָט כוח צו זאָגן?
ווער האָט כוח צו וויינען?

א צווייטער מת.

מיר איז אַלץ ארויס פון מוח...

א דריטער מת.

אַלע צעשאָטן, ווי א זאַנד!

אן אלטער.

(מיט ביטחון)

די שיל דערמאָנט!

אַלע האָבן אין איר אַ חלק!
זי איז הייליק!

מתים און מתות.

(נאָכזאָגנדיק און דערבײַ זיך עטוואָס דערמאָנענדיק)

הייליק, הייליק, הייליק!

בדחן.

נישט אייליק, נישט אַזוי אייליק...

(מאַנכע שטעלן זיך אָפּ; קוקן פאַרוווּנדערט אויפֿן בדחן, גייען בענ-טער צו. די וואָס טרעטן אַרײַן אין כישוף-ראָד פֿון אַלטן געץ, פֿאַרלירן זייער וועג, דרייען זיך שוין אַרום אין מאַרק)

בדחן.

(צו די יונגע לייט)

תורה־גלעקלעך
סוכה־פּלעקלעך
תפֿילין־זעקלעך...

וויל־לערנער.

(אַרײַן אין ראָד)

— אוים נדן, חלבשה, קעסט!...
— אַ מת לערנט לשמה!

בדחן.

און פאַרגעסט...

אַ וואָלערנער.

יאָ!

עלטערע.

— מען זאָל נישט קענען טון קיין מיצווה:
טײַלן קיצבה,
— כאַטש שופר בלאָזן הערן...
— ס'נעמט אָן אַ געוויין...

ב ד ח ן.

האָבט טרערן?

א ן  ע ל ט ע ר ע ר  מ ת.

ניין!

(אין ראָד אַריין)

צ וו יי א ל ט ע  מ ת י ם.

ע ר ש ט ע ר.

(קוקט אויף זיך קלערנדיק)

א זכר צו א נקיבה!

צ וו יי ט ע ר.

וואָס זאָגט די מציבה?

ע ר ש ט ע ר.

צעפרעסן...

(איז אַריין מיט אַ פּוס אין ראָד)

נאָר עפּעס ברענען מיר די זוילן?
כ'שטיי אויף ברענענדיקע קוילן...

(דערזעט, ווו זיין פּוס שטעקט, רייסט זיך פון אים אָפּ, לאָזט אים איבער און הינקט אָפּ אין שול אַריין, איבערלאָזנדיק דעם צווייטן פאַרדוצט)

צ וו יי ט ע ר.

(נאָך אַ ווײַלע)

איינס מעכט איך וויסן!
דער וואָיעוואָדע —
פאַרוואָס האָט ער מיך געשמיסן?
— אומשולדיס, כ'קען אייך שווערן...

ד ע ר  ד ר י ט ע ר.

(צוקומענדיק, לאַכנדיק)

פון וואָס א מת האָט צו קלערן?!
געווען אזא מאָדע,

געוועז א שלעכטער...
געשמיסן מיך, מיין ווייב, מיינע טעכטער...
אנגעלאָפן ביילן, ברוינע־בלויע, רויטע...

פערטער.

(פאַרצווייפלט)

ווי לאַנג לעבן טויטע? ווי לאַנג לעבן טויטע?

פינפטער.

(צום בדחן, צוגעקומען)

איך געדענק... אָט דאָ איז געווען מיין שענק...
איין אויג אין קאָפּ א טאָכטער געהאַט...
איינמאָל, געלעגן קראַנק,
ארויסגענאַרט,
אָפּגעשמדט!

בדחן.

ווער?

דער פינפטער.

... דער גלח...

בדחן.

ווען?

דער פינפטער.

... ת"ר... יום ב'... בשלח...

א מתה.

(גייט אַרום, בעטלט)

שענקט א ווינדעלע, א ווינדעלע...
פאַר א טויט קינדעלע,,,
נישט אָפּגענומען,
און נישט אויסגעדריקט פון שוים...
קען עס, ווו מען דאַרף נישט קומען,
עס איז נאַקעט, עס איז בלויז...

אווינדעלע, א ווינדעלע
פאַר מיין אָרעם קינדעלע...

עמפּערטע אָרעמע מתים.

— נאָך ווייניק געגזלט ביים לעבן...
— קיין רעכטע תכריכים געגעבן!
— און די קברים פאַרשמעלט...
— ביים וואַשן האָט וואַסער פאַרפעלט!

מתות.

— מיר נישט געגעבן קיין שלייער!
— מיר נישט געגלייכט די קרעמען...
— האָט מען דאָס געטאָרט?

מתים.

— קומט נאָך דאָס אומגעהייער
און פרעגט נאָך, אויף נעמען...

די מתים און מתות.

(יאָגן זיך אַרום)

— רייסט דעם גבאי אוים די באָרד...
— שלאָגט אים אוים די פוילע ציין...
(לויפן צום געץ)

בדחן.

(צו אַן אָפּגעשטאַנענעם)

גייסט נישט מיט?

דער אָפּגעשטאַנענער.

ניין!

(זיך אָפּשטעלנדיק, באַרימעריש)

געלייגט אויף דער פּאָליצע די ציין...
שימחת תורה קוים געווען זאט...
אָבער שטיל און פיין!

פאַר דאָס — אַ לוויה געהאַט!
תישעה קבין, דער גבאי אליין!
און אַ געלעכל פון אן איי...
און אפשר צוויי!
מיט גאַפּעלעך די נעגל געריייניקט!...
און אז מען האָט זיך אביסל געפּייניקט,
פּי!

(אן אַנגעלויף פון קינדער)

מיידלעך.

— פּי—פּי—פּי!
ד׳מאַמע נישט הי!
— איידער די נאַכט וועט בלייבן,
לאָמיר זיך שפּילן אין צייכן!

(זוכן, געפינען)

אָט אַ שטיינדעלע, נאָך אַ שטיינדעלע...

אן עלטערע.

קומט אהער, אַלע! אַלע!
וועל׳מיר שפּילן חתן־כלה...

מיידלעך.

— ווער די כלה?
— שיינדעלע.
— און דער חתן?
נתן, נתן! דער שיינער נתן!

נתן־שיכור.

(זיך אָפּגעשטעלט)

מיינט מען מיך?
שיינדעלע... איך...

אַ מיידל.

זע׳מיר ביידע שפּאַצירן געגאַנגען
צווישן ווייץ און צווישן קאָרן, —

ד׳וועגן ווי מ׳זעמער שפּאַצירן געגאַנגען,
זענען פאַרוואַקסן געוואָרן...

קליינע קינדער.

ציגעלע, מיגעלע, רייב די קליאַצקים,
רויטע פּאַמעראַנצן, —
אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמען,
גייען די קינדערלעך טאַנצן...

בדחן.

טאַנצן? האָב איך דאָס געמיינט?
(צו די קלעזמער)
העי, חברים, פריינט!
קינדער ווילן טאַנצן גיין,
קינדער ווילן זאָל געשען!
פידל, פייקל, צימבל, באַס,
ס׳איז אַ באַל אין מיטן גאַס!
(קלעזמער שטימען די אינסטרומענטן)

קינדער.

— עלע פעלע!
— פעלע מעלע!
— באַמציק — באַמציק...
— באַם ציק—צאַנג!

קלעזמער.

זע׳מיר אַלע שיכור בעלע,
ווער וועט פירן די קאַפּעלע,
עס זאָל גייען מיטן קנאַק?

געפּרווירענע.

לאָ׳מיר טאַנצן! כ׳וועל געפּרווירן!

קלעזמער.

זאָל אונדז עמעץ דיריגירן!

## נתן־שיכּור.

איך בין סיי־ווי־סיי פאַרלוירן,
איך וועל פירן...

(לויפט צו צום געזעצ' רייסט אים אויס דעם איינציקן האָרן, דירי־ריגירט מיט אים; קלעזמער הייבן אָן אַ פּאָלקע, עס הייבן זיך אָן בילדן דריי רעדער: קינדער, פרויען און שפּעטער עטוואָס אַ מענער־ראָד. דערווייל קומט אָן די כלה אונטער אַ שוואַרצער חופּה פון פיר שמשים מיט פאַרלאָשענע הבדלות געפירט. די רעדער שטעלן זיך ראָש אָפּ. אַלגעמיין געדרויש פון באַדויערן. קלעזמער גייען איבער פון דער פּאָלקע צון אַן אל-מלא-רחמים. די כלה שטעלט זיך אָפּ, די שמשים, דאָס נישט מערקנדיק, גייען מיט דער חופּה ווייטער).

## די כלה.

נישט באַדויערט מיך,
נישט באַטרויערט מיך,
כ'האָב'ם נישט געוואָלט...
אַ יינגעלע געהאַט אין זינען,
אַ יינגעלע אַ גאָלד!
האָט מיך פון דער נויט
באַפרייט דער גוטער, ווייסער טויט...
(זיך אומקוקנדיק)
אָבער ווו איז מיין יינגעלע
מיין יינגעלע, מיין גאָלד?
גוטע מענטשן, טרעפט איר אים —
זאָגט אים — כ'האָב'ם האָלד!
און דערקענען וועט איר אים, —
אַ קולעכל — אַ גלעקעלע.
צו קושן יעדעם לעקעלע
און אייגעלעך, ווי לעמעלעך,
ציטעריקע פלעמעלעך,
צו קושן יעדעם ביינדעלע.
יעדער בליק — אַ חנדעלע...
זאָגט אים, זאָגט, אז שיינדעלע...

נתן.

(וואַרפט אַוועק דעם האָרן, פאַלט צו׳ן איר צו)

כ׳ווייס, איך ווייס!

די כלה.

אוי, דו ביסט אַזוי אַלט
און אַזוי הייס!

נתן.

און דו — אַזוי קאַלט...

די כלה.

דיך באַגיסט אַ שווייס!

נתן.

דיין אָטעם — פראָסט...

(דערזעט אַ לעכל אין איר בעקל, שרעק)

און אויפן בעקל וואָס דו האָסט?

די כלה.

פאַרגעסן?
אַ ווערעמל... איינגעפרעסן...
און דו ביסט אַזוי רויט...

נתן.

כ׳טרינק... פאַר עלנט... אויס נויט...

די כלה.

און ווערסט אַזוי שוואַרץ...

נתן.

(באַהאַלט אין איר ברוסט דאָס פּנים)

דריק מיך, דריק מיך צו צום האַרץ.

(פּויזע)

אַ שטימע פון שיל.

(ימים-נוראים-ניגון)

יעמוד...

הבחור החתן —
כמר נתן —
מפטיר!

(נתן גליטשט זיך ארויס פון דער כלהס הענט)

ד י  כ ל ה .

ווײ מיר, ווײ צו מיר!
גליטשט זיך ארויס פון די הענט!

(פרוש לויפט קלאפן ביים רופא)

מ ת י ם .

(אומרואיק)

וואס איז דאס?

ב ד ח ן .

נישט דערקענט?

מ ת י ם .

— א שרעקלעכע נאכט!
— א ווארע מאכט...

(עס געשעט)

ד י  נ י ש ט  ג ע ז ע ג ע נ ע  נ ש מ ה .

(דורך דער ווארע פאסירנדיק)

„אלף" איז אן אדלער,
וואס ער טוט נאר שוועבן;
א שאטן פון א פליגל
איז דאס גאנצע לעבן...
„בית" איז א הויז,
ווו מען איז געזעסן...
אז מען רופט צום מישפט — —

ב ד ח ן .

כא־כא־כא!

ד י  נ ש מ ה .

מוז מען אַלץ פֿאַרגעסן!

מ ת י ם .

כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

(אַ הילצערן געלעכטער צעקלאַפּערט זיך איבערן מאַרק)

# פערטער אַקט

(ערשטע פאָרהאַנג)

לעקטאָר.

איינס פון די שרעקלעכסטע זאַכן:
מתים לאַכן;
הילצערן געלאַכט!
אַלע שטריק צעריסן,
די לעצטע בריק — געקראַכט,
געפּלאַצט און אין תהום אריין...
אינעם הילצערנעם געוויין
קריצן ציין,
רייבט זיך ביין אָן ביין...

(ראַשע צווייטע פאָרהאַנג)

(לעקטאָר קוים אָפּ.)

(די מתים — מיד-לאַכנדיקע היבן אָן שלוקעכצן...)

חזן.

(אַרויסקומענדיק פון שיל)

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!!

(עס ווערט מיט אַמאָל שטיל)

ווייבער.

(טויטשן זיך איבער)

געהייבט און געקריינט זאָל זיין זיין נאָמען...

ז י נ ד י ק ע.

(וואָס איז געווען אין א טויער באַהאַלטן, אַרויסשפּרינגענדיק)

ער איז געקומען!
ער איז דאָ!

ד י מ ת י ם א י ן מ א ר ק.

(פּייפן)

פּיו־פּיו־ר־ר־ו!

ז י נ ד י ק ע.

(צום חזנס פיס צופאַלנדיק)

די נאַכט איז שווארץ,
עס פלאַטערט דאָס הארץ...
נעם און שפּאַן!
כ'האָב דיר אַזויפיל געטרויט!
עס שלאָפט דער מאַן,
עס שלאָפט דאָס קינד,
לויף און שפּאַן...
ווו איז די בויד?
ווו איז דאָס פערד?

ח ז ן.

אונטער דער ערד!
לעשט דיך, קינד!
איך בין א מת!
פאַרגעס!
זאָל ער אויך פאַרגעסן!

(צעגייען זיך; ער — צו די מענער; זי — צוריק צום טויער)

ב ו ג ר ת.

(אויפשפּרינגענדיק)

וואָס? נאָך ווייניק גענאַרט?
וואָס זאָל איך פאַרגעסן?
יאָרן אין חושך געזעסן!

עס האָט געהייסן: „וואַרט"!
„עס וועט קומען דער באַשערטער!"
ליגנטע, נאַרעשע ווערטער!

(צום הימל אַרויפשרייענדיק)

עס טוט מיר באַנג! עס טוט מיר באַנג!
(צוריק אין מאַרק אַריין, זיך קלאָגנדיק)
פאַר מיין מיר איז פראַנק און פריי!
מיט זאַנג און קלאַנג,
דאָס לעבן פאַרביי —
אין האַרציקן שטורעם...
און איך, אין ראָוו ביים וועג,
איך — דער וואָרעם! —
ליג אין שטויב!
פאַרבן־בלינד, קלאַנגען־טויב!
גרויע נעפּל, ציען זיך טעג!
אַ וואָלקן־בליי, נאַכט נאָך נאַכט!
נישט געשטיפט, נישט געלאַכט,
נישט געשמייכלט, נישט געשפּילט;
קיין וואַרעמע האַנט אַרום האַלדז נישט געפילט!
קיינעם קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט,
נישט אַריינגעקוקט אין פרעמדע אויגן...
דאָס האַרץ האָט גענאָגט,
דאָס האַרץ האָט געצויגן,
כ'ביים די נעגל, קריץ מיט די ציין:
ניין! און — ניין!
ערלעך גליק!
געקומען און — „כיק"!
ווער וועט מיר דאָס פאַרגעלטן?
איך וועל שרייען, איך וועל שעלטן,
דערלאַנגט מיר אַ שטיין...

(האַקט אָפּ, דערזעענדיק די בראָדער זינגער, וואָס קומען אַן אין געפּעכטע זעק)

### שטימען.

(צעשראָקענע)

ווער זענט איר? ווי אזוי געקליידט?
זאָגט אייער פּין, קלאָגט אייער לייד!

(מוזיק גייט איבער צום מאָטיוו: אדם להבל דמה)

### בראָדער זינגער.

מיר זע'מיר, מיר זע'מיר די זינגער פון בראָד!
געשטראָפט האָט אונדז גאָט, געשטראָפט האָט אונדז גאָט!
געוואנדערט אין היצן, געוואנדערט אין פרעסט, —
צו אייך דאָ געקומען, באַקומען די פעסט!
נושאים געקומען, קיין רגע געוואַרט,
מיט זעק אויסגעפּעכטע די לייבער באַקליידט;
מיט אייזערנע גאָפּלען, לעבעדיקערהייט,
אַרויף צום בית־עלמין, צום קיבר געשאַרט!
ווייל'מיר אצינד וויסן, פרעגן מיר גאָט,
פאַרוואָס האָט ער געשטראָפט די זינגער פון בראָד?!

### נאָך מער צעשראָקענע
### שטימען.

נישט פרעגן! נישט פרעגן!
נישט נעגאַנגען אויף קרומע וועגן!
בעסער טאַנצן

### ליידנשאַפטלעך.

— טאַנצן, טאַנצן!
— פּלאַמט כאָטש אויף אינגאַנצן!
— זאָלן טויטע אויגן שפּריצן
פונקען — פייערדיקע בליצן!
שיינען און גלאַנצן!
— טאַנצן! טאַנצן! טאַנצן!
— זאָלן די הערצער צאַפּלען צום פּלאַצן!
— זאָלן קלאַפּן די שלעפן, ווי טאַצן!
— שפּילט!
— שוועבט!

בדחן.

לעבט, וואָס איר האָט נישט דערלעבט!

פילט, וואָס איר האָט נישט דערפילט!

(עס גייט קוים; מוזיק גרימפּלט. עס מאַכן זיך דאָך צוויי רעדער, רעכטס און לינקס; אַ מענער און אַ פרויען-ראָד, וואָס באַוועגן זיך איינגעשפּאַרט, — צווישן די רעדער שפּאַצירן אויף און אָפּ די פאָלגנדע).

חוקרים.

ערשטער חוקר.

טויט און לעבן
אַלץ — אומזיסט!

צווייטער.

אַ נאַר דו ביסט!
מען מוז זיך איינמאָל אונטערגעבן...

ערשטער.

מ׳זאָל אזוי פארפירן...

צווייטער.

לאָז דאָס געהירן
פוילן אין דער שטיל;

ערשטער.

איך וויל...

(צוריק אויפגערייצט)

אָבער וואָס קענען מיר? צייכן!
גאָרנישט צו דערגרייכן!
אָט וואָס מיר וויסן!
ווי מאַנכע זאַכן הייסן! —

דריטער.

(צוקומענדיק)

נישט אזוי!
פאַראַן אַ וויטיק אָן אַ נאָמען...

צוווייטער.

(אַריינגעצויגן)

צו באַצייכענען געגוי:
פון אַ צווייטער ערשט אַ זאָמען!

ערשטער.

(מיט ווייטיק)

געווען דאָך ליכטיקע ציקצאַקן!

מקובל.

(צוקומענדיק)

געווען נוטריקין און לפ"קן...
געווען אַמאָל...

פערטער חוקר.

הערט, ווי טויטע ביינער קנאַקן,
הערט, ווי טויטע קלעזמער שפּילן...
מאַנכע אומפאַרשעמט און גאָל!

ערשטער.

אָ! זיי וועלן זיך נישט פאַרקילן!

מקובל.

און דער עצם ענין אַליין?

חסיד.

(אין פאַרבייגאַנג, מיט האַרציקן ניגון)

די מאַמע האָט געהייסן
עפּעלעך רייסן...
ס'יידעלע — צו קליין!
ס'ביימעלע — צו הויך!
ער האָט נישט קיין כוח,
קען נישט דערגרייכן!

ערשטער חוקר.

טומלען זיך אין מוח
נאָר צייכן און צייכן...

צווייטער חוקר.

קוהלת זאָגט: נאַריש איינגאַנצן...

חסידים.

(אָנגעקומענע)

נישט גערעדט: בעסער טאַנצן!

(ליגן אין פירן הענט אויף אַקסל — אַ חסידישע מיל — זיך צוזינגענדיק. די טאַנצנדיקע רעדער פון רעכטס און לינקס מישן זיך אין גאַנג אַריין)

ערשטער חסיד.

טאַנצן איז אַ גרויסע זאַך!
כ'וויל נישט טראַכטן, גאָרנישט וויסן!
נאָר פון חומר אָפּגעריסן!

די מיל.

(מיט די הענט פּאַטשנדיק)

ברום, ברום!

מענער־ און פרויען־ראָד

(מיט די פיס טופּנדיק)

טראַך, טראַך!

צווייטער חסיד.

טאַנצן איז אַ גרויסע זאַך,
טאַנצן האָט די גרויסע מעלות:
כ'האָב קיין קשיות, כ'פרעג קיין שאלות...
און צעפלאַקער אין התפעלות!

מיל און רעדער.

(ווי פריער)

ברום, ברום! טראַך, טראַך!

דריטער חסיד.

טאַנצן איז אַ גרויסע זאַך!
בהעלותך — פיס געהויבן!

אין בטחון, אינעם גלויבן
אינעם גרויסן היתלהבות
ווערן מיצוות פון די תאוות...

מ י ל א ו ן ר ע ד ע ר .

ברום, ברום! טראך, טראך!

פ ע ר ט ע ר ח ס י ד .

טאַנצן איז אַ גרויסע זאַך!
אָן אַ ספק! אָן אַ שאלה!
וואָס איז „מטה”? וואָס איז „מעלה”?
און „ימין” וואָס איז? און — שמאל?
אַז עס ווינדלט,
אַז עס שווינדלט
טאַנצט זיך גוט, טאַנצט זיך ווויל...

ח ו ק ר י ם .

(ציעפּען זיך אָן אָן דער מיל)

— וואָס איז רעכטס? וואָס איז לינקס?
לעבן — ספינקס! טויט איז ספינקס!
— און דו — טאַנץ! קענסטו — לאַך.

מ י ל א ו ן ר ע ד ע ר .

ברום, ברום! טראך, טראך!

מ ש כ י ל י ם .

(צוקומענדיק)

כ'לעבן נאָר אַ גלייכע זאַך!
אַנו, פּרווו נאָר, ראַשער, ראַשער
און דאָס חזיר-פּיסל כשר! (קאַשער — רעד.)
פּיס געהויבן און געשטעלט!
און אריין אין הפקר - וועלט!

(די מיל רייסט זיך פון זיי אָפּ, טאַנצט אָפּ ווייטער; משכילים בליבן.
אָפּהענדיק אַליין; צעשטרייען זיך באַלד)

## בדחן.

(אויף מיל און רעדער פאַרקוקט)

זיי טאַנצן! ווירקלעך זיי טאַנצן!
זיי פילן!
אויף טויטע געזיכטער שפּילן
שיר־נישט לעבעדיקע גלאַנצן!
אין טויטע אויגן: ווילן, באַגערן!
הענט זיך שטרעקן, פיס זיך קערן,
שפּרינגען אונטער!
מונטער,
אויפגעטויטע גלידער!

(פאַרבענקט)

ווען נאָך קלינגענדיקע לידער!
ווען נאָך רויזן־קראַנצן
אויף די קעפּ! און צעגאָסן
רויזן־אייל!
און דאַמען־האָר — צעפלאָסן!
עס בליצט, שימערירט
יעדער בליק — א פייל!
עס אָטעמט מאַרמאָר, דעקאָלטירט,
ווי ביי פריצים אויף די באַלן!

(מתים באַווייזן זיך אין די שיל־פענצטער... בדחן סוגעסטיענירט די טענצערנס)

## א טענצערין.

(פלוצלינג געוועקט)

מאַכט פון סויב'עם שאַלן!
מיט שאַלן טאַנצט און גאָר!

## א מת פון שיל־פענצטער ארויס.

(אָנשרייענדיק)

מען טאָר נישט!

**די טענצערן.**

ס׳אי׳ גאַרניש׳ מיט גאַרניש׳!

**טענצערנס.**

(טאַנצנדיק, גליַיך מיט שאַלן, אויסגעלאַסן-לאַכנדיק)

ע, מע׳טאָר! מע׳טאָר!

**צווייטע טענצערן.**

(איבערמיטיק)

רייסט אַראָפּ די קאַפּקעס!
לאָזט אַרוים די האָר!

(צו דער שיל קוקנדיק)

מאַלע וואָס מ׳טאָר נישט.

**דאָס ווייבער־ראָד.**

— ע, מע׳טאָר, מע׳טאָר!
— ס׳איז גאָר ניש׳ מיט גאָר ניש׳!

**דריטע טענצערן.**

רופט נאָך צו די מענער!
עס ווילט זיך אייך, נישט וואָר?
מאַלע וואָס מע׳ טאָר ניש׳!

**ביידע רעדער.**

(פאַרייניקט זיך)

מע׳טאָר, מע׳טאָר!
ס׳אי׳ גאַרניש׳ מיט גאַרניש׳!...

(עס הויבט אָן צו גיין ראַשער. מאַנכע מתים, קענטיק, געוועזענע קלעזמער, שטעלן זיך הינטער דער מוזיק, העלפן צו מיט הענט און ליפּן און טרייבן אונטער. עס האַלטן זיך אויך נישט איין די בראָדער זינגער. העלפן כאָראַל-מעסיק אונטער).

**שטיינבילדער.**

(צערודערט, פאַרגליסטיק)

— שיינע ווייבלעך, שיינע מיידלעך.
שוואַרץ און חנעוודיק פּיקאַנט...

— ווייסע שערצן, ווייסע קליידלעך...
ליב צו ליב... ארומגענומען...

בדחן.

(וואָס האָט, דערהערט צו די שטיינבילדער ארויף)
אראָפּ און לאָז אייך ווייל באַקומען!
ברודערשאַפט אין פרייד און נויט.
אַלע גלייך, דען אַלע טויט!
און קיינער זעט, ס'איז אונדזער נאַכט!
(אַז די שטיין-בילדער פאַלגן, קריכן אַראָפּ, צום ראָד)
א וואַרע מאַכט!
צעשפּרייט דאָס ראָד!
די באַלעבאַטים פון דער שטאָט!
יעדער אונטערשיד — פאַרווישט!
מישט אייך, מישט!
האַלדזט אייך און קישט.
:אַ—כאַ—כאַ!
אַ נאַכט אַזאַ!

בישאָף.

וויי, וויי! אין שיין פון אַלטן גלעז
זיגט דער לץ...
און קורץ איז מיין האַנט...
וויי, וויי צו דער שאַנד...
(פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים, קערט זיך אָפּ. דער טאַנץ ווערט נאָך האַסטיקער „ער" און „זי" קומענדיק פון שיל-געסל צוריק, כאַפּן זיך אַרום)

„זי".

היינט איז אונדזער חתונה,
קלעזמער שפּילן שוין!

„ער".

און די שיינע געסט ארום. —
לאָמיר טאַנצן, קרוין!

„זי״.

מיט די חופּה־שטענגלעך.
קומט דער שמש באַלד...
עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ פאַר פרייד, —
האַלט מיך פעסטער, האַלט!

„ער״.

האַרץ אָן האַרץ, אויג אין אויג,
דריק זיך צו אײנגאַנצן...

ביידע.

האַרץ אָן האַרץ, אויג אין אויג...

א ריטער.

(קומט אונטער, שלאָגט זי אָפּ)

איך קען בעסער טאַנצן...

(טאַנצט מיט איר אַוועק)

א מתה.

(צום „ער״, וואָס בלייבט פאַרמישט)

בחור, בחור, טאַנץ מיר אַקעגן.
איך הייס דאָך מלכה, זיי דו מיין מלך!

(אַרום אים טאַנצנדיק)

נאַרישער בחור, וואָס איז דיר געלעגן?

(כאַפּט און טאַנצט אַריין)

לעבעדיק... פריילעך...

נעפרווירענע.

(לויפט צו צום זיך אַרומבלאָנקענדיקן פּרוש)

פּרוש־לעב, פּרוש־לעב!
איינמאָל גיב מיט מיר א שוועב!
קאַלטע הענט, פייכטע הענט,
און אין האַרץ — גיהנום ברענט.
אין געהירן — צישן שלאַנגען...

אוי, איך האָב דיין בליק געפאנגען!
דו וואָלסט ווארעם מיך געמאכט...
(דער מאָרגנשטערן שיינט פלוצלינג אויף)

(געפרוירענע לאָזט אָפּ דעם פרוש. מוזיק-פארשטומט, טענצער צעפאלן זיך)

א נ ג ס ט - ש ט י מ ע ן.

— ווי, דער מאָרגנשטערן לאכט!
— אוים נאכט! אוים נאכט!

ש י ל - מ ת י ם.

כ'האָב געזאָגט!

א נ ג ס ט - ש ט י מ ע ן.

ווי, עס טאָגט!

ב ד ח ן.

(פלוצלינג שטאַרקער באַפעל)

געטאנצט זאָל ווערן, געטאנצט!

(מען וויל פאָלגן, גערודער)

ווער האָט אין אייך די שרעק פארפלאנצט?!
וואָס ציטערט איר פאַר מאָרגן-גרוי?
וואשט די קעפּ אין פרישן טוי,
באָדט אייך אין פרימאָרגן-גלאנץ!
און טאנצט אריין דעם גרויסן טאנץ
אין גרויסן טאָג!

א ש י ל - מ ת.

מען מאָג?!

ב ד ח ן.

אז מע' קען און וויל!
קיין פראגן נישט שטעלן!
קיין פאָרן נישט טרענען!

מאַרק־מתים.

וועל'מיר דען קענען?
קע'מיר דען וועלן?

בדחן.

(צאַרניק)

וויניק נאָך אין קברים געליטן?
נישט פאַרבענקט זיך נאָך צום לעבן?
זאָל ער אייערע קברים פאַרשיטן,
נייע נשמות אייך געבן, —
אנישט, זאָל ווערן געשטריטן!
אנישט זאָל ווערן געטריצט!
ווילט איר — און אייער אויג נאָך בליצט!

(העצנדיק)

ווילט נאָר, האָט איר בלוט ווי שטאָל!
נישט אַלע ביינער זענען גאָל!
לעבן נעמט מען מיט געוואַלט!
פון קראַפט.
באַרויבט אייכן און צעדער אין וואַלד,
זייגט און זאַמלט צוזאַמען
פון אַלע גראָזן דעם זאַפט...
נעמט ביי דער זון די פלאַמען!
ביי ליליען — וויים, ביי רויזן — רויט!

מתים.

(פאַרצווייפלט)

מיר זענען דאָך טויט!

בדחן.

פון א נאַרישן גלויבן פאַרפירט!
אין וואָס מען גלייבט, עקזיסטירט!
וואָס פאַרניינט, איז רויך און ווינט!
פאַרלייקנט דעם טויט, אָן לעבן גלייבט

פעסט! און — בלייבט!
עס טאָר אייך קיינער נישט שטערן!

מ א ר ק ־ מ ת י ם.

מיר בלייבן!

ב ד ח ן.

שווערט!

מ א ר ק ־ מ ת י ם.

מיר שווערן!

ב ד ח ן.

פארלייקנט דער טויט?

מ א ר ק ־ מ ת י ם.

מיט דער גאנצער קראפט,
וואָס אונדז איז געבליבן!

ב ד ח ן.

איז ער פארטריבן,
איז ער אָפּגעשאפט...
איז פון היינט קיין טויט נישטאָ!

א ל ע.

נישטאָ!

ב ל ע כ ע נ ע ר ה אָ ן.

(פון שיל-דאך אַראָפּ)

קוקעריקו!

מ א ר ק ־ מ ת י ם.

(צעלויפן זיך אין אנגסטן)

— איך ווער טויב!
— איך ווער בלינד!

ב ד ח ן.

(צום האָן אַרויף)

דו טרוקענער שפּאָן!

(דער האָן צעאַרבעט זיך מיט די פליגל)

מ אַ ר ק - מ ת י ם.

(אַנטזעצט)

— ער מאַכט מיט די פליגל ווינט...

ב ד ח ן.

א בלעכענער האָן!

מ אַ ר ק - מ ת י ם.

און ער יאָגט,
און ער טראָגט,
און ער טרייבט...

(שיל-מתים קומען געלאָסן אַרויס פון שיל, נעמען זייער וועג צום בית-עלמין צוריק. מאַרק-מתים ווילן נאָכגיין)

ב ד ח ן.

(מיט די לעצטע כוחות)

בלייבט!
שוואַכע, צו די ווענט!
נעכאָפּט זיך ביי די הענט...

(אַז מאַנכע פאָלגן, צום האָן אַרויף)

וואַרט, דו בלעכן-פאַרשייטער!
פאַראַן אין פּאָליש א לייטער,
האָסט אָנגעהויבן מיט מיר!
איך גיי צו דיר! איך נעם זיך צו דיר!
דאָס איז די שלאַכט
פון היינט אויפדערנאַכט!
כ׳יאָג פון דיר דיין נפש אַרויס!
די פליגל צופּ איך דיר אויס!
דעם האַלדז דריי איך דיר אָפּ,
און וואַרף אַראָפּ

פון דער הייך אויפן מיסט!
דו בלאָזט דיך אומזיסט!
(אין מאַרק אַריין)

ווער האַלט באַשטאַנד?
(קיין ענטפער)

הער, ווער זייט איר,
ליכט-פאַרשפּרייטער,
אין משיחס טויערן - קלאַפּער
צוקונפטס-פליגן-כאַפּער
שלעגער קאָפּ-אָן-וואַנט!
(קיין ענטפער)

און איר, דאַך-באַשלעגער, בלעכער,
איר, וואָס שטייגט הויך און העכער,
מיט מיר אַרויף אויפן דאַך!
(מאַנכע ווילן נאָך)

בלינדע אַרבעטערן.
(אָפּשטעלנדיק)

קיין קלאַסן-קאַמף, נישט אייער זאַך!

בדחן.

ניין?
(קיין ענטפער)

נו, גיי איך אליין, בעסער — אַליין!
(מתים בלייבן צעטומלטע פרוש גייט צו צו דער שיל, שטעלט זיך אַפּוואַרטן דעם בדחן)

(פאָרהאַנג)

# עפּילאָג

(ערשטע פאָרהאַנג)

## לעקטאָר.

(קומט אַרויס, וויל רעדן, דערהערט שטימען פון הינטער דער גאַזן-פאָרהאַנג. גייט נענטער צו, קוקט אַריין דורך אַן „אויג״)

עס וויינען, עס קלאָגן
מתים, פון ווינט געטראָגן;
מען האָט זיי קיין לעבן קיין נייעס נישט באַשערט...
הערט...

(עס דערהערן זיך די שטימען פון הינטער דער פאָרהאַ[illegible] אָן רוקן זיך אַליין ווייטער אָפּ)

## ערשטע.

עס איז ווער ערגעץ אָפּגעגאַנגען, —
און זיין ציטער־בילד געפאַנגען
האַלט אַ וואַסער־שפּיגל, —
קומט די קאַן און שעפּט! — —

## צווייטע.

און דער וויין איז אויסגעגאַנגען, —
אין אַ ריץ פון ערדן־קריגל
האָט אַ טראָפּן זיך באַהאַלטן, —
ווערט ער אויסגעוועפּט...

## דריטע.

לאַנג פאַרהילעכטע געזאַנגען, —
פון געזאַנג

האָט זיך לענגער אויפגעהאַלטן
אַ יתום־קלאַנג,
טויעט ער אויף און ברומט,
און פאַרשטומט...

פערטע.

אַ זון איז אונטערגעאַנגגען,
פון אָפּגלאַנץ רייטלט זיך לייכט
אַ נשמל־זוים...
און — פאַרבלייכט.

(אַלע פיר שטימען)

געווען חלומות אַלערליי...
געווען אַ זינד...
טראָגט דער ווינט
ווי שטרוי, ווי שפריי...

לעקטאָר.

טרויעריק...

(הערט ווייטער)

שויעריק...

מאַרק־מתים־שטימען.

מיראזשן נאָכגעלאָפן...
האָט אונדז זיין שווערע האַנט געטראָפן
זע'מיר זיך שולדיק אַליין...

לעקטאָר.

שוין ביים טויער, גייען אַריין...

מתות־שטימען.

(יאָמערלעך געוויין)

מיט די בלויזע קעפּ,
צעפלאָסענע צעפּ —
אין קברים אַריין...

שיל־מתים־כאָר.

די נאַכט הייבט אָן בלייכן!
אויף דיין צייכן
וואַרטן דיינע קנעכט,
די נאַכט, ווי אַלע נעכט...
טו, ווי דיר געפעלט!

לעקטאָר.

ביי די קברים — אָפּגעשטעלט!

שיל־מתים־כאָר.

און וועט אונדז די ערד פאַרדעקן,
זאָל געשען דיין ווילן!
מיר וועלן וואַרטן אין שטילן,
ביז דו וועסט וועקן!
זאָל דיין ווילן געשען!

לעקטאָר.

קינדער גייען...

(ווענדט זיך אָפּ)

נישט צו צוזען...

מיידלעך־כאָר.

אַדיעי, איר זיסע קעפּעלעך
זיסע בלויע אייגעלעך
זייט געזונט איר בלימעלעך!

יינגלעך.

און באַרעלעך, און עפּעלעך
אויף די גרינע צווייגעלעך...

צוזאַמען.

אונטער בלויע הימעלעך,
זייט געזונט איר פייגעלעך!

## שיל־מתים־כאָר.

און אַפּמעקן
זאָלסטו אונדזערע זינד,
ווי דו מעקסט געשווינד
א וואָלקן אָפּ...

(צווייטע פאַרהאנג. עס אַנטפּלעקט זיך דאָס בית-עלמין. מתים — ביי אָפענע קברים, גריגז צוריק אויפן בערגל אין מיט פעלד)

## מתים.

מיר זאָגן זיך אָפּ, פון אַלעם אָב!

## גרייז.

אראָפּ!

(מתים הייבן אָן נידערן; דאָס בית-עלמין פאַרהילט זיך צוריק (אין נעפל)

## נאכט־וועכטער.

(וועקט זיך, זוכט אומרואיק אַרום האַלדז)

צום טייפל!
ווו איז מיין פייפל? ווו איז מיין פייפל?

(בדחן קומט אַרויס פון שיל, דער קאָפּ אַרומגעבונדן, אויפן טוך רויטע בלוט-פלעקן, האַלט אין האַנט דעם שיל-קלאַפּער, וואַרפט מיט דער צווייטער צו דעם נאַכט-וועכטער דאָס פייפל; נאַכט-וועכטער ציט זיך מיטן פייפל הינטערוויילעכטס צוריק, אָפּ.)

## בדחן.

(צום פּרוש, מיט חרטה)

איבערגעכאַפּט די מאָס!
געפאַלן מיטן קאָפּ אראָפּ!

(דערזעט די קלעזמער, מיט שרעק)

אראָפּ! צום שליים און גראָז!
איך זאָג מיך אָפּ, פון אַלעם אָב!

(אַז די קלעזמער פאַרשווינדן, צום געץ)

לעש דיך, ווילדע זאך!

(אָנווייזנדיק צום הימל)

זעסט נישט? ער איז וואך!
ס'אויג דריק צו, ס'מויל פאַרמאַך!

(אַז עס געשעעט, צו די שטיינבילדער, וואָס דרייען זיך אַרום אומגעלומפּערט אין גאַס)

צוריק צו די נישן!
מער זיך דאָ נישט מישן!
אַרויף! פאַרשטיינערט ווערט!
גאָרנישט געזען, נאָר נישט געהערט!
געווען אַ נאַכט, ווי אַלע נעכט!

(אַז עס געשעעט, פאַרבייגט זיך פאַרן האָן)

דו ביסט גערעכט...
דיין משפּט איז גערעכט!
דו, אויף דיין הייכן אָרט,
ביסט דאָס וואָרט,
דער סימבאָל
און די פּאַראָל!
געזינדיקט שווער,
כ'וועל נישט מער...
איך וועל פאַר דיר דאָס לעבן שטרעקן!
א י ך וועל קלאַפּן, א י ך וועל וועקן!
פאַרצייַ!

(גייט צו'ן אַ טויער; ציילט, קלאַפּנדיק)

איינס... צוויי...

(כאַפּט זיך)

נישט מער!
עס איז ביינאַכט געשטאָרבן ווער...

(גייט ווייטער, קלאַפּט)

„זי".

(וואָס האָט זיך אַרויסגעבלאָנקט)

און איך? וואָס וועט זיין מיט מיר?

(אַז קיינער ענטפערט נישט — אָפּ. צום קלויסטער-געסל)

לעקטאָר.

געוווסט פריער...

(פרוש און וואַנדערמאַן גייען זיך צופעליק אַקעגן)

פרוש.

נאַריש, נאַריש אַלץ און אײדל,
נאַריש אַלץ מיט אַנאַנד...

וואַנדערער.

אין מיזרח־ראַנד
שאַפט אַ פאַרבאָרגענע האַנט...

פרוש.

אַ רינגל נאָך אַ רינגל ציט זיך אַ קייטל...

וואַנדערער.

ליכטיקע שטראַלן בינדט זי
ראָזיקע נעפּעלעך שפּינט זי...
אַ נייער טאָג ווערט אויסגעוועבט!

פרוש.

עס ווערט נאַכט און עס טאָגט...
און נאַריש איז, אויב עמעץ זאָגט
ער האָט אַ נייעס דערלעבט!

וואַנדערער.

און אין האַרצן ־ ראַנד
שאַפט אַ פאַרבאָרגענע האַנט...
עס וועקט זיך אַ נייער קלאַנג.
עס שפּינט זיך אַ נייער פאַרלאַנג...
וועב דיך, בענקשאַפט, וועב

פ ר ו ש.

נאַריש אַלץ מיט אַנאַנדער!

(צום וואַנדערער, מיט אים באַגעגנט)

ווי לאַנג דו קענסט, לעב!
ווי לאַנג דו ווילסט, וואַנדער!
וועסט קיין ניי'ס נישט זען:
זיין וועט דאָס, וואָס ס'איז געווען

וו א נ ד ע ר ע ר.

(צעשראָקן)

עפּעס אין האַרץ דאָך בליט!
עפּעס טרייבט דאָך און עפּעס ציט
אָן א האַלט!
וו איז צוועק, ווו איז ציל?

ל ע ק ט א ר.

(שטרענג)

דאָס געהער נישט צום שפּיל

ר ע ז ש י ס ע ר.

(באַווייזט זיך, וואָרענענדיק)

די פאָרהאַנג פאַלט!...

(וואַנדערער און פרוש טרעטן ראַש אָפּ טיפער; די פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ).

וו א נ ד ע ר ע ר.

(כאַפּט אָן דעם פרוש)

דו ווייסט נישט?

פ ר ו ש.

ניין!

(פאָרהאַנג אינגאַנצן אַראָפּ)

## בדחן.

(הינטער דעם פאָרהאַנג)

אין שיל אריין!...
אין שיל...

(די פאבריק הייבט אָן פייפן און פאַרטייבט אַלץ און אַלע)

(פאָרהאַנג)